STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08061

ALMANAKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירושלימער אַלמאַנאַך

אויפן סדר־היום

ראַסיזם אונטער דער מאַסקע פון "אנטיראַסיזם"

פאַראַן אַזאַ שפּאַסיק רעטעניש ביי די אַרמענער — אַ פּאָרל שטייט אויפן טיש, וואָס איז דאָס ? איר ווייסט ניט ? — מיינע שטיוול.

אויף דער פראַגע צי שטיוול שטעלט מען דען אויפן טיש איז דער ענטפער : מיינע שטיוול, וווּ איך וויל, שטעל איך זיי — צי די שטיוול אויפן טיש, צי דעם טיש אונטער די שטיוול קיין חילוק נישט.

פונקט אַזאַ איז אויך דער ענטפער פון דער מערהייט אין אונ"אָ : מיר זענען די מערהייט, די אונ"אָ איז אונדזערע און ווי מיר ווילן, אַזוי שטימען מיר ! און ווילן מיר און דאַרפן מיר און לוינט עס אונדז, זענען די ציוניסטן — ראַסיסטן און מעג עס אין דער ווירקלעכקייט זיין פאַר־קערט, אַז ניט זיי זענען עס די ראַסיסטן, איז גילטיק, דאָס וואָס מיר האָבן אָפּגעשטימט.

ווער ווייסט עס ניט וועגן אַנואַר סאַדאַטס באַציונגען מיט די נאַציס און זיינע סימפּאַטיעס מיט זייער פילאָזאָפיע, דאָס הייסט מיטן ראַסיזם. סאַדאַט איז היינט דער מושל אין מצרים און זיין דעלעגאַט אין אונ"אָ איז עס דער ראש המדברים, דער פראָקוראָר פונעם ציוניזם און זיין, סאַדאַטס דעלעגאַט, באַשולדיקט עס דעם ציוניזם אין ראַסיזם.

עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז די אונ"אָ איז געוואָרן אַ פיליאַל פון דער אַראַבישער ליגע.

ווער ווייסט עס נישט, אַז די רוסן האָבן דעפּאָרטירט די טאָטערן פון קרים און סלאַוויזירט דאָס האַלב־אינדזל, אָפּגעבנדיק עס צו אוקראַינע, וואָס געהער סיי ווי צו רוסלאַנד, אָפּגעבנדיק עס צו די "בראַטיאַ פּאָ קראָווי" (ברידער לויטן בלוט), און אַלע דריי דעלעגאַטן פון ראַטנפאַרבאַנד, פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד באַשולדיקן אומ־פאַרשעמט אין אונ"אָ דעם ציוניזם אין ראַסיזם.

נאַצער האָט אויפגעהאָנגען קאָמוניסטן אין קאַהיר און מאָסקווע האָט געשוויגן.

די רוסן האָבן רעהאַביליטירט די טאָטערן טעאָרעטיש, נאָר פּראַק־טיש ווערן די טאָטערן, וואָס פּרוּוון אַרויפּטרעטן אויף קרימער ערד, גע־רודפט און די אַראַבישע מוסולמענער שווייגן זיי אָפּ צוריק.

אַ טובה פאַר אַ טובה.

אין ביאַפרע האָט מען אויסגעקוילעט אַ שבט פון צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן נפשות און די גאַנצע אונ"אָ־וועלט האָט געשוויגן.

אין איראַק קוילעט מען קורדן, ווייל זיי זענען ניט קיין אַראַבער.

אין לבנון קוילעט מען קריסטן, ווייל זיי זענען ניט קיין מוסולמענער.

סאַראַ גאָלדענע, סאַראַ יושרדיקע וועלט, ווען ניט די ציוניסטן וואָלט עס דאָך געווען אַ וועלט פון כולו זכאי.

ירושלימער
אַלמאַנאַך

5

1975

יידישע שרייבער־גרופּע אין ירושלים
פאַרלאַג „אייגנס"

JERUSHALAIMER ALMANACH

Yiddish Writers Group in Jerusalem

רעדאַקטאָר: יוסף קערלער

מיטרעדאַקטאָרן: דוד ספאַרד, אפרים שעדלעצקי

רעדאַקציע־סעקרעטאַר: מאיר חרץ

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון ירושלימער שטאָט־פאַרוואַלטונג (קולטור־דעפּאַרטאַמענט), משרד הקליטה און אַבסאָרבציע־אָפּטייל ביי דער סוכנות.

כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל 1975

©

בדפוס קואופרטיבי "אחוה" בע"מ, ירושלים

אינהאַלט:

אויפן סדר היום

ראַסיזם אונטער דער מאַסקע פון "אַנטיראַסיזם" 2

קיום

טאַלי שורק / די קאָלירן פון שלום 7
זיאַמע טעלעסין / לחיים! 9
אהרן אַפּלפעלד / דאָס פערד און זיין רייטער (דערציילונג) 15
שלמה קרעמער / דער מעמד פון אומקום אין די דערציילונגען פון אהרן
אַפּלפעלד 23
מאיר חרץ / לידער 30
יחיאל גראַנאַטשטיין / אַ צופעליקע באַגעגעניש (דערציילונג) 36
רחל בוימוואָל / יידלאַנד 43
לייב אַליצקי / דריי לידער 47
בנימין לובעלסקי / גלויבן (סקיצע) 51
דוד ספאַרד / טאָג־איין, טאָג־אויס 57
יוסף קערלער / די פייל פון רעגנבויגן 63
ז. ברכות / אין זאַמדיקע קליידער (עפּיזאָדן) 68
שלמה רויטמאַן / וואָרצלען 75
זאב עדרי (וולאַדיסלאַוו באַנק) / דזשאַרש 79
סטאַניסלאַוו (יהושע) וויגאָדסקי / פון בוך "אַ ווינטער־רייזע" 87
"אַ ווינטער־רייזע" פון סטאַניסלאַוו וויגאָדסקי / פון א. רוט 90
נחמן ראַפּס / אַ סאָלאָוויי אין ברענענדיקן וואַלד (דערציילונג) 91
יונה בערקמאַן /ביים בוים פון אמת 104
קלמן סעגאַל / דער זקן, וואָס איז דאָרט פאַרבליבן (פראַגמענט פון אַ ראָמאַן) 108
קינסטלער שמואל אַקערמאַן 118
עליע ווערבלון / אויף די סטרונעס פון האַרץ 119
דוד־הירש ראַסקעס / די באַסטאַנער 121
יאָסל חריף / שמואל הנביא צוריק אין ירושלים 128

מע זאָל עס דערציילן אין פריידן...

אהרן מענדעליעוויטש / אין מאָסקווער "עמעס" (זכרונות) 130
אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן / אין אָנדענק פון איציק קיפּניס 139
זאַמי פעדער / "דיערעוואַ נאַ דערעוויע" (אַ בילדל פון לאַגער) 145

צו דער ערשטער יאָרצייט פון ירחמיאל בריקס ז"ל 150

שרייבער און ווערק

לייב ראָכמאַן / דער יידישער שרייבער דאָ און דאָרט 151
דב סדן / צווישן באַטייט און שפּיל 157
לייב אָליצקי ז״ל (נעקראָלאָג) 165
דוד ספּאַרד / קריטישע פּאַרצייכענונגען 166
ד״ר גרשון וויינער / יודל מאַרק ז״ל און דער ווערטערבוך 172
אברהם ביק / ירושלים פון די אַפּגרונטן (וועגן שמואל־יוסף עגנונס ראָמאַן „תמול שלשום״) 176
שלמה רויטמאַן / דער טרובאַדור פון פאַרשניטענעם שטעטל 182

מיט אַ שמייכל...

רחל בוימוואָל / מעשהלעך פאַר דערוואַקסענע 191
ל. פּאַדאַליער / עפּיגראַמאַטיש 194
פעליקס קריווין / קאַליידאָסקאָפּ 196
אויף די גאַסן פון ירושלים / פון קינסטלער אליהו שוואַרץ 199

ידיעות פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים

יעקב קעלמאַן / אין צענטער פאַר פאָרשונג און דאָקומענטאַציע פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום 201
מאיר חרץ / וועגן אַ ביבליאָגראַפיש ווערק 203

פּנחס ספּיר ז״ל — דינאַמישער בויער און שאַפער / פון ג.ר. 206
פאָטאָ־בילדער און קאָמענטאַרן 209

פון אַלמאַנאַך צו אַלמאַנאַך 212

● לזכרון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד: ירושלים, אזכרה־אָוונטן אין תל־אביב, אויפנאַמעס אין תל־אביב און בת־ים, אין חיפה אין בת־ים.
● נחמה ליפשיץ — צוואַנציק יאָר מיטן יידישן ליד ● אָרום דעם אַלמאַנאַך ● קבלת פּנים פאַר בנימין שלעווין ● נייע פאַרוואַלטונג פון דער ירושלימער יידישער שרייבער־גרופּע ● אַ בריוו אין רעדאַקציע.

נייע ווערק

פון בינם העלער, לייב קורלאַנד (זייט 74)
פון יחיאל גראַנאַטשטיין, לייזער ווילענקין (זייט 208)
פון י. ח. בילעצקי; זאַמלונג — „יידן אין סאָוועטרוסלאַנד״ (זייט 138)

קיום

די קאָלירן פון שלום

אין באר־שבע לעבט זיך אַ שוואַרצחנעוו־דיק מיידעלע, טאַלי שוׂרק (סאַרעק) איז איר נאָמען. זי לערנט זיך אין נײַנטן קלאַס פון דער דאָרטיקער מיטל־שול.

גלײַך נאָך דער יום־כפּור־מלחמה האָט זי אָנגעשריבן אַ ליד ״דאָס קעסטעלע מיט פאַרבן״.

דאָס דאָזיקע ליד האָט באַקומען דעם ערשטן פּרײַז אויפן קאָנקורס, וועלכן ס'האָט פּראָקלאַמירט אונדזער מיניסטע־ריום פאַר קולטור און דערציונג. שפּע־טער איז דאָס ליד איבערזעצט געוואָרן אין ענגליש און איטאַליעניש.

ווייסן מיר נישט, צי ווערט טאַקע דאָס באַגאַבטע מיידעלע אויסוואַקסן אַמאָל אַ דיכטערין פון גאָטס גענאָד, אָבער ״דאָס קעסטעלע מיט פאַרבן״ איז בלי שום ספק אַן אמת פּאָעטיש פּערעלע, וואָס באַרײַ־כערט אונדזער נשמה מיט יענער ציכטיקער אומיטלבאַרקייט, דיכטערישער פּשטות און חן, וואָס לאָקן אונדז כסדר ביים טאַ־לענטירטן קינד און ביים עכטן קינסטלער. מיר דרוקן הײַנט דאָס ליד אין דער פרײַער איבערדיכטונג פון עברית.

טאַלי שׂורק

דאָס קעסטעלע מיט פאַרבן

פאַרמאָגט האָב איך אַ קעסטעלע
מיט כל המינים פאַרבן:
ליכטיקע און טונקעלע,
צערטלעכע און האַרבע.

ס'איז פול געווען מײַן קעסטעלע
מיט אַלערליי קאָלירן,
איינע — פלעגן וואַרעם זײַן,
די צווייטע — פלעגן פרירן.

נישט געווען ביי מיר קיין רויט
פון בלוט אין שלאַכט פאַרגאָסענעם,
נישט געווען ביי מיר קיין שוואַרץ
פון צער ביי די פאַריתומטע.

נישט געווען ביי מיר קיין ווייס
פון פנימער ביי מתים,
נישט געווען ביי מיר קיין געל
פון מדבר־זאַמדן בייזע,

נאָר געהאַט האָב איך אָראַנזש
פון שמחה פון צעקוועלטער,
און געווען ביי מיר איז גרין
פוןביימער און פון פעלדער

און געווען איז — הימל־בלוי,
פון איבער בערג און טאָלן,
ראָז געווען — פון טיפסטן גליק
וואָס קומט אַ מאָל אין חלום...

האָב איך זיך אַוועקגעזעצט
און אויסגעמאָלט
דעם שלום.

יידיש — יוסף קערלער

זיאַמע טעלעסין

לחיים!

קמץ־אַלף־אָ

גאָלדע נעמט לערנען די אייניקלעך ייִדיש, —
זאָל זיין אין אַ גוטער שעה!
די סברישע אויערלעך הערן פאַרחידושט:
קמץ־אלף־אָ.

— אַ קמץ זאָל זיין גאָר אַן „אָ“ ניט קיין „אַ“? —
די אויגעלעך פרעגן אַ פראַגע אַזאַ, —
— האַ?

— ניט שוין זשע די סבתא ווייסט שלעכט דעם ניקוד, —
קען ווער פון די אייניקלעך קלערן.
דאָ זאָג איך: זי ווייס דעם ניקוד זייער גוט,
מיט אים האָט זי זאַלץ אויפגעגעסן אַ פוד,
איך קאָן אייך שווערן.

ווער ווייס אַזוי גוט צו דערציילן אייך, טייערע,
אַזוי ווי די באָבע ווייס,
ווי אויפן פריפעטשיק ברענט אַ פייערל
און אין שטוב איז הייס,

ווי ס׳רייסט פונעם דאַך די פאַרמאַכיקטע שינדעלעך
דער ווינט, וואָס איז קאַלט און בייז,
ווי ס׳לערנט דער רבי אונדזערע קינדערלעך
דעם ייִדישן אלף־בית.

ווער ווייס אַזוי גוט צו דערציילן אייך, טייערע,
אַזוי ווי די באָבע ווייס,
ווי ס׳ליגט אויף די שטעטלעך אַ הימל אַ בלייענער,
פון ערגעץ מע זעט ניט קיין טרייסט . . .

ניט קיין געטרונקענע, ניט קיין געגעסענע,
אַזוי ווי די שאָף פאַרשמאַכט.
די שפּראַך פון די אבות שוין לאַנג אַ פאַרגעסענע
געבליבן איז נאָר אין תנ"ך.

ווער ווייס אַזוי גוט צו דערציילן אייך, טייערע,
אַזוי ווי די באָבע ווייס,
ווי ס'האָט אונדזער יידיש געגומען זיך שייערן,
געוואָרן אַ לעבן די גרייס.

אָן יידיש פאַרבלייבן דאָס פאָלק אונדזערס וואָלט דען
און איבערגעטראָגן דעם בראָך ?...
דאָס אַלץ מיט די אייניקלעך לערנען וועט גאָלדע,
דאָס אַלץ און עפּעס נאָך...

לערנט זשע אייניקלעך, ניט צו פאַרזאַמען,
אַ קאַפּעלע שפּעטלעך די שעה...
איז גוט לאָמיר זאָגן אַלע צוזאַמען:
קמץ־אלף־אָ!

##ביים נחל קישון

תפשו את נביאי הבעל איש אל ימלט מהם
ויתפשום ויורדם אליהו אל נחל קישון
וישחטם שם. (מלכים א׳, פרק יח, מ)
וכתתו חרבותם לאתים
וחניתותיהם למזמרות.
(ישעיה, פרק ב)

וויי־וויי, וואָס דאָ האָט זיך געטאָן
ביי אָט דעם טייכעלע קישון!

דער נביא אליהו האָט
אין יענער גורלדיקער שעה
די פריסטער פונעם פאַלשן גאָט
ביז איינעם אויסגעשאָכטן דאָ.

פיר הונדערט פופציק זענען זיי
געוועזן ווי אין ״מלכים״ שטייט,
כ׳זאָל זאָגן אייך אַז איך פאַרשטיי
פון אָט דער מעשה דעם באַשייד ?...

פון מאָרד־געשיכטעס כ׳בין שוין מיד.
כ׳וואָלט גלייכער פון אַ שמיד געהערט,
וואָס האָט שוין ענדלעך אויסגעשמידט
אַן אַקער־אייזן פון אַ שווערד...

נאָר ניט פון דעם איז איצט מיין ליד.

מיין ליד פון דאַנען הויבט זיך אָן,
אַוווּ ס׳איז אַזוי זוניק־העל,
ביי אָט דעם טייכעלע קישון,
וואָס פליסט אין עמק יזרעאל.

ווען ס׳הייבן אָן די רעגנס גיין,
פאַרפלייצט עס דאַן דעם גאַנצן פליין.
ווען ס׳הייבן אָן די היצן שטיין,
אים קאָן אַ הון אַריבערגיין.

די היצן מעגן זיין ווי גרויס
און האַרט די ערד אונטערן פוס,
נאָר קיינמאָל טריקנט עס ניט אויס,
צום ים זיך שלאָגט אַדורך זיין פלוס.

אויף זיינע ברעגן אַזאַ וועלט,
ווו מילדע רו און שפע הערשט.
אויף לינקס אַ פעלד,
אויף רעכטס אַ פעלד.
דאָ גייט דער שניט,
דאָ זייט מען ערשט.

אַלץ מיט אַ מאָל ! אַזאַ מין זאַך
איז מיר פון פריער ניט באַקאַנט...
אַראָפּ כ׳גיי טיפער פונעם שליאַך,
כ׳צערייב אַ זאַנגעלע אין האַנט.

צום באַרג זיך טוליעט אַ קיבוץ.
ניט ווייט — צעוואָרפן אַ מושב.
כ׳דערזע דאָ ווי אַ גדרה־שוץ
אַ קעלבל שפּרינגט אַריבער זשוואַוו.

עס גיט צום טייכל זיך אַ לאָז
מיט קעלבערנעם התפּעלות־שפּרונג.
דאָס מאָרדעלע אַ טונק אין גראָז,
אין גראָז דאָס מאָרדעלע אַ טונק.

נאָך אים — אַ ייִנגעלע. פאַרשאַרצט
די הייזלעך העכער פון די קני.
מיין ייִדיש ייִנגעלע מיין שוואַרצס,
מיין פרידלעך פויערל פון הי!

אַ געזאַנג דעם "שבע, שבע, שבע"

שבע, שבע, שבע
גיסט אָן מיר אין מיין כוס.
אויב ס׳איז נאָר צוויי מאָל שבע
איז ווייסט, אַז ס׳איז ניט דאָס.

און אויב ס׳איז איין מאָל שבע —
דאָס טויג אין גאַנצן ניט.
נאָר שבע, שבע, שבע
אַ צווייטן כוס מיר גיט.

וואָס, בגילופין בין איך?
כ׳בין שיכור פון דער פון,
ווייל אינעם כוס געפין איך
דעם טעם פון אונדזער זון.

זי איז דורך כרמל־טרויבן
אַריין אינעם געטראַנק.
ס׳דאַרף קיינער ניט דערלויבן
מיר זינגען מיין געזאַנג:

״הוליע, הוליע, הוליע !
אין ברענענדיקן קראַנץ
דער טייוול אויף אַ קוליע
די ״באַריניע״ דאָרט טאַנצט.

איך וויל מער ניט די ״באַריניע״,
איך וויל ניט דעם ״האָפּאַק״.
אַ האָראַ גיט אַ וואַרעמע,
אַ האָראַ מיטן קנאַק !״

דאָ ביי מיין טיש, זייט וויסן,
כ׳בין אויס עולה חדש.
איז גיט מיר נאָך אַ ביסל
די זוניקייט פון פלאַש !

שבע, שבע, שבע !
איך האָב גאָרניט געוווּסט
ס׳איז ביי דער פלאַש אַ טבע
אין גאַנצן ווערן פּוסט.

פון חיפה ביז באר שבע
זאָל הערן זיך מיין קול, —
גיסט אָן כאָטש צוויי מאָל שבע,
גיסט אָן כאָטש איין מאָל שבע,
גיסט אָן — זאָל זיין ניט שבע,
זאָל זיין לחיים — זאָל !

אויפן ים־ברעג

אויפן ים־ברעג אין אשדוד
די היץ, זי גיסט זיך איבער.
אוי, ס׳אַ מחיה ! ווי אין באָד
דו שוויצסט דאָ ווי אַ ביבער.

די זון אַרויס איז אויף דער גיך
און מיט איר שטראַלן־בעזעם

זי בעזעמט, בעזעמט, בעזעמט דיך —
איך פיל ווי כ'ווער גענעזן.

פון בלענד די אויגן צוגעמאַכט
אָן בגדים, נאָר אין מיצן
מיר ליגן יידן דאָ אַ סך,
די קרענק, וואָס מיר האָבן געבראַכט
הייבט אָן אַרויסצושוויצן.

דער זאַמדיק־שמאָלער ים־ברעג־פּאַס
פון אשקלון ביז חיפה
איז דאָ דיין קרים און דיין קאַווקאַז,
עס טראָגט אויף דיר קיין ברעקל כעס
די בלויע וועל די שטייפע.

אין אויטאָבוס

אָפּגעטראָטן האָב איך אים מיין אָרט —
דעם בחור מיט דעם "עוזי" אויפן אַקסל.
ער איז געווען פאַרשטויבט און שטאַרק פאַרוואַקסן, —
ווייזט אויס פון "מלואים" אַהיים ער פאָרט,
זיך אָנגעהאָרעוועט גענוג ער האָט זיך דאָרט.

— תודה רבה! — ער האָט מיך שיין באַדאַנקט
און נעמט מיך אָן ביים אָרעם מיט דער האַנט
און זעצט מיך אויף מיין פּלאַץ צוריק אַנידער.
זיין יונגער שמייכל אַ גוטמוטיק־מידער
אויף זיינע ווייסע ציין האָט זיך צעבלאַנקט.

דער גאַנצער אויטאָבוס האָט אויפגעוואַכט —
ס'האָט יעדערער פאַר אים זיין אָרט געבראַכט.
אַזוי פיל ערטער דאָ פאַר אים פאַראַנען!
נאָר ער איז שטיין געבליבן ווי געשטאַנען —
ווי דאָ וואָלט ער געווען אויך אויף דער וואַך.

אהרן אפּלפעלד

דאָס פערד און זיין רייטער

(דערציילונג)

אַז דער פרילינג איז געקומען, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. די ערד האָט צוריקגעגעבן איר לעבן דעם באַשאַפער. די אָפּגעמאָגערטעביימער האָבן ווידער זיך איינגעהילט אין זייער גרויען לבוש. כאָטש דער פרילינג האָט געשטראָמט צופיסנס די בערג, האָט זיך נישט געמערקט קיין שום ענדערונג. די ווינטן זענען געוואָרן שאַרפער. אין די אָוונטן זענען זיי געוואָרן ווי מעסערס, וואָס שלייפן זיך איינאַנדער. אַלץ איז צוריק געוואָרן בראשית, ווי מענטשן וואָלטן קיין מאָל נישט געלעבט — בלויז הימל און ערד אַליין.

די הייזקע איז נאָך געשטאַנען, אָבער זי האָט שוין געהאַט פאַרלוירן דעם אַמאָליקן אויסזען. בלויז געדיכטע קלעטער־פלאַנצן האָבן זיך געצויגן איבער די ווענט. אַביסל פריער האָט אַ פויער אַרויסגעפירט צוויי קי פון דער שטאַל. זיי האָבן געמעקעט, געווילדעוועט. ער האָט זיך מיט זיי געראַנגלט אַביסל און איז נעלם־געוואָרן. געבליבן איז בלויז דאָס פערד, אַ לעבעדיקער עדות פאַר וועמענס אויגן אַלץ האָט זיך דאָ אַזוי געענדערט. אינעווייניק האָט געוואוינט יאַנעק.

ביי נאַכט איז געקומען אַ פרעמדער, אַנגעקלאַפּט אין טיר. אַ דאַרער מאָגערער מאַן געווען, אַ שאָטן, וואָס באַוועגט זיך דאָ טייל מאָל אין די נעכט. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע. „וועסט זי דאָ נישט קענען איבער־לאָזן", האָט געזאָגט דער פרעמדער, „זי וועט קיין רו נישט האָבן". יאַנעקס בליקן זענען געווען ווייט אין זיך. די הענט אויפן טיש, פאַרשטומטע. דאָס קול פונעם פרעמדן איז געווען ווייך, ווי אַ קול קען בכלל זיין. „קאָנסט זי נישט איבערלאָזן דאָ, זי דאַרף געבראַכט ווערן צו רו".

יאַנעקס האַר, אויסגעדרעשעט אין משך פון די יאָרן דורכן ווינט, זענען געוואָרן שיטערער. דער פרעמדער האָט געפרעגט, יאַנעק האָט אים נישט געענטפערט.

אַ טיפע נאַכט האָט אַראָפּגענידערט, צו זעטיקן דעם שלאָף פון אַלץ אַרום. דאָס פערד האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, האָט געקוקט דעם פאַדוואַר מער ווי דעם אייגענעם גוף. די טירן פון דער שטאַל זענען געשטאַנען צעפראַלט, ווי נאָך אַ רויב.

צומאָרגנס האָט דער פרעמדער זיך געפעדערט. געקומען מיט דעמערונג. ער האָט מיט יאַנעקן גערעדט שטיל, ווי ער וואָלט אים אין די ווערטער געוואָלט אַריינ־טריפן. „דו וועסט זי דאָ נישט קענען איבערלאָזן. יעדער איינער וויל קומען צו רו".

יאַנעק איז געווען שטייף, ווי ער וואָלט זיך נאָך קיין ריר נישט געטאָן זינט יענער האָט אים דאָ איבערגעלאָזט. דאָס פּנים זיינס איז געווען פאַרברוינט ווי קופּער, טרויער האָט געגעסטעט אויף זיין שטערן.

"די דינים פון אונדזערע אבות פאַרלאַנגען צו ברענגען צו קבורה אונדזערע טייערסטע. דאָ איז אַלץ לער און טמא, דער פרילינג וואַקסט ווילד".

ווי אַן עלטערער ברודער האָט ער אין אים אַריינגערעדט, ווי ווייך די רייד זענען געווען האָבן זיי אָבער פאַרט געריצט די ווונדן. לסוף איז דער פרעמדער אַנט־שוויגן געוואָרן. אַנטקעגנאיבער יאַנעקן האָט ער אויסגעזען קליין, שטאָטיש, מיט אַ בלאַס געזיכט. יאַנעקס פאָטער פלעגט יענעם פאַרטרייבן מיט אַ שטעקן, ווי אַ ווילדן פויגל. יאַנעק האָט אים איצט נישט פאַריאָגט, ווי ער וואָלט געוווסט, אַז ער וועט אים דאַרפן, געגנוי ווי פויערים רירן נישט אָן די פרעמדע שאָטנס, וואָס קלע־טערן פרילינג אויף זייערע פענצטער.

* * *

אינעם פענצטער האָט געשטעקט דער קאָפּ פונעם פערד. זיין פּנים אויסגע־דאַרט פון הונגער האָט געהאַט אַ פאַרשמעלערט, כמעט אַ צאַרטן אויסזען, ווי עס וואָלט געהאַלטן ביים פאַרלירן דאָס לעצטע ביסל האַריק־אָפּגעבליאַקעוועטע פעל זיינע. "ראָזעק", האָט יאַנעק אַ פליסטער געטאָן, ווי אַ נישט־דאַאיקער. דאָס פערד האָט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ זיינעם, יאַנעקן האָט אָנגענומען אַ רחמנות אויפן באַשעפעניש.

דער פרעמדער איז ווידער אַמאָל געקומען. יאַנעק האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן זיינע. יענער האָט זיך אָביסל געוויגערט צו ריידן. אַ שטילקייט, אַזאַ, וואָס איז געמאָלט נאָר צווישן מענטשן, איז געשטאַנען צווישן זיי. "כ'בין געקומען", האָט יענער ווי זיך פאַרענטפערט.

"וואָס ווילסטו?", האָט יאַנעק געפרעגט ווי אַ פויער וואָס פּרוווט זיין כוח אינעם משא־ומתן, אומבאַהאָלפן.

"איך קאָן־נישט נישט קומען", האָט געענטפערט דער פרעמדער.

"ווער האָט דיך געשיקט? מיר ווייסן", איז דער פרעמדער אַריבער אויף לשון רבים, "מיר קאָנען נישט פאַרגעסן אונדזער בלוט און פלייש".

"איך קען דיך נישט, כ'האָב דיך דאָ נישט געזען", האָט יאַנעק געזאָגט, און געהערט האָט זיך דאָס, ווי די טענה פון אַ פויער: איך גלייב נישט אין קיין רוחות.

— "כ'פלעג דאָ טייל מאָל קומען".

— "אויב אַזוי האָב איך דיך געדאַרפט קענען".

— "דיינע עלטערן האָבן אונדז גוט געקענט", איז ער ווידער אַריבער אין מערצאָל, "זיי האָבן זיך פון אונדז דערווייטערט, אַנטריגען".

אַ יאָר פריער זענען יאַנעקס טאַטע־מאַמע געשטאָרבן בעת דער טיפוס־עפּי־דעמיע, וואָס האָט געפּאַנעוועט אינעם דאָרף. אין איין טאָג זענען ביידע אויסגע־גאַנגען. לאַנג האָט דאָס דאָרף גערעדט וועגן דעם פאַרכאַפּטן טויט זייערן, געזען

אין דעם אַ שטראָף פון אויבן. "די יאַדאַוויצער האָבן געלעסטערט זייער גאָט", האָבן די פויערים געזאָגט.

שטילע טעג זענען געקומען אויף דעם גוט. די רעגנס האָבן אויפגעהערט. דאָס ווילדגראָז איז געוואַקסן, קיינער האָט דאָס נישט געשטערט. פייגל האָבן אויס־געפילט דעם חלל מיט געשריי. יאַנעק איז אויפגעשטאַנען ווי נאָך אַ טרינקען זיך. פויערים האָבן זיך געדרייט אַרום, אָבער זיך נישט דערנענטערט. פויערטעס, וואָס פלעגן דאָ פאַרבײַגיין צום טײַך, האָבן אויסגעזוכט אַן אַנדער שטעג. "ווען גאָט צאַרנט, טאָרפן נישט מענטשן אים נאָך מער דערצערענען", פלעגן זיי זאָגן, ווען קיין רעגן איז נישט געפאַלן.

אונטן האָבן געגרינט די שטיינערנע צלמים. זייער נאַקעט־געלער אויסזען האָט זיך באַדעקט מיט געוויקסן. פריילינג זענען זיי געלעגן ווי אין אַ וויגל. דער זכרון, וואָס האָט געהאַט פון יאַנעקן זיך אָפּגעטאָן אויף אַ שטיקל צײַט, האָט פּאַמעלעך צוריק צו אים אָנגעהויבן פויזען, אַרומנעמען זײַנע שלייפן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער מיט זײַן פאָטער האָבן געגראָבן דאָ די ערשטע גריבלעך אינעם סאָד. דער טאַטע איז נאָך דעמאָלט געווען ביי זײַנע פולע כוחות, באַאַרבעט דאָס פעלד מיט גרויס חשק, גאַרנישט ווי קיין פויער. "מאַמע ערד!", האָט ער גערופן די פאַרשאָלטענע פעלדזן, ווי אַ פאַרליבט ייִנגל, וואָס פאַלט אַרײַן אין דער נעץ פון אַ הפקרניצע.

אַלע פויערים האָבן געוווּסט מיט וואָס עס שמעקט די אָ ערד, וואָס דער פּריץ האָט זי פאַרדזשערזשאַוועט פאַר אַ ביליקן פּרייז. דורות־לאַנג איז זי, די ערד, געווען הפקר און פאַרוואַרלאָזט. דער פאָטער זײַנער האָט אָבער געזען אין דעם ווינען דאָ אַן אויפטו, און אפשר איז דאָס געווען צוליב דער שנאה צו זײַנע ברידער־ייִדן. ער האָט געוואָלט זײַן ווייט פון זיי, קיין שום מענטש פון שטאָט זאָל אָהער נישט דערגרייכן, קיינער פון די דאָרפסגייער זאָל זײַן שוועל נישט איבערטרעטן, אַליין זאָל זײַן גרין, בלויז גרין.

די פויערים האָבן געשטוינט, געקוקט פון דער ווייטנס, ווי דער טאַטע זײַנער רײַצט זיך מיט דער ערד, אויף וועלכער עס האָט געהויכט די קללה פון דורות. קיין פרייד האָט די ערד טאַקע נישט געגעבן. וואָס דער ווינט האָט איבערגעלאָזט, האָט דאָס פעלד פאַרפוילט אין זיך. בלויז אין יאָרן פון גוטער גערעטעניש, און זיי זענען געווען קנאַפּע, האָט די ערד דאָ אַרויסגעגעבן ווי אויף חוזק אַביסל קאַר־טאָפל. דער פאָטער האָט דאָס אָבער נישט גענומען צום האַרץ. ס'האָט אים געצויגן צו דער ערד, ווי צו סם. אַן עקשן איז ער געווען, און אַזוי אויך דערצויגן דעם זון זײַנעם. ווינטער האָט ער זיך געבאָדן אין טײַך, געמאַכט ווייטע שפּאַצירן אין טיפן וואַלד אַרײַן. אַ ריח פון זשיוויצע האָט זיך געטראָגן פון זײַנע בגדים נאָכן צוריקקומען פון דאָרט. צו אַכט יאָר האָט יאַנעק שוין געקענט אײַנשפּאַנען אַ פערד, רײַטן אויף אים שטייענדיקערהייט, צוימען אַ צעווילדעוועטע בהמה. אומזיסט האָט די מאַמע זיך געפּרוּווט אַרײַנמישן. אַ שוואַכע פרוי געווען, איז נאָכגעקומען אַלע משוגעתן פון איר מאַן. פון מאָל צו מאָל פלעגן דאָ אַ פּאָר ייִדן פון שטאָט אָנקומען,

אַראָפּפאַלן ווי שוואַרצע קראָען. דאָס זענען געווען קוזינען. זיי זענען געקומען איבעררעדן דעם משומד. זיי האָבן זיך דערנענטערט אַהער אויף די שפּיץ פינגער, צעיאָכמערטע; צום סוף זענען זיי אַריין רעדן מיט דער מאַמען. באַלד האָט דער טאַטע זיך אַריינגעריסן אַהין, זיי אַרויסגעיאָגט. יענע פלעגן דאַן אַנטלויפן אינעם וואַלד אַריין; אין יאַנעקס אויגן האָבן זיי אויסגעזען ווי אויסגעמאַגערטע ווינטער־פייגל, וואָס מען דאַרף פאַריאָגן פונעם פּאַדוואָר.

אין די ווייטע שטעטלעך האָבן זיי געהאַט פעטערס, קוזינען, אַן אַלטן זיידן. די מאַמע פלעגט אין דער שטיל, פאַר זיך אַליין, דערמאָנען זייערע נעמען. פאַרן טאַטן האָט זי דאָס אָבער נישט געוואַגט צו טאָן.

די ערד, אין וועלכער דער פאָטער זיינער האָט זיך אַזוי געקלאַמערט, האָט קיין פּרוכט נישט געגעבן. זי איז געווען פעלדזיק, קיין בוים האָט זיך דאָ אפילו נישט געהאַלטן. נישט איין מאָל האָט אַ פאַרביגייענדיקער פויער זיך אָפּגעשטעלט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט: אומזיסט, דאָ וועט קיין שום זאַך נישט וואַקסן. דאָס קול פון זיינע עלטערן האָט דאָס גערעדט פון דעם פויערס מויל. יעדער פון זיי האָט געוווּסט, צו אַט דער ערד טאָר מען זיך נישט צורירן, בלויז נאַרישע מענטשן וועלן אַריינזעצן דאָס אייזן אין אַזאַ שלאַנגען־פעל. יאַנעקס פאָטער האָט זיי אָבער נישט געהערט. ער האָט געאַרבעט, פון קיין שום מידקייט נישט געוווּסט.

* * *

שווערע טעג זענען געקומען. דער פאָטער האָט געמוזט אַרבעטן אין דעם רייכן גוט פונעם פּריץ, צוזאַמען מיט אַנדערע "פּאַראַבקעס". ווען ער איז ביי נאַכט צוריקגעקומען, איז ער ווי אַ זאַק אָוועקגעפאַלן אויפן געלעגער. "לאָמיר אָוועק פון דאַנען, צוריקגיין אין שטאָט אַריין!" — פלעגט די מאַמע פליסטערן אין די נעכט. דער פאָטער פלעגט אויף איר אַנשרייען, און אַז יאַנעק איז גרעסער געוואָרן, האָט ער אויך אָנגעהויבן אַרבעטן אינעם גוט פונעם פּריץ. דאָס אייגענע שטיקל ערד איז געבליבן ביים אַלטן אויסזען: ווילדגראָז, דערנער, פעלדזן.

יאַנעק איז געוואַקסן אַ שטאַרקער, מאַסיווער. ער איז געווען דער שטילער שטאָלץ פון זיין טאַטן. וועגן זיינע יאָרן אין שטאָט האָט ער נישט גערעדט, ווי זיי וואָלטן אויסגעמעקט געוואָרן פון זיין לעבן. די פעטערס פון שטאָט, וואָס פלעגן אַריינפאַלן אויף אַ ווייל, זענען באַלד ווידער פאַרשוווּנדן. זיי האָבן נישט געוואַגט אַ סך מאָל אַריינצוקומען אינעווייניק. די מוטער פלעגט דאַן צו זיי אַרויסגיין, אַראָפּנידערן צום טייך. שווערע ווינטערס געווען. דער פאָטער האָט אָנגעהויבן אַהיימקומען אַ שיכורער, געזידלט, געשריגן. טייל מאָל אפילו געווען מאָדנע פרייד־לעך, פאַרליבט אין זיין ווילדער נחלה. אָן אַנדער ריח האָט זיך דעמאָלט געטראָגן פון זיינע מלבושים. ער פלעגט איבערחזרן זיינע שטענדיקע רייד, ווי ער וואָלט נישט געאַרבעט מיט די "פּאַראַבקעס" צוגלייך, ווי ער וואָלט נישט געשטאַנען יעדן פאַרנאַכט אין דער ריי צו באַקומען דעם אָרעמען טאָג־לוין פונעם עקאָנאָם.

די מאַמע איז קראַנק געוואָרן. דער רופא איז געקומען פונעם דאָרף, איר געגעבן

טרינקען רפואות. יאַנעק איז געגאַנגען צו דער אַרבעט אָן דעם טאַטן, און אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געבראַכט מיט זיך דאָס לשון פון די שקאָצים. דער טאַטע האָט אים געשלאָגן, יאַנעק האָט געקריצט מיט די ציין. די עפּידעמיע האָט אויך דאָס הויז נישט אויסגעמיטן. אין זעלבן טאָג, ווען ביידע זענען געשטאָרבן, האָבן זיך מיט אַ מאָל געיאָוועט, ווי דער ווינט וואָלט זיי אָנגעיאָגט, מענטשן אין שוואַרצן. דאָס זענען געווען די שטאָטישע פּעטערס. זיי האָבן געשפּאַנט פּאַמעלעך מיט צעשראָקענע אויגן, ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַנדערע וועלטן. יאַנעק, הויך ווי אַ דאָמב, איז געשטאַנען פון דער ווייטנס. ווי אַ פויער שטייט פאַרן צלם, פאַרשטומט, אָן לשון. "טראָגט אייך אַלע פון דאַנען אָפּ!", האָט ער אויסגערופן באַפעלעריש. יענע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פאַרהאַלטן זייערע טריט. "מיר זענען געקומען זיי נעמען", האָט איינער פון זיי געזאָגט אין יאַנעקס לשון. זיי זענען געווען מער ווי יאַנעק האָט געמיינט. אַ רגע האָט ער געוואָלט אויף זיי אויפהייבן דעם סערפּ, פאַרטרייבן פון דאַנען. יענע האָבן זיך איינגעבויגן, אין זייער שוואַרצער קליידונג, צוגעפאַלן צו דער ערד. זיי זענען אַריין אינעווייניק. די שטומע קולות האָבן זיך געשטאַרקט. זיי האָבן געוויינט. דער שטאָטישער ריח זייערער האָט אים געשלאָגן אין פּנים אַריין. ער איז אַרויס. שעהן אַרומגעגאַנגען ווי אַ קוילנגרעבער אונטער דער ערד, מיט געשלאָסענע אויגן. טעג האָט מען אים נישט געזען אין שטוב. ער איז אַוועקגעריטן אויף "ראָזעקס" פּלייצע, אַוועק אין וואַלד אַריין. דאָס מאָל זיבן מאָל אַרומגעקרייזט די כאַטע, נישט אַריין אינעווייניק. אין דאָרף האָט זיך גיך צעטראָגן די בשורה: די יאַדאַוויצערס זענען געשטאָרבן.

ווען יאַנעק איז צוריקגעקומען האָט ער געוווסט: די שוואַרצע פייגל, וואָס האָבן זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט, האָבן צוגענומען טאַטע־מאַמע, אַוועקגענומען אין די מרחקים אַריין. זייער טויט איז געפאַנגען אין יענע הענט, נישט צום אַנטרינען ווערן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ תם, וואָס כאַפּט זיך צו שפּעט, וואָס עס האָט פּאַסירט. ער האָט דאָך יענע נישט געשטערט, ער האָט זיי דאָך געקענט שלאָגן, פאַרטרייבן, אָבער דאָס נישט געטאָן.

די ווינטער־רעגנס האָבן זיך געשטאַרקט, יאַנעק איז פאַרזינקען אין שלאָף. אין חלום איז ער פיל מאָל אַרויס אויסלייזן זייער טויט, זיך געראַנגלט מיט די קראָען. דער שלאָף האָט אים אָבער געהאַלטן געפּענטעט. די קראָען זענען געווען שטאַרקער, פלינקער, לייכטער פון אים.

פון שלאָף האָט יאַנעק זיך אויפגעכאַפּט ווי נאָך אַ שווערער קרענק. ער איז ווידער אַוועק אַרבעטן ביים פּריץ. דער אויפזעער איז פון אים געווען צופרידן. אַזוי יעדן טאָג — פאַר טאָג אַוועק און צוריקגעקומען ערשט פאַר נאַכט. די טויטע עלטערן האָבן זיך פון אים דערווייטערט, ווי זיי וואָלטן קיין מאָל נישט געווען. בלויז פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אין זיי דערמאָנט. די פלייס פון זיין אַרבעט האָט צעפרעסן די מחשבות, אויסגעליידיקט דעם מוח. אָפט מאָל האָט ער אויפן וועג געטראָפן יידן. זיי זענען געגאַנגען אינעם פלאַכלאַנד, געשטאַנען און זיך געהיצט. ער האָט זיי נאָכגעקוקט. יענע האָבן נאָכגעשלעפּט זייערע שאָטנס און פאַרשוווּנדן.

אין האַרץ האָט ער זיך געזאָגט, ווי באַלד איך וועל זיי טרעפן, וועל איך זיי שלאָגן. טייל מאָל האָט ער זייערע שאָטנס אַנטפּלעקט ביים הויז זיינעם, זיי אַליין האָט ער אָבער נישט דערגרייכט.

* * *

יאַנעק איז געוואַקסן; די פּויערים האָבן געזאָגט, אויך אים וועט די ערד דאָ אויסשפּייען פון זיך, געמוי ווי זיינע עלטערן, די יאַדאָוויצער. ער האָט נישט גע־הערט וואָס זיי זאָגן. ער האָט געלעבט אין הויז פון די עלטערן ווי אין זיין אייגע־נער נחלה. אַ פון ווינט־פאַרברענטע הויט האָט באַדעקט זיין פּנים, אַלץ מער געוואָרן ווי די אַנדערע וואָס לעבן דאָ.

אין יענער צייט האָט אַרומגעוואָגלט אין דער געגנט אַ מיידל וואָס די פּויערים האָבן גערופן קרושקאַ — אַ שטאַרקע, כמעט אָן אַ צורה פון אַ מענטש. אויף איר האָט מען דאָס געזאָגט, זי טראָגט איבער די טיפוס־קראַנקהייט, מען דאַרף זיך פּאַר איר היטן. מען האָט זי געטריבן, ווייט צו די וועלדער, צו די זומפּן. טיילמאָל פלעגט זי פאַרגעסן, דערנענטערן זיך צום ישוב, כדי אַנצוקלייבן אַ ביסל קאַרטאָפל פון פעלד. די הינט האָבן זי געקענט, פלעגן זי באַפאַלן. זי האָט זיך געווערט, געראַנגלט זיך מיט זיי. ווינטער פלעגט זי אַזוי דערגרייכן ביז צו די בערג, צו די הוצולן, כדי דאָרט צו געפינען אַ באַהעלטעניש. אויך דאָרט האָט מען זיך דערוווסט ווער זי איז, און זי פאַרטריבן.

צו יאַנעקס כאַטע איז זי געקומען ווינטער־צייט. זינט דעם טויט פון זיינע עלטערן האָט מען דאָ קיין שום אַנדער באַשעפעניש נישט געזען. יאַנעק האָט זי נישט דערקענט. זי איז געווען אַ געזונטע. איר פּנים האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ ווילד־געוואַקסענער פרוכט. זי האָט אַראָפּגענומען פון זיך דאָס ציגענע פעלצל און געזאָגט: ״דאָ איז וואַרעם״. איר קערפּער האָט אָנגעפּולט די שטוב מיט ריח פון ווייטן וואַלד. יאַנעק האָט געפרעגט, זי האָט געזאָגט איר נאָמען. דער בליק אירער איז געווען אָן אָפענער, אַ גרין בליצל האָט אַרומגעשטיפט אין אירע שוואַרצאַפּלען.

״קיין מאָן האָסטו נישט?״ — האָט יאַנעק געפרעגט.

״ניין״, האָט זי אַ ווייל אויפגעציטערט. דאָס בלויע בליצל אין אירע אויגן האָט זיך דערביי פאַרלאָשן.

צומאָרגנס איז יאַנעק אויפגעוועקט אַוועק איבעם גוט, קרושקאַ איז געבליבן אויף דער פּאַדלאָגע. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד איז זי געשלאָפן. יאַנעק איז צוריקגעקומען, געקוקט ווי זי שלאָפט, אַ פאַסיוו לעבעדיק באַשעפעניש אַזאַ.

— ״און וואָס טוסטו?״, האָט זי אים געפרעגט.

— ״מיינע עלטערן האָבן דאָ באַאַרבעט די שטיקלעך פעלד. זינט זיי זענען געשטאָרבן האָב איך זי נישט אָנגערירט, די ערד, גערעטעניש האָט זי נישט געגעבן, אַ פאַרשאָלטענער באָדן!״

— ״ווער ביסטו, פון וואַנען קומסטו?״. זי האָט ברייט געעפנט אירע אויגן, ווי איבערגעשראָקן דורך אַ לויערונג. דערנאָך, אַז זי איז געקומען אַביסל צו זיך

האָט זי אים געענטפערט: דער טייוול ווייסט. שפּעטער פלעגט זי אים זאָגן, אַז זי האָט קרובים, וואָס ווייסן מער וועגן איר. יענע זענען אָבער אַנטלאָפן אין שטאָט אַריין, זי איבערגעלאָזט אַליין.

קרושקאַ איז ענלעך געווען צו די געוויקסן, וואָס וואַקסן דאָ ווילד, אַ שווערער פויגל, וואָס האָט פאַרגעסן ווי צו פליען. זי איז געשטאַנען, זיך איינגעהערט, ווי מ׳וואָלט זי גערופן פון וואַלד.

טייל מאָל האָט ער זי געטראָפן גראָבן די ערד, אָדער זיצן אונטער אַ קוסט. פון מאָל צו מאָל איז זי נעלם־געוואָרן אויף עטלעכע טעג. ער האָט זיך אָבער צוגע־וווינט צו איר ווי צו אַ שטוב־חיה. איין מאָל איז זי צוריקגעקומען אַ צעקאַליעט־שעטע. זי האָט געבלאָנדזשעט, איז אַריין אין אַ צעאַקערט פעלד. זייט דאַן האָט זי אויפגעהערט אַרומצושלעפן זיך. זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן. אַרום הויז האָט דערוואַכט דער אַלטער ריח, אַ ריח פון צעאַקערטער ערד. קרושקאַ האָט אָבער נישט אין גאַנצן פאַרגעסן דעם וואַלד. עס האָט זי געצויגן אַהין. אומזיסט האָט ער זי געשלאָגן, זי זאָל אַהין נישט גיין. ביז איין מאָל האָט זי זיך אין גאַנצן פאַרגעסן, זי איז געפאַלן אין וואַלד. אַ פייל פון אַ יעגער האָט זי געטראָפן. ביים אַהיימקומען פון דער אַרבעט אינעם גוט האָט יאַנעק געשריגן: "קרושקאַ!", דאָס קול איז אָבער צוריקגעקומען ליידיק. ביי נאַכט האָט ער דערפילט דעם ריח פון פריש בלוט. אין עק וואַלד האָט ער זי געפונען. ווייזט אויס, זי איז נאָך אַ שטיקל וועג געקראָכן. ערשט צומאָרגנס האָט ער דערפילט, קרושקאַס טויט האָט אויך אים געטראָפן. די רעכטע האַנט זיינע איז ווי פאַרשטייפט געוואָרן. ווייטיקן האָבן אים געצויגן אין אַלע ריפּן. ער האָט נאָך געגעסן פון דעם, וואָס קרושקאַ האָט געקאָכט פאַר אים. איר טויט האָט אים דורכגענומען ביז די ביינער. ער איז מער נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, פאַרמאַכט זיך ווי נאָכן באַגיין אַ מאָרד. מען האָט קיינעם נישט געזען אַרום, אויך נישט די זשאַנדאַרן, וואָס לאָזן זיך אַרויס אין געיעג נאָך די ציגיינער. ביי נאַכט האָט ער זי באַגראָבן אין הויף. מיט אַ דינע זאַמד־שיכט האָט ער באַדעקט איר געזיכט. איר בליק האָט נאָך ווי געלעבט.

* * *

ווידער איז די ווירטשאַפט אָפּגעשטאָרבן. ער איז שוין געזעסן, געקוקט. פון טאָג צו טאָג איז קרושקאַ אים געוואָרן נעענטער, איר געשטאַלט — קלאָרער, ווי מ׳וואָלט פון איר אַראָפּגענומען די לעצטע פרעמדקייט. פאַרוואָס האָבן זיי, די דאָרפסלייט, זי געטויט? אַ טרויער האָט זיך אין אים שטיל געשפרייט, ווי וואָרצלען.

אַט דעמאָלט האָט זיך דאָס באַוויזן דער פרעמדער, ווי ר׳וואָלט אַרויס פון אונטער דער ערד. "מען דאַרף זי ברענגען צו רו, צו קבר ישראל!". נישט עפּעס ווי סתם אַ מענטש, נאָר ווי אַ שליח איז יענער געקומען. יאַנעק איז געווען פאַר־זינקען אין זיך. דאָס קול פונעם פרעמדן האָט אים דערגרייכט ווי אַן עכאָ.

דער פרילינג האָט געשפּראָצט ווילד. לאַנגע שעהן האָט ער ווי געבלאָנדזשעט אינעם חלל פון קרושקאַס טויט. דאָס מאָל איז דאָס שוין אָבער נישט געווען קרושקאַ, נאָר עפּעס, וואָס מען קען אַזוי נישט רופן. "ראַזעק" איז אים אַנטקעגנ־

געגאַנגען, אים געזוכט. יאַנעק האָט אים געקושט איבערן האַלדז ווי עפּעס אַ נאָענט וועזן, נישט קיין פערד. ער איז געשלאָפן אין דרויסן, ביים פערד. דאָס הויז, אויף וועלכן עס איז קענטיק געווען חדשים פאַרוואַרלאָזטקייט, איז באַדעקט געוואָרן מיט גרינקייט. די קלעטערפלאַנצן האָבן אַלץ מער צעפרעסן זיין איינגעווייד.

ער האָט זיך געטראַכט: אַז איך וועל קומען אין שטאָט אַריין, וועט מען מיך אפשר דערקענען, אפשר וועל איך דערקענען קרושקאָס קרובים. אויך זי האָט דאָרט געהאָט קרובים. באַלד האָט ער אָבער דערהערט קלאָר: די יאַדאָוויצער האָבן דער־צערנט גאָט, זיי וועלן נאָך באַקומען זייער לוין. שוין דעמאָלט האָט ער געוווּסט, אַלץ וואָס די פּויערים זאָגן, איז אמת. אַ לערקייט האָט אים אַרומגענומען ווי מיט קייטן. "ראַזעק" האָט אים געפּרוווט דערוויטערן פון דער נחלה, אָבער האָט דאָס נישט געקענט באַוויזן.

יעדער מוז שטאַרבן, אויך איך וועל מוזן שטאַרבן. כ'וויל אָבער זיין דעמאָלט ביי קרושקאַן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער האָט נישט אַרויסגעוויזן צו איר די־אַ ליבשאַפט ביים לעבן, זי געלאָזט אַרומגיין אין הויף ווי אַ בעל־חי. קען זיין, ווייל ער האָט נישט געוווּסט ווער זי איז. נישט בלויז מיט זיך האָט ער אַזוי איינגעטענהעט, אויך מיט די שאָטנס, ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע וועזנס. קרושקאָס קבר האָט ער באַוואָסערט, פאַרפלאַנצט מיט בלומען. זיינע טויטע עלטערן זענען געוואָרן נאָך ווייטער, דער זכרון זיינער האָט מער יענע נישט דערגרייכט. טייל מאָל האָט מען געזען טשאָטעס יידן פאַרבייגיין אינעם טאָל, זיי זענען געווען ווייט, ווי זיי וואָלטן געהערט צו אַן אַנדער וועלט.

יאַנעק האָט קיין מנוחה נישט געפונען. וואָס זיין חטא איז, האָט ער נישט געוווּסט געגנוי. טייל מאָל האָט ער געמיינט, דאָס איז צוליב די קראָען וואָס האָבן אַוועקגענומען זיינע עלטערנס טויט ווייט פון אים. כ'וועל באַצאָלן פאַר דעם, האָט ער זיך געזאָגט. איין מאָל האָט ער געזען אַ פּויער שניידן דאָס פעלד, און געדאַכט האָט עס אים, אַז דאָס איז דער מלאך־המוות.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט ער באַמערקט: דאָס קבר איז אָפן. די בלומען זענען צעשפּרייט אויפן צעגראָבענעם ביזן גרונט באָדן אַרום. "קרושקאַ!" האָט ער אַ רוף געטאָן ווי זי וואָלט געזעסן אין קיך.

ער האָט איצט געוווּסט: די שוואַרצע פייגל מיט זייערע דינע געשטרייפטע פליגל, וואָס זאַמלען איין די טויטע ביי נאַכט, זיי האָבן דאָס אַוועקגענומען אויך זיין קרושקאַן. יענע וועלן אויך אים איינזאַמלען, ווען ער וועט פאַלן אַ טויטער אין פעלד. אַ קלאָרקייט איז אים מיט אַ מאָל אויפגעגאַנגען אין מוח. קיינער וועט פון אונדז נישט אַנטרינען. מ'וועט זיי טרעפן אומעטום אויף דער דאָזיקער ערד, אויך דיך, דיך.

"ראַזעק" איז שוין געווען אויסגעדאַרט, מאָגער. די געדאַנקען זיינע, יאַנעקס, האָבן געריסן דאָס לייב זיינס, דאָס פערד האָט אויסגעשטרעקט דעם רוקן זיינעם, ווי אין יענע גוטע צייטן, כדי אַוועקצוטראָגן יאַנעקן ווייט פון דאַנען.

פון העברעיש: אַ. שעדלעצקי

שלום קרעמער

דער מעמד פון אומקום אין די דערציילונגען פון אהרן אפּלפּעלד

דרייצן יאָר נאָך דעם ווי עס איז אַרויס דער ערשטער באַנד דערציילונגען פון אהרן אפּלפּעלד (עשן, 1962) קען מען שוין געבן אַ באַלאַנסירטע אָפּשאַצונג סיי וועגן דעם פּלאַץ סיי וועגן דעם באַטייט פונעם דאָזיקן דערציילער אין דער העברעישער ליטעראַטור. איך זאָג אין דער העברעישער ליטעראַטור, און דאַכט זיך אַז מ׳דאַרף דאָ אויסברייטערן און זאָגן נישט בלויז אין דער העברעישער נאָר אין דער ליטעראַטור פונעם ייִדישן פאָלק בכלל. דאָס איז אַ גרויסער חילוק, און אַז איך רעד צום ייִדישן לייענער דאַרף איך גלייך קלאָר מאַכן וואָס איך מיין דערמיט. די העברעישע ליטעראַטור־קריטיקער פאַרעכענען אַפּלפּעלדן צו דער יונגער, מאָדער־ניסטישער העברעישער ליטעראַטור, וואָס הייבט אָן אין די סוף פופציקער יאָרן, און ווי עס פּאַסט פאַר דער חכמת הקריטיק ווייזן זיי אָן אויף ספּעציפישע סימנים, וועלכע איך האָב דאָ נישט בדעה אויסצורעכענען. איך וויל אָבער דאָס מאָל רעדן וועגן אַפּלפּעלדן נישט ווי וועגן איין קעסטל אויף דער מאַפּע פון דער יונגער העברעישער ליטעראַטור־גענעראַציע, און אפילו נישט בלויז באַשטימען זיין פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער נייער העברעישער ליטעראַטור, נאָר — און דאָס איז מיין בפירושע כוונה אינעם דאָזיקן אַרטיקל — באַטראַכטן אים ווי אַ ליטעראַרישע דער־שיינונג, וואָס האָט אַ שייכות צום גאַנצן ייִדישן פאָלק. נאָך יאָרן פון ווייגערניש און ספיקות איז איצט פאַר אַלעמען קלאָר, אַז זיינע דערציילונגען, אַלע בענד פון אַפּלפּעלדס דערציילונגען, האָבן אַן אַבסאָלוטע, אומאָפּפרעגבאַרע שייכות צו דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור פונעם גאַנצן ייִדישן פאָלק, אין לאַנד און אינעם גלות.

אהרן אַפּלפּעלד האָט ביז איצט אַרויסגעלאָזט זעקס בענד קורצע און גרעסערע נאָוועלן (**עשן**, 1962; **בגיא הפורה**, 1963; **כפור על הארץ**, 1965; **בקומת הקרקע**, 1968; **אדני ההר**, 1971), איין ראָמאַן (**העור והכותונת**, 1971), און איצט איז דער־שינען אַן אָפּקלייב פון אָט די אַלע שאַפונגען א.נ. **כמאה עדים**, אַרויסגעגעבן דורכן קיבוץ המאוחד 1975, און איצט איז דערשינען אַ ניי בוך **שנים ושעות** מיט צוויי גרויסע נאָוועלן. נאָך דעם ווי עס זענען דערשינען די אַלע ביכער, וואָס זענען כולל דעם ייִדישן גורל בשעת דער אומקום־תקופה, אויך פאַר און בעיקר נאָך אָט דער תקופה מעגן מיר מאַכן דעם סך־הכל און שטעלן די פראַגע: וואָס פאַראַ פּלאַץ פאַרנעמען זיינע דערציילונגען אין דער ליטעראַטור פונעם ייִדישן פאָלק. שוין אין

דער עצם פראַגע, ווי איך פאַרמוליר זי דאָ, באַשטימען מיר זיין פּלאַץ פון אַ היס־טאָריש־נאַציאָנאַלער פּערספּעקטיוו. דאָס איז נישט בלויז אַ ווענטלעכע דעפיניציע נאָר אויך אַ קוואַליטאַטיווער אָפּשאַץ.

ווען אַפּלפעלד האָט געשטעלט זיינע ערשטע שריט אַנהייב זעכציקער יאָרן, ווען עס זענען דערשינען זיינע ערשטע ביכער, האָבן מיר זיך מיט אים „געדונגען". ווי דער שטייגער פון ליטעראַטור־קריטיקערס, מיט פּרעציזע כירורגישע מכשירים אין האַנט, האָבן מיר אַנאַליזירט זיינע דערציילונגען פון שטאַנדפּונקט פון דער טעמאַטיק, פאָרם, זשאַנער און פאַרנעם, זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין סטיל און אַנאַלי־זירט זיין שפּראַך. מיר פלעגן דאַן, פאַרשטייט זיך, אַנווייזן און טייל מאָל מיט גרויס געשאַל, אויף פעלערן און שוואַכקייטן וואָס פעלן נישט אין זיינע דערציילונגען; אויך די קריטיק האָט זיך געטיילט לויט די כיתות צו וועלכע די רעצענזענטן האָבן געהערט; און מען דאַרף וויסן, אַז אונדזער היינטיקע העברעישע קריטיק איז זייער אַ וואַכזאַמע, אַ פּעדאַנטישע (רחמנא ליצלן!) און איז זייער מחמיר, מען קען זאָגן אַז זי איז בפירוש נוטה צום נעגאַטיוו. איצט, ווען דער מחבר איז רייף געוואָרן ווי אַ מענטש (זיין ליטעראַריש שאַפן האָט ער דאָך אָנגעהויבן זייער יונג!), און ווי אַ קינסטלער דערגאַנגען צו קלאָרמאַכונג פון זיין וועג, האָט זיך דער מצב אויס־געקריסטאַליזירט. איצט, ווען עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט זיינע ביכער מיט זייער קאָנסעקווענטן אייגנאַרט — קומט מען צו דער איבערצייגונג, אַז אַפּלפעלד איז אַן אַבסאָלוט נאַציאָנאַל־קינסטלעריש ווען, וואָס מען מוז עס אָננעמען אַזוי ווי עס איז. דאָס קלאָרמאַכן און אַנאַליזירן די מעלות און חסרונות זענען דאָ נישט אין שטאַנד צו מינערן פון דער חשיבות. אַפּלפעלדן דאַרף מען אָננעמען ווי אַן אינטעגראַלע שעפערישע פּערזענלעכקייט, ווי אַן אויטאָנאָמע ליטעראַרישע דערשיינונג, וועמענס קינסטלעריש־נאַציאָנאַלער ווערט איז דויערהאַפטיק.

איצט זעען מיר באַשיינפּערלעך, אַז אַפּלפעלד בלייבט אין דער העברעישער ליטעראַטור אַן אייזערן פאַרמעגן, — נישט בלויז מחמת זיינע מעלות נאָר אויך מחמת זיינע חסרונות (ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען!), וואָרעם זיינע באַזונ־דערע מעלות זענען אָפּהענגיק אין זיינע חסרונות, אויף וועלכע מיר פלעגן אַזוי פיל אָנווייזן. שווער צו דעפינירן דעם דאָזיקן עקזיסטירנדיקן עלעמענט על רגל אחת און מיר וועלן אוודאי מוזן אָנקומען צו אַ פּיל ברייטערן באַהאַנדל (וואָס איך גרייט זיך צו טאָן פאַרן העברעישן לייענער). שוין איצט וויל איך אָבער זאָגן, דווקא דאָ, אַז עס איז בנימצא עפּעס אַ באַזונדערע קראַפט אין דער איינציקער טעמע וואָס אַפּלפעלד האָט אויסגעקליבן פאַר זיינע דערציילונגען, אין דעם וואָס ער קאָנצענ־טרירט זיך בלויז אויף דעם אַליין, און זיין ווידמען זיך אין גאַנצן דער טעמע פון שואה. דווקא אין דער העברעישער קריטיק האָבן זיך געהערט טענות קעגן דעם קאָנצענטרירן זיך בלויז אַרום איין טעמע. פאַראַן אפילו קריטיקערס וואָס האָבן שוין רעזיגנירט פון אים, טענהנדיק, אַז עס איז נישט געמאָלט אַ דערציילער זאָל בויען דעם רוב זיינע דערציילונגען, אויב נישט אַלע, אויף און אַרום איין טעמע, מיט איין באַנעם. פאַרכאַפּט און פאַרפּלייצט דערמיט שעפּט ער אויס די טעמע ביזן דנאָ. אָבער

אַט ווייזט זיך איצט אַרויס, אַז דווקא אַט די קאָנצענטרירטקייט זיינע איז דער עיקר פון זיין כוח און קראַפט.

די דאָזיקע מסוגלקייט צו פאַרמעסטן זיך קינסטלעריש און אויפן גאַנצן ליטעראַרישן לעבן מיטן האַרבסטן און אַנטשיידנדיקסטן געשעעניש אין דער געשיכטע פונעם פאָלק זינט זיין בראשית, — דאָס איז נישט בלויז אַפּלפעלדס פּאַספּאָרט. דאָס איז אויך זיין קונסט-דיפּלאָם, איך וואָלט געזאָגט זיין נאַציאָנאַלע סמיכה. די שואה אינעם לעבן פון יידישן פאָלק איז דאָך מער ווי אַ האַרב און אַנטשיידנדיק געשעעניש, מער ווי אַ גרויס נאַציאָנאַל אומגליק. דאָס איז געוועזן אַ מ ע מ ד אינעם לעבן פון פאָלק אין דעם זין ווי מיר פאַרשטייען דאָס וואָרט אין העברעיש, אַ מעמד וואָס פורעמט און געשטאַלטיקט דאָס לעבן פונעם פאָלק אויף אַלע דורות. איך וואָלט דאָ פאַרגליכן דעם מעמד פון דיאַלעקטישן שטאַנדפּונקט — און אין די פּוסטריט פון אורי-צבי גרינבערג — צום מעמד הר סיני: דאָ איז אַ פאָלק געבוירן געוואָרן מיט זיין אייגנאַרט און מיט זיין מיסיע, און דאָ איז אַ פאָלק פאַרניכטעט געוואָרן צוליב זיין אייגנאַרט און זיין מיסיע. אויסגעראָטן געוואָרן — אָבער צוזאַמען דערמיט האָט זיך געעפנט אַ טירל, אַ שאַנס צו באַנייונג דורכן אויפקום פון זיין מדינה און איינזאַמלונג פון זיינע גלותן אין איר. אַ מעמד וואָס איז אונדז מחייב נישט בלויז אויפצונעמען די שארית הפליטה, נאָר זי צו דערמוטיקן און שטאַרקן, איינפלאַנצן זי און פאַרוואָרצלען אינעם גוף פון דער מדינה.

אַט די אַנאַלאָגיע איז, ווי געזאָגט, ביי מיר געבוירן געוואָרן אונטער דער השפעה פון די שואה-שאַפונגען פון א. צ. גרינבערג. אַ סך פון זיי האָב איך געלייענט און ווידעראַמאָל געלייענט, געלייענט ביזן שטיקן זיך דערמיט, און מחמת דעם האָב איך לאַנגע יאָרן נישט געקענט וועגן זיי שרייבן. דער דאָזיקער פאַרגלייך פון מעמד השואה צום מעמד הר סיני מאַכט אורי צבי גרינבערג אין אַ סך פון זיינע לידער, וואָס זענען אַריין אין זיין זאַמלונג ״רחובות הנהר״. איצט וויל איך בלויז דעם דאָזיקן פאַרגלייך ברענגען לויט אַ פראַגמענט פון זיינע לידער, ווי דאָס קומט מיר אין דער רגע אויפן זכרון. כ׳וויל אויך נישט אויסבאַהאַלטן, אַז איך האָב נאָך אַ כוונה מיטן ברענגען דעם דאָזיקן פראַגמענט, אַ סיבה אָדער אַ פּרווו צו פאַרגלייכן, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען, אַפּלפעלדס אַריינטאָן זיך אין דער שואה צום שואה-באַנעם פון אורי צבי גרינבערג. אַט איז דער פראַגמענט:

״והיהודים צועדים כעדרי אלוהים
למותם... ורון של לבלוב עד גבוהים!
אין מי שיפדם ממכמורת עשו,
כל חרון־הנצרות־האויבת נאסף
מכל־הפזור־בלאומים־השבעים
ובא ונמסך בכל־רוח־עוועים
בכלי־קרב־וניבים — —

זקנים, נערים, אמהות וכלות
גם יונקי שדיים שנועדו לעלות
לסיני הפחדים ולרדת לבור
לשכב עם כולם... וזה סוף המגור״.

דעם ״סיני פון די פּחדים״ פון דער שואה האָט אַפּלפעלד געשילדערט און געמאָלן אין אַלע זיינע דערציילונגען, פון ערשטן ביזן לעצטן פון זיי. און אַז מיר פאַרגלייכן אים צו גרינבערגן — וואָס זעען מיר? גרינבערג קלאָגט די גרויסע נאַציאָנאַלע קינה, ער שילדערט אויף אַ ברייטער פּאַנאָראַמע די קאַראַוואַנען יידן וואָס גייען צום טויט ווי געטלעכע סטאַדעס; ער שרייט אויס זיין ווײ־געשריי וועגן דעם דעמאָנישן קאָנטראַסט צווישן דער נאַטור־בליונג (די נאַטור וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו בליען!) און דעם קלעם פונעם מענטש: יידן, אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער ווערן געפירט אין די טויט־טאָלן. ער שטרעקט אויס די פויסטן צום הימל צוליב דער אומפאַרגעבלעכער פאַרפרעמדונג פון גאָט צו זיין אויסדערוויילט פאָלק. אין דער זעלבער צייט רעדט אַפּלפעלד מיט אַ קול דממה דקה, מאָלט דעם אומקום מיט אַ דין־איידעלער פעדער, און אויב מען קען אַזוי זאָגן — ער איז מפייס די אימה, לינדערט די גרויל, און דווקא אַדאַנק דעם קריצט זיך דאָס איין טיף אין דער נשמה, טרייסלט אונדז אויף מיט דער רואיקייט און שלווה. אַפּלפעלד שילדערט די שואה אין אירע פּעריפעריעס, די אַטמאָספער פון יענע טעג, און בעיקר איר בת־קול, דעם רעזאָנאַנס וואָס זי האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אינעם לעבן פון יעדן ייד, בעיקר און בפרט די אָפּזענקונגען וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין דער נשמה פון די אָפּגעראַטעוועטע און אַנטרינענע. אין די שואה־דערציילונגען פון אהרן אַפּלפעלד איז די שואה, די שואה אַליין, נישט בנימצא אַזוי ווי זי עקסיסטירט אין די שירים פון א. צ. גרינבערג. זי לעבט און אָטעמט ווי אַ פליגל־געפּאָך פון אַ רויב־פויגל. זי אַליין איז נישטאָ, אָבער אַלץ אַרום רינגלט זי אַרום. נישט בלויז די געראַטעוועטע — און זיי זענען דער רוב העלדן פון זיינע דערציילונגען: ניצול־געוואָרענע, אַנטרינענע, פּליטים — טראָגן די שואה אין זייער האַרץ, — נאָר דאָס גאַנצע יידנטום געשטעלט אין איר שיין און אויסגעפּרווט אין איר פייער. דאָס קאָנצענטרירן זיך אין דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע פון דער יידישער געשיכטע און דער עקשנותדיקער אָנשטרענג צו געפינען די קינסטלערישע מיטלען דאָס אויסדריקן לויטן באַנעם, מאָסן און דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער קונסט, — אָט דאָס טיילט אויס זיין שאַפונג ווי אַ דויערנדיק נאַציאָנאַל פאַרמעגן.

אַפּלפעלד לויפט ווי בכיון פון די דירעקטע אַרענעס פון דער פאַרטיליקונג, פון די אויסראָט־צענטערס און פון די שחיטות, ער פאַרנעמט זיך מיט ווייטע און פאַרשטויסענע ווינקעלעך, מיט כלומרשט זייטיקע טעמאַטיק־שפּליטערן און טעמעס. דער רוב פון זיינע העלדן (נישט אַלע!) האָבן שוין די שואה הינטער זיך. נאָך מער — זיי זוכן אפילו אַ נײַ אָרט כדי זיך צו פאַרוואָרצלען, איינצואָרדענען און צו אַקלימאַטיזירן זיך. די שואה אַליין יאָגט זיי אָבער אין זייער זכרון, ווייל זי איז טיף פאַר־

באַרגן אין זייערע נשמות, יאָגט זיי און כאַפּט זיי, כדי צו צעשטערן זייער וועלט. די פּליטים פון דער שואה פּרוּוון זיך קלאַמערן אין דער נאָך־מלחמה־ווירקלעכקייט, אָנהאַלטן זיך מחמת אַן אינערלעכן אימפּעראַטיוו צו עקזיסטירן און פּאָרזעצן דאָס לעבן — אָפּהאַקן מיטן נעכטן און אָנהייבן די קעגנוואַרט. עפּעס וואָס אינעווייניק אָבער שוואַכט אָפּ זייער אינסטינקט פון קיום. אויף אַ ווייל געלינגט זיי אָנצוהאַלטן זיך אין דער נייער ווירקלעכקייט, אין האַנדל און אַרבעט, אַזוי אין גלות אַזוי אין ישראל. אויף אַ רגע געלינגט זיי צו בויען אויף אַ וועלכן נישט איז אופן זייער פּריוואַט גליק; ביסלעכווייז, בײַסלעכווייז פאַלן אָבער די לייצעס אַרויס פון זייערע הענט און זיי ווערן פאַרלוירן אינעם לאַבירינט פון לעבן. זיי פאַלן אַריין אין דעמערונג, זייער לעבן ווערט אײַנגעשרומפּן ביזן גזר אויסצוציען די נשמה אין וואַנזין, אין פאַמעלעכדיקער גסיסה, טויט.

די געשטאַלטן וואָס אַפּלפעלד ברענגט אַרויס אין זיינע דערציילונגען זענען זייער איינגעהאַלטן, איבערגעטריבן שווייגנדיקע. עפּעס־וואָס ליגט אין דער טיף פון זייער נשמה, און צוימט זייער מויל צו רעדן. זיי זאָגן זיך איינס דאָס אַנדערע בלויז דאָס נויטיקסטע. נישט געקוקט אויף אַלע אונטערשידן פון אָפּשטאַם און כאַראַקטער, — און אפּלפעלד האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע דערציילונגען אַ ברייטע גאַלעריע יידן פון אַלע שיכטן און שטאַנדן ביי פאַרשידענע לעבנס־אומשטענדן און אויף פאַרשידענע קאַנוועס — פאַרמאָגן זיי, די דאָזיקע געשטאַלטן, אַ מין ווייכקייט, מעסיקייט, אפילו אַנגענעמקייט, אַזוי ווייט, אַז טיילמאָל דאַכט זיך, אַז די אונטערשיידן צווישן זיי ווערן פאַרטושט (און אויף דעם האָט זיך אָפּגעשטעלט די קריטיק מיט אירע טענות!). אַלע זיינע העלדן האָבן ווי שלום־געמאַכט מיט דער רעאַליטעט. זיי שרייען נישט, זיי טענהן נישט און באַשולדיקן נישט. אָט די סתירה צווישן דער האַרבקייט פון דער שואה, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער מענטשלעכער געשיכטע, און די ווייכקייט פון די מענטשן וואָס טראָגן אויף זיך דעם צער פון דער וועלט — אָט דער קאָנטראַסט דערהייבט די חשיבות פון אהרון אפּלפעלד אַלץ קינסטלער פון דער שואה.

דאָס איז טאַקע די קינסטלערישע אייגנאַרט פונעם דאָזיקן דערציילער, וואָס האָט געפילט די שואה אויף זיין אייגן לייב, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. זיינע קינסטלערישע פאַרמעסטן צילן צו געפינען פאַר די האַרטע דערשיינונגען פון דער שואה און אירע פּועל־יוצאס די דינסטע און שטילסטע קינסטלערישע מיטלען. דאָס קומט צום אויסדרוק נישט בלויז אין דעם אויסקלייב פון די טעמעס, וואָס געפינען זיך כמעט אַלע אינעם קרייז פון דער שואה, אָבער נישט אין איר צענטער, און נישט בלויז מיטן פורעמען די געשטאַלטן וועלכע מיר האָבן טיילווייז געפּרוּווט אויבן דעפינירן, נאָר אויך און בעיקר — אין דער פאָרם, סטיל און לשון פון דער דערציילונג. זיין אופן פון אויסדריקן זיך איז גיכער אַן אומדירעקטער ווי אַ דירעקטער. זיין שפּראַך איז זייער שפּאָרזאַם, לאַקאָניש, צומאָל אָרעם אין וואָרט־אוצר. די זאַצן זענען זייער קורצע, אָבער פול מיט פּאָעטישע מעטאַפאָרן וואָס ברענגען צו נאָכדענקען. נישט תמיד איז דאָ פאַראַן פּרעציזע פּינקטלעכקייט, טיילמאָל איז דאָס אַ

ביסל פֿאַרטושט, פֿאַראַן אָבער אין דעם אַ ניגון, וואָס איז באַזונדערס משפּיע אויף די נשמהדיקע אינערלעכע פֿעדים, אַ ניגון וואָס איז אויף דער גרענעץ פֿון פּאַטאָס און איראָניע.

אַט דער מיזוג פֿון האַרבער דערשיינונג מיט מילדער שפּראַך, און באַזונדערס דער צוזאַמענגוס פֿון דעם נאַציאָנאַלן מיטן קינסטלערישן — פֿאַרזיכערן פֿאַר אַפּלפּעלדס דערציילונגען אַ באַזונדער פּלאַץ און דויערהאַפֿטן קיום נישט בלויז אין דער העברעישער ליטעראַטור נאָר אויך אין דער ליטעראַטור פֿונעם יידישן פֿאָלק. זיי פֿאַרזיכערן דעם מחבר אַ פּלאַץ פֿון אַ העברעישן שרייבער פֿאַרן גאַנצן יידישן פֿאָלק.

ירושלים, י״ח חשוון תשל״ו

שלום קרעמער

געבוירן אין סאַנאָק, גאַליציע, געלערנט אין וואַרשעווער ״תחכמוני״. עולה־געווען אין 1934 און געענדיקט דעם העברעישן אוניווערזיטעט אין ירושלים. פֿאַרנומען זיך מיט אונטעריכט אין מיטלשולן, לערער־סעמינאַרן און אוניווערזיטעט. באַקאַנט אַלס ליטעראַטור־קריטיקער, איבערזעצער און רעדאַקטאָר פֿון אַ ריי ווערק און ליטעראַרישע זאַמלונגען אין העברעיש.

פֿון די ביז איצט דערשינענע ווערק: ״המבקר הנידח״ (וועגן לעבן פֿון א. א. קאָוונער), 1946; ״חילופי משמרות בספרותנו״ (תשי״ט), ״ריאַליזם ושבירתו״ (1968), ״אַריינפֿיר און הערות צו דער זאַמלונג עסייען פֿון דוד פֿרישמאַן״ (1974).

*



שמואל אַקערמאַן — איינזאַמקייט

געצייכנט אין סאָוויעטישער מיליטער־דינסט

מאיר חרץ

לידער

שטראַלן קרומען זיך

שטראַלן קרומען זיך, פּאַרדרייען זיך הינטער אַ שאָטן,
לויכטן, באַלויכטן די קערנדלעך, וואָס כ׳האָב צעשאָטן.

בויג זיך, שוועסטערל, איידער די שיין ווערט אַנטרינען,
ווערסטו, קלייניקע מיינע, דיין קערנדל דאָרטן געפינען.

היט עס, איך בעט דיך, ביז כ׳וועל צוריק זיך קערן,
כ׳האָף, אַז ביי דיר וועט פון קערנדל ווערן אַ קערן.

בויג זיך, שוועסטערל, בויג זיך, שטאָלץ איז דער גרעסטער חסרון,
ווייסט דאָך, פון בבל־טורעם דעם שטאָלצן איז גאָרנישט געוואָרן,
איך וועל זיך בויגן צו דיר, כ׳וועל אויף די הענט דיך נעמען
און דיך אויפהויבן הויך איבער די גראָע ברעמען.

אַ לידער־בוך

אַ לידער־בוך, אַ טרויער־בוך,
אַ טונקל־גרויער אומעט־בוך,
אַ שטיינער־און־אַ־ציינער־בוך,
אַן אויסגעדאַרטער ביינער־בוך,
אַ טונקל־רויטער וונדן־בוך,
אַ ווייטיקן־און־צרות־בוך,
אַ יידיש לידער־בוך.

נאָך אַ ליד

דו קלאָגסט זיך, ביסט שוין מיד אַזוי פיל לידער הערן,
פּאַראַנען, זאָגסטו, לידער מערער שוין פון שטערן,
איז ווייס, אַז וואָס אונדז פעלט און וועט אונדז אייביק פעלן
איז נאָך אַ ליד, וואָס זאָל אויף ס׳ניי געפעלן.

אַ מיש־מאַש

אַ מיש־מאַש פון פרייד און זאָרגן,
טענץ און טרויער — אַ מיש־מאַש,
זיבן פלעשער וועל איך באָרגן,
זעקס מיט וויין און סם אַ פלאַש.

אַ מיש־מאַש פון זיס און ביטער,
זיס און זויער — אַ מיש־מאַש,
אויפן יום־טוב פון די שניטערס
קומט דער טויט און טוט אַ נאַש.

קומט און שלעפט אַוועק אַ פויער
אין דער מיט פון רייכן שניט,
אַ מיש־מאַש פון פרייד און טרויער,
רייכער שניט און טויט אין מיט.

אַ מיש־מאַש פון קברים, אַקער,
טויט און אויפגאַנג — אַ מיש־מאַש.
פון אַ שייטער שטייגט אַ פלאַקער,
פונעם פלאַקער פאַלט דאָס אַש.

אַ מיש־מאַש פון פרייד און זאָרגן,
טרוים און טרויער — אַ מיש־מאַש,
זיבן פלעשער וועל איך באָרגן
זעקס מיט וויין און סם אַ פלאַש.

אַ שטיין

האַרט ווי אַ שטיין,
ליגט ווי אַ שטיין,
שטום ווי אַ שטיין,
טויט ווי אַ שטיין,
עלנט און אַליין
ווי אַ שטיין.

נעם איך דעם שטיין
און טראָג אים אַוועק צו שטיינער,
איז ער שוין ניט אַליין,
איז ער שוין ניט קיין איינער.
האַק איך אויס אינעם שטיין
אַ וואָרט, אַ צאָל, אַ נומער,
איז דער שטומער שטיין
מערער נישט קיין שטומער.

האַק איך אַרויס פונעם שטיין
אַ קאָפּ מיט נאָז און אויגן,
ווערט דער טויטער שטיין
מיט אַ שמייכעלע פאַרצויגן.

אַ שמייכעלע אויף דער זון
און ס׳ווערט מיר גרינג דערפון.

מיין קאָפּ

ס׳איז מיין קאָפּ באַלאָדן
ביזן סאַמע שפּיץ,
איז מיר שווער אים טראָגן
אין אַזאַ מין היץ.

פולע זעק מיט זאָרגן,
דאגות — גאַנצע בערג
פון יאַרידן, טאָרגן
און פון ווייטע מערק.

זעק נאָך ניט געעפנט,
בערג נאָך ניט גערירט,
איז מיר שווער צו טרעפן
וואָס סע וואַרט אויף מיר.

וואָס מע קען שוין וויסן
מיט אַזאַ מין קאָפּ! —

אויף אַ ווייכן קישן
פאַלט מיין קאָפּ אַראָפּ.

און ער ווערט אַנשלאָפן
מיט אַן אויג פאַרמאַכט
און דאָס צווייטע אָפן
שטעלט זיך אויף דער וואַך.

ס'טרעפט אויך מיט אַ וועכטער,
אַז ער דרעמלט איין,
ווען אין שוואַרצע נעכט ער
זעט פאַר זיך קיין שיין.

מיט אַ מאָל ווערט גרינגער
אויפן קאָפּ ביי מיר,
ווי מיט גרינגע פינגער
וואָלט מען טאָן אַ ריר.

זאָל עס זיין אַ פידל
וויל אַ ציטער טאָן
אָדער גאָר אַ נאָדל
איז אַריין אין קאָן.

און פון סאַמע מיטן
דורכגעשטאָכענע זעק
אָנגעהויבן שיטן
אַלדי וויסטע שלעק.

שרעק און אַנגסט און ציטער,
פּחד פאַר דער וועלט
און די טיי איז ביטער
און דער צוקער פעלט.

און דאָס ברויט איז טרוקן
און דאָס קינד ניט זאַט,
ציטער איך מסוכן,
ציטער ווי אַ בלאַט.

שטעכט און שטעכט די נאָדל
אויסגעשאָטן אַלץ,
קומט די ריי פון פידל
צוצושיטן זאַלץ.

ניט מיט גלאַנץ געקומען,
פּראָסטער פידל בלויז
ניט קיין פידל־בלומען
ניט קיין פידל־רויז

שיט ער, זאַלץ, און שיט ער,
שיט ער ביזן סוף,
כ׳טו אַ פרישן ציטער
אין מיין טיפן שלאָף.

אַז דער קאָפּ ווערט גרינגער,
דאַרף דאָך ווערן גוט,
וואָס זשע זענען פינגער
הוילע וווּנד און בלוט ?

דאָס גייט אויכעט איבער,
ס׳קומט די בעסטע שעה
און די נאָדל ווידער
אָנגעשאַרפט איז דאָ.

סטענגעס רויטע, בלאָע
ציען זיך אַ קייט,
האָט דאָס אויג הנאה
שלאָפנדיקערהייט.

שטעכט די נאָדל ווייטער
און דערשטעכט זיך דאָך
קריכט אַרויס אַ לייטער
דורך אַ נאָדל־שטאָך.

שטייגט זי ביזן הימל
פון דער טיפער ערד —
ס׳איז דער לעצטער דרימל
איידער טאָג סע ווערט.

עפן איך די אויגן
און איך וויש זיי אויס,
פליט דער רעגנבויגן
פון דער שטוב אַרויס.

פליט אַרויף די לייטער,
פאַלט אַראָפּ מיין קאָפּ,
וואַקסט באַלד אויס אַ צווייטער,
פאַלט ער ניט אַראָפּ.

ס׳איז דער קאָפּ באַלאָדן
ביזן סאַמע שפּיץ,
איז מיר שווער אים טראָגן
אין אַזאַ מין היץ.

*

די פראַנק אַטראַן ליטעראַטור־פּרעמיע פאַר 1975
פאַר מ. חרץ און ש. רויטמאַן

ביים ענדגילטיקן שליסן דעם הײנטיקן, דעם נומער 5 פון ״ירושלימער אַלמאַנאַך״, ממש אין דער לעצטער מינוט ביים אָפּגעבן דעם נומער אין דרוק, דערוויסן מיר זיך, אַז די זשורי פון יידישן קולטור־קאָנגרעס האָט די פראַנק אַטראַן ליטעראַטור־פּרעמיע פאַרן יאָר 1975 צוגעטיילט די ישראלדיקע יידישע דיכטער שלמה רויטמאַן און מאיר חרץ, וועלכע זענען, אגב, ביידע פאַרטראָטן מיט זייערע ווערק אין הײנטיקן נומער, און איינער פון זיי מיט אַן עסיי וועגן צווייטן.

די רעדאַקציע פון ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ באַגריסט אירע מיטאַרבעטער די טאַלענטירטע דיכטער מאיר חרץ און שלמה רויטמאַן מיט דער פאַרדינטער פּרעמיע.

יחיאל גראַנאַטשטיין

אַ צופֿעליקע באַגעגעניש

(דערציילונג)

צוקומענדיק צום איילון־טאָל האָט א. פּאַרקירעוועט די מאַשין צום כביש־ראַנד און זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. ער איז אַרויס, האָט נאָכגעקוקט צי עס רינט טאַקע עפּעס פֿון מאָטאָר ווי עס האָט אַ מאַן, פֿאַרבייפֿאָרנדיק מיט זיין מאַשין, אָנגעוויזן אים מיטן פֿינגער, און נישט געפֿונען קיין שום דעפֿעקט. אַ. האָט ביי זיך אַ טראַכט געגעבן, אַז ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז יענער האָט פּשוט געשפּאַסט פֿון אים, אָדער געוואָלט אים אָפּצאָלן פֿאַר נישט אַרויסלאָזן אים פֿון דער מאַשינען־ריי וואָס האָט זיך געשלעפּט אויפֿן כביש עלעהיי זיי וואָלטן געווען צוגעבונדן איינער צו דער צווייטער מיט אַ פֿעסטער שטריק, אָדער ווי זיי וואָלטן אַזוי נאָכגעפֿאָרן, געלאָסן און מיד, נאָך אַ גרויסער לוויה.

פֿאַר איין וועגס האָט ער שוין געכאַפּט אַ בליק אויפֿן אַרום. נישט ווייט פֿון אים האָבן זיך געשפּרייט פֿעלדער מיט פֿרוכטנביימער און וויינגערטנער מיט נידעריקע, צעהויקערטע ביימלעך וועמעס צעדרייטע צווייגן, ווי אויסגעלענקטע, האָבן זיך געפֿלאָכטן אויף לאַנגע שמאָלע דרענגער און אויסגעזען, ווי עס וואָלט די גאַנצע אינגעווייד ביי זיי געלעגן אין דרויסן. העכער, אויף געבערגלטער ערד, זענען געשטאַנען אין שורות, ווי אויסמושטרירט מיליטער, יונגע און עלטערע שטעכלדיקע סאָסנעס, שיטער באַוואָקסן, ווי עס וואָלט דאָרט די יניקה פֿון דער ערד זיי שווער אָנגעקומען.

אין מאָמענט ווען א. איז אַזוי געשטאַנען לעבן זיין מאַשין, מיטן פּנים צו די פֿעלדער און בערגלעך, איז אַ צווייטע מאַשין, אַ פּריוואַטע, אויך אַראָפּ צום ראַנד פֿון כביש און זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיינער. פֿון איר האָט גאַנץ שווערלעך זיך אַרויסגעקייקלט אַ נידעריק־געוויקסיקער, דיקלעכער מאַן, אוודאי אין די פֿופֿציקער, אין אַ שפּאָגל נייעם העלן אָנצוג, און מיטן שפּיץ פֿון זיין שוך געפּרוווט די פֿעסטקייט פֿון אַלע פֿיר גומי־רייפֿן פֿון דער מאַשין, געעפֿנט די פֿאָרנטדיקע דעק, אַריבערגעבויגן זיך ביזן האַלבן גוף און אויסגעזען, ווי ער וואָלט דאָרט אַהין זיך אַריינגעשטעלט אויפֿן קאָפּ. אויך ער האָט געפֿונען אַלץ אין אָרדענונג: גענוג וואַסער, גענוג אייל, די גומי־רייפֿן — שטייף, שטאַרק. גאָר נישט האָט פּאַסירט.

פֿון דעסטוועגן, און מעגלעך ווייל ער האָט באַמערקט נאָך אַ מענטשן שטיין בלויז אַ פּאָר טריט פֿון אים, האָט ער זיך נישט געאיילט אומצוקערן זיך צוריק

אין דער מאַשין, און ווי יענער, אויך אַריבערגעבליקט צו די ביימער־פעלדער, צו די בערגלעך, וואָס זענען געלעגן איבער זיי ווי הויכע קאָפּלען, וואָס דאַרפן צודעקן זייערע קעפּ, און ער האָט הנאה געהאַט פון דעם, וואָס די אויגן האָבן געזען.

דאָס מילדע וועטער פון סוף־פרילינג און אָנהייב־זומער, דער קלאָרער, בלויער, אויסגעוואַשענער הימל, די שפע פון ליכט און שטילקייט, דאָס אַלץ האָט אַזוי גוט געווירקט אויף זיין געמיט, אַז ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס, איז צו צום פרעמדן מענטשן און גלייך אָנגעהויבן אויסטוישן מיט אים סתמע־דיקע ווערטער, ווי עס פאַסירט אָפּט ווען נישט באַקאַנטע מענטשן הייבן אָן אַ געשפּרעך און געפינען נאָך נישט וועגן וואָס צו רעדן.

אָבער בלויז נאָך אייניקע מינוטן האָבן זיי צוזאַמען זיך אַראָפּגעלאָזט צו די באַביימערטע פעלדער, אויסגעפונען דאָרט אַ ברייט צעוואַקסענעם שטיין, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פון דער ערד ווי אַ צאָן־וואָרצל, און זיך אַוועקגעזעצט. אויב עמעצער האָט זיי באַמערקט פון דער ווייט, זיצנדיקע אַזוי געמיטלעך אויפן שטיין, אין מיטן פעלד, האָט ער אוודאי געקאָנט מיינען, אַז צוויי אַלטע גוטע פריינד האָבן זיך אָפּגעשמועסט, גענומען אַ טאָג־אורלויב און אַרויס פון דער רעשיקער שטאָט, כדי צו פאַרברענגען צוזאַמען, אין גאַנצן מנוחהדיק, אין שויס פון דער נאַטור צווישן ביימער און גרינס.

א. האָט פאַרויכערט אַ סיגאַרעט, אַ בלוי רויך־שנירל האָט זיך צעשפּרייט און ווי אַ דין פירהענגל זיך פאַרצויגן אין העלן חלל.

אין דער אמתן, האָט א. פּלוצלינג אַ זאָג געגעבן, איז נישט די מאַשין מיינע די, וואָס טרייבט מיך אויף די וועגן, נאָר איך אַליין. איך ווייס עס גוט, איך וויל אַנטלויפן פון זיך, און יאָג זיך אַליין נאָך... וווּנדערט זיך נישט. קוקט מיך נישט אָן, ווי איך וואָלט געוועזן אַראָפּ פון זינען. אָנגעהויבן האָט עס זיך גלייך נאָכן אומגליק. פון צייט צו צייט לאָז איך זיך אין וועג אַריין, פּלאַנעווע צוצו־קומען אַהין, נאָר מען לאָזט מיך נישט. קער איך זיך אום אַ מידער און דער־שלאָגענער, פאַרשטויבט פון קאָפּ ביז פיס, ווי אַ זעלנער וואָס קערט זיך אום פון מאַנעווערס, צי פון שלאַכט. די מיליטערישע וואַכן האַלטן מיך אָפּ. זיי אַרעס־טירן מיך נישט, אָבער שיקן מיך אויף צוריק. מיר קומט אויס, אַז זיי ווייסן שוין וווהין איך וויל זיך דערשלאָגן. אפשר האַלטן זיי אויך, אַז איך בין נישט ביים קלאָרן געדאַנק. אויך דאָס איז מעגלעך, וואָרעם זיי באַנעמען זיך מיט מיר זייער פיין, אָפּט מאָל דאַכט זיך מיר אויס — אפילו מיט באַהאַלטענעם וויי. אַזוי צי אַזוי, הייסן זיי מיר אַריין צוריק אין דער מאַשין, און נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, לאָז איך זיך אַוועק צוריק אַהיים.

און נאָך אַ מינוט האָט ער צוגעגעבן: הערט, אויך אַצינד קום איך פון דאָרט, געוואָלט זיי אויסמיידן, דורכשלאָגן זיך, אָבער ס'איז מיר נישט געלונגען.

דער צעהיצטער טאָג־גוף האָט אויף זיינע פּלייצעס אויסגעטראָגן גליענדיקע זון־שטראַלן, שטויב פון פעלד און וועג און זיי צעשפּרייט און צעלייגט ווו נאָר

ס'איז געווען אַרט. אַ צעצונדענע, האָט זון אַליין, ווי אַ ברענענדיקע נעסט זיך באַזעצט אויפן קאָפּ פון אַ יונגער סאָסנע, זיך פאַרפלאָנטערט צווישן אירע צווייגן, צורשט אונטערגעצונדן אירע שטעכעדיקע קאָפּ־האָר און דערנאָך ווי אין גאַנצן זי פאַרלענדט אין פייער־פלאַם.

— און איך, וואָס טו איך דאָ, אין לאַנד פון ישראל, אין הייסע סעזאָן־טעג ביי אונדז דאָרט אין אַמעריקע? הלמאי, האָט איר, ליבער מענטש, ביז אַצינד אפילו מיך נישט אַ פרעג געטאָן, הא?

נאָר ב. האָט נישט געוואַרט ביז דער שכן אויפן שטיין וועט אויפהייבן דעם אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ זיינעם און אַנבייגנדיק זיך אַריינגערעדט צו אים: איך ליג דאָרט אין גאַנצן אין מיינע ביזנעס. פיר אָן מיט פאַרצווייגטע געשעפטן. אַ גאַנצן טאָג פאַרהאָוועט. אַ גאַנצע וואָך, אַלע מיינע טעג. בלויז אין אַ פרייער מינוט כאַפּט אָן אַמעריקאַנער אַ בליק אין זיינע באַנק־ביכלעך, פאַר־סך־הכלט דעם חשבון און גלייך שטופּט עס אים ווייטער, פאָרויס, עלעהיי וואָלסט געווען אַזאַ שפּילצייג־חיהלע, וועמענס ספּרוזשינע עס איז אָנגעצויגן די גאַנצע צייט און דו דאַרפסט אַזוי טאַנצן, האָפּסלען און רודערן מיט די אברים אָן איבעררייס, אָן איבעררייס...

זיינע רייד האָבן זיך אַראָפּגעקאָלערט פון שטיין, זענען צוגעפאַלן צו דער ערד און זיך באַהאַפטן מיט איר. ער האָט געוואָלט, אַז דער שכן זיינער זאָל וויסן, ווי ווייט ער איז פאַרבונדן מיט איזראַעל״, אַז זיינע קינדער קומען כמעט יעדעס יאָר אין לאַנד אַריין, צו דער כותל מערבי, קומען זען ירושלים, פאַר־ברענגען דאָ, און אַז אַ חוץ דעם האָט ער אויך דאָ, נו, אַ זון...

אָבער, צי האָט א. זיך צוגעהערט צום שכנס רייד, אָדער זיי אין גאַנצן נישט אויפגענומען? וואָרעם ער האָט אפילו נישט קיין באַוועג געטאָן מיט די ברעמען פון אויג, געזעסן ווי צוגעגליווערט צום אָרט, ווי פאַרטראַגן.

ווי אַזוי טאַקע האָט עס געקאָנט פּאַסירן, אַז ביי אים, דווקא ביי אים אין הויז זאָל אויסוואַקסן אַ פרומער זון? ווער און וואָס האָבן געבראַכט דערצו? ווי אַזוי האָט געקאָנט געשען, אַז זיין איתי זאָל אין איינעם אַ טאָג צוקלאַפּן די טיר פון קלאַס אין רעאַלער מיטל־שול, ווו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פעיקייטן און קענטענישן, און דערצו נאָך אַ בריקע־טאָן קעגן לערער, זאָגנדיק אים, אַז אַלץ וואָס מען לערנט אין שולע אויף די לעקציעס פון העברעישער ליטעראַטור, איז נישט מער ווי קאַריקאַטור פון פאַרגאַנגענע דורות, וואָס האָבן זיך עס נישט פאַרדינט? פון וואַנעט האָט ער דאָס גענומען? ווו האָט ער עס געלערנט? און ווי אַזוי האָט אַ קינד, נישט באַראַטנדיק זיך מיט טאַטע־מאַמע, זיך אָוועקגעלאָזט ערגעץ־ווו אין אַ ישיבה, אַזש לעבן אשדוד, זיך פאַרגראָבן אין די אַלטע ספרים, און נישט בלויז אויף וואָכן און חדשים, נאָר אויף יאָרן, גאַנצע יאָרן?

נו, עס האָט טאַקע לאַנג דערנאָך זיך געצויגן די מלחמה מיטן איתין. דער טאַטע, דער פרייער וויסנשאַפטלער, נאַטור־פאָרשער, האָט בשום אופן נישט

געוואָלט נאָכגעבן, נישט געוואָלט זען זיך אַ באַזיגטער און פאַרגעסן, אַז כאָטש איין אייגנשאַפט האָבן זיי ביידע אַ בשותפותדיקע — עקשנות. איז דער געבליבן ביי זיינס און דער ביי זיינס. א. האָט געפירט אַ האַרטנעקיקע עקשנותדיקע מלחמה קעגן איתיס זיין אין דער ישיבה, און ער, איתי, דער שטילער, באַשיי־דענער און עקשנותדיקער בחורל, איז זיך דאָרט געזעסן אַנטשלאָסן, פעסט, אַלע האָבן אים דאָרט ליב געקראָגן, באַוווּנדערט זיין טיפע תפיסה און טאַקע אים געהאָלפן צו דערוועגבן, אין אַ קורצער צייט, אַזוי פיל וויסן וואָס אַנדערע האָבן געדאַרפט אויף דעם אַקערן יאָרן לאַנג.

טאַקע אַן עקשן. טאָג און נאַכט האָבן ביי אים נישט געהאַט קיין אויסגעצ־שטעלטע צייט. די נאַכט־אשמורות האָבן ביי אים נישט געוווּסט פון קיין אָנהייב און סוף. איז ער אַזוי שטענדיק געזעסן אין אַ ווינקל, אין גרויסן לערן־זאָל, קיינעם נישט געשטערט און אויך נישט געלאָזט זיך שטערן אין לערנען. אַן עקשן אַזאַ.

וועו עס איז געקומען די צייט פון שטעלן זיך צום מיליטער, האָט איתי מיט דער זעלבער עקשנות אויסגעפועלט אים צוצוטיילן צום פאַנצער־דינסט, אין וועל־כער עס איז מיט אַ שטיקל צייט פריער אַנגענומען געוואָרן זיין חבר דזשעקי. געוואָלט האָט מען איתין דווקא נעמען צו די פאַראַשוטיסטן, אפילו אים פאַרגעצ־לייגט צו דינען אין דער פלי־אַרמיי, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. די גאַנצע חברה זיינע פון דער ישיבה זיצן אין טאַנקן, ווייל ער אויך דאָרט אַהין, צוזאַמען מיט זיי. האָט מען אים צום סוף צוליב געטון און נישט חרטה געהאַט. "אַ גוט געשעפט האָט ס׳מיליטער געמאַכט מיט איתין, האָט חברה זיך געגרייסט מיט אים, ער באַווייזט דאָרט אויך וואָס ער קאָן".

א. האָט זיצנדיק אַזוי אויפן שטיין אַנאַליזירט די פּאַסירונגען, עלעהיי ער וואָלט געזעסן ביי זיך אין דער לאַבאָראַטאָריע. דזשעקי, דער חבר וועמען איתי פלעגט אָפט ברענגען מיט זיך אין שטוב, איז געווען אַן אַמעריקאַנער בחור. אויך אין אים איז אַריין אַזאַ "דיבוק" אין קאָפּ. פאַרלאָזט די עלטערן, דאָס אַמערי־קאַנער לעבן, דאָס לערנען אין שולע און אַוועק קיין ישראל, אין אַ ישיבה. טאַטע־מאַמע האָבן אַלאַרמירט, פאַרלאַנגט, געדראָט, און גאָרנישט געפועלט. אויך אַזאַ מין עקשן. אָבער דזשעקי — איז אַן אַנדערע זאַך. אים איז געווען דערווידער דעם טאַטנס געשעפטן — אַליין האָט ער עס דערציילט — די האָטעלן, דאָס הייזער־בוי פאַר די "שוואַרצע", און באַזונדערס דער שמאַטע־האַנדל, כאָטש אין גרויסן פאַרנעם. פאַרקערט. דאָס זאָגט גוט וועגן דזשעקין. אָבער וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט אַוועקלויפן אין אַ ישיבה אַריין? דאַרף דאָס זיין דער טויש? און זיין איתי? מיטן אָפענעם מוח זיינעם האָט ער דאָך געקאָנט עפּעס געבן דער וויסנשאַפט, דער פאַרגעשריטנקייט, צום סוף האָט ער זיך געקערט אויף צוריק, אויף צוריק, צו אַ לעבן וואָס...

— און דעמאָלט איז פּלוצלונג אַראָפּ אַ מהומה אויף דער ערד, האָט זיך אַריינגעריסן אין אַ סך שטיבער אין לאַנד און גענומען דאָרט קרבנות, ווי אַן ערד־ציטערניש. איתי איז געווען צווישן זיי. זינט דעמאָלט איז דער מג״ד (פּאָלק־קאָמאַנדיר) געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער אין שיין איינגעאָרדנטן הויז פון א., זיך באַפריינדעט מיט די שטוב־מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט נישט ווי אין אַ ווילע, נאָר ווי אין אַ פּוסטער חורבה, אין אַ וויסטעניש.

דער מג״ד, אַ השומר־הצעירניק, אַ געהאַרטעוועטער אין מלחמה־נסיונות, רעדט אָפּגעהאַקט, קורץ און מיט אַזאַ טיף קול, ווי ער וואָלט געגעבן באַפעלן. פון זון פאַרברענט איז זיין רויט־הויטיק פּנים, געל־רויטלעך — די געקרייזלטע קאָפּ־האָר און די וואָנצעס, פאַררעדלט ביי די עקן, זעען אויס ווי רויט־גאָלדענע אויריגנען, אָדער גאָר ווי שרויפּנציערס. ווען ער זיצט אַראָפּגעלאָזט אין פאָטעל און רעדט וועגן איתי׳ן, עפנט זיך עפּעס ביי אים אַ קוואַל פון רייד. גאָר נישט ווי זיין שטייגער. ער האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, נישט אים בלויז, נאָר די גאַנצע חברה זיינע, מיט וועלכער איתי האָט אָנגעפירט. אַזעלכע משונהדיקע לייט. אין גאַנצן אַנדערע. אָט האָבן זיי געזונגען, און אָט געלערנט, געדאַוונט — אַזאַ מין עקזאָטישער פלאַנץ אין פאָלק. נאָר אויב מען האָט געדאַרפט דורכפירן עפּעס אַן ערנסטע אויפגאַבע — האָסטו געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. אַזאַ איבערגעגעבנקייט האָבן זיי אַרויסגעוויזן און אַזוי פיל דיסציפּלין.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער אַרויסגערופן איתי׳ן צו זיך און אים איבערגעגעבן וועגן אַן אויפגאַבע, וואָס דער שטאַב האָט אַרויפגעלייגט אויפן פאָלק דורכצופירן. לויטן פּלאַן דאַרף מען זיך אַראָפּלאָזן אין דעם איינגעפּרעסטן ערד־אַפּשניט פון שונא, זיך אַ ביסל ״דורכוווערטלען״ מיט אים, פאַרטראָגן מיט שכל אַ ביסל אַרטילעריש פייער און דורך דעם אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון פיינט פון אַ צווייטער וויכטיקער טעטיקייט פון פאָלק, וואָס וועט דורכגעפירט ווערן אין איין און דער זעלבער צייט. ס׳איז געווען אין אַ פרייטיק, און די אויפגאַבע איז באַשטימט געוואָרן אויף צו מאָרגנס, שבת אין דער פרי. דעם אַ פרייטיק האָט איתי אַלעמען משוגע געמאַכט. פאַרלאַנגט, אַז נאָך פאַר שבת זאָל מען אָנגרייטן פאַר זיין גרופּע דאָס גאַנצע עסן, מען זאָל עס דערנאָך נישט דאַרפן צופירן אין שבת. אַליין אַריין אין אַ פאַנצער־וואָגן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ נאָענט דאָרף און אָנגעבראַכט דזשעריקאַנעס מיט וואַסער, אויך כדי נישט צו דאַרפן זיי ברענגען אין שבת. און לעבעדיק איז געווען דעם פרייטיקצונאַכטס אין די בונקערס — שוין איין מאָל! איתיס חברה האָט אַלעמען געהאַלטן אויף די פיס, געזונגען און געטאַנצט, אָנגעפילט אַלעמען מיט אַזאַ שמחהדיקייט, וואָס איז געווען אַ זעלטנהייט אין דעם פראָנט־אָפּשניט, וואָס האָט געוווסט נאָר פון ראַקעטעס, אויפרייסן און פאַרוווּנדעטע.

ווי צו פאַרענטפערן זיך האָט דער מג״ד דאָס מאָל געגעבן צו פאַרשטיין די שטוב־מענטשן, ווי ביטיק ס׳איז געווען די אויפגאַבע, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויף איתי׳ן און זיינע מענטשן, אָבער ווער האָט געקאָנט פאָרויסזען, אַז

מען וועט דאַרפן באַצאָלן אַזאַ טייערן פּרייז? ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען? בלויז איינער, דער אַמעריקאַנער בחור, דזשעקי, איתיס בעסטער חבר, וואָלט געקאָנט עפּעס דערציילן, אויפקלערן, ער איז געווען דער איינציקער, וועמען מען האָט אָפּגעפונען אַ כמעט פאַרברענטן אין טאַנק, נו, ליגט ער נאָך אַלץ אין שפּיטאָל, אָן באַוווסטזיין, נישט געלעבט און נישט געשטאָרבן.

אַ צווייט מאָל האָט דער מג״ד, זיצנדיק אָפּגעזונדערט מיט איתיס פאָטער, אים דערציילט, אַז יענעם שבת־פאַרטאָג, פאַרן אַרויסגיין פון דער גרופּע צו דער אויפגאַבע, איז ער געשטאַנען לעבן איתין און אין איינער אַ רגע האָט ער אים אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט, אָוועקגעטריטלט מיט אים אין אַ זייט, און אַ זאָג געגעבן: איך האָב אפשר נישט געדאַרפט דיך אויסקלייבן צו דער אויפגאַבע דווקא אין שבת, אָבער וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן איז צו ערנסט, אַז כ׳זאָל קאָנען מוותר זיין אויף דיין און דיינע חברימס מלאכה. אויף דעם האָט איתי גלייך אָפּגעענטפערט: פאַר יעדן פון אונדז איז שבת, פאַר דיר, קאָמאַנדיר, ווי פאַר מיר. איז אַ נפקא־מינה, ווער עס וועט אויספירן די אַרבעט, וואָס דאַרף געטאָן ווערן, דו, איך, צי אַנדערע? אדרבא, האָט ער מיט אַ ליב שמייכעלע צוגע־געבן, גיב אַ קוק אויף מיין חברה, אויף זייער פרייד, שבתדיקע פרייד, און פרייד פון אַרויפגעלייגטן עול אויף זיי.

מער האָט דער מג״ד קיין מאָל נישט גערעדט וועגן איתין און זיינע טועכצער אויפן פראָנט, אפילו נישט אַ וואָרט. ווי אַלץ אַנדערעס וואָלט שוין נישט געהאַט קיין שייכות צו קיינעם און ווי קיינער וואָלט מער פון דעם, וואָס ער האָט דער־ציילט, נישט געדאַרפט וויסן.

א. האָט פון זיך געטריבן מחשבותן, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים און געגעסן דאָס האַרץ, געפּייניקט. זענען זיי אָבער צוריקגעקומען און אים אָפּ־געשלאָסן ווי אין שפּין־געוועבס. אַלץ האָב איך געזען מיט לאַבאָראַטאָרישע אויגן, דורך אַנאַליז, מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען, טרוקן, האָט ער צו זיך שטיל גערעדט און כמעט ווי געהאַט די ווערטער אויף די ליפּן, נישט ליב געהאַט, נישט פאַרטראָגן קיין אָפּנייגונגען, און פון דעסטוועגן, פון לעבן אַליין, געקענט בלויז די ראַם זיינע און נישט דעם ״אינעווייניק״. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס אויך זיין איתין האָט ער אַזוי ווייניק געקענט, אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען, אַ שאָד.

איר הערט, האָט ער פּלוצלונג ווי זיך דערמאָנט, אַז נאָך עמעצער זיצט אויפן זעלבן שטיין לעבן אים, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז אייגנטלעך האָט ער עס שוין איין מאָל געזאָגט זיין שכן, נאָך אין אָנהייב פון זייער צוזאַמענטרעף. נישט קיינער, נאָר איך אַליין טרייב מיך איבער די וועגן, טראָג זיך פון אָרט צו אָרט און אין ערגעץ געפין איך מיר נישט קיין אָרט. ווי עס וואָלט אומעטום אָוועקגע־נומען געוואָרן הינטער מיר דער באָדן. איך גיי אויס, מיין האַרץ גייט מיר אויס אַנצוקומען ״אַהין״, צו יענעם אָרט ווו ס׳איז געשען, און מען לאָזט מיך נישט.

וואָס פּאַראַ עוולה מען טוט מיר, וואָס פּאַראַ עוולה!

ב. האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרוווּנדערטע בליקן און זיך אַ הייב געטאָן פון שטיין אַראָפּ. גיט נאָר אַ קוק מיין ליבער, דער טאָג איז דאָך שוין באַלד פאַרביי, די זון ליגט שוין דאָרט הינטערן באַרג, אוודאי שוין דאָרט אויף פאַר־קברט. נו, ס׳איז שוין גענוג שפּעט, כאָטש מיך אָרט גאָר נישט, איך האָב נישט וואָס צו פאַרשפּעטיקן, צו מיין דזשעקי קאָן איך אָנקומען צו יעדער צייט, מיך לאָזט מען צו צו אים, מען שיקט מיך נישט צוריק, אָבער וואָס קומט מיר אַרויס דערפון? מער ווי דאָס פאַרברענטע פּנים זיינס זע איך נישט, האָב איך אַ זון און כ׳האָב אים נישט.

א. האָט ווי אויפגעכאַפּט זיך פון אַ טיפן שלאָף און אַ ציטער געגעבן. וואָס האָט איר געזאָגט? וואָס פאַראַ נאָמען האָט איר דערמאָנט?

וואָס הייסט? וועגן מיין זון רעד איך, מיין דזשעקי. פון ניו־יאָרק איז ער דאָך מיר אַנטלאָפן אַהערצו, אין אַ ישיבה אַריין, געהערט אַזאַ זאַך? אַוועק אין מיליטער, נו, און דערנאָך, מיין ליבער פריינד, פאַרענדיקט אין דער לעצטער מלחמה, כ׳האָב דאָך אייך אָקערשט געזאָגט...

די אויגן־אַפּלען ביי א. האָבן זיך איבערגעקערט אין די אַרויסגעשטאַרצטע ראָמען. ער איז גלייך אויפגעשטאַנען פון שטיין, אָבער נישט געקאָנט געבן זיך אַ ריר פון אָרט, ווי ער וואָלט אין דער מינוט פאַרוואַרצלט געוואָרן אין דער ערד אַריין.

און די נאַכט איז אַראָפּ אויף זיי און אַרומגעהילט ביידן אין טונקעלן שלייער ווי אין אַ שוואַרצן אבלדיקן לייוונט־טוך.

✱

רחל בוימוואָל

יידלאַנד

ערשט נעכטן . . .

.1

כ'געדענק, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן זיין.
. . . ס'איז די וועלט פאַר מיר שפּאָגל־ניי.
דער טאַטע פירט מיך אין סעדל אַריין, —
מאַכט איין טראָט, און איך מאַך דריי.

כ'האָב געהאַלטן אים פאַר זיין גרויסער האַנט
און מיט פראַגעס צוגעשטאַנען.
— פאַרוואָס איז דייטשלאַנד, און ענגלאַנד — אַ לאַנד,
און יידלאַנד איז ניט פאַראַנען ?

מיין טאַטע איז געוווינט געווען פון מיר
הערן אַזעלכע זאַכן.
געענטפערט פאַרטראַכט האָט ער בעתן שפּאַציר :
— נו יאָ, מע וועט דאַרפן מאַכן . . .

עס זענען פאַרביי ניט איין צענדליק יאָר, —
ס'איז יידנלאַנד לאַנג אַ מדינה.
און ווו איז מיין פאָטער ? — פרעגן כ'פאַרשפּאָר.
כ'וועל קיין מאָל שוין אים ניט געפינען . . .

און דאָך איז ער דאָ אין דער זון, וואָס בריט,
אין ישראלדיקע שטיינער און זאַמדן, —
ער איז דאָך געווען אַן אמתער ייד,
געווען אַ גרויסער למדן.

און יעדן מאָל, ווען עס "שפּאַרט זיך איין"
אַ מענטש, וואָס וויל ניט פאַרראַטן,
פליט אַ קויל אין מיין פאָטער אַריין,
פאַרליר איך אויף ס'ניי מיין טאַטן . . .

און דאָ, ווו גרעַטעוועט האָט זיך זיין טרוים,
וואָס איך און מער קיינער ווייס אים,
איז אין יעדן היגל, אין יעדן בוים
שטייט ער אויף פאַר מיר תחיית־המתים.

2.

דאָרט, ווו מיין טאַטע איז באַגראָבן,
ניט ווייט פון קיעוו, אויף אוקראַינע,
וואַקסט הויך דאָס גראָז און ס׳פליען ראָבן,
אַ ריטשקעלע טוט ליכטיק שיינען...

... פון פאָמעראַנצן אַ גאָלדענער בלענד,
שפילן ווינטן אויף זוניקע פידלען...
מיר דאַכט, זיך האַלטנדיק פאַר די הענט,
מיר גייען מיט אים איבער יידלאַנד.

עס שטייען דאָרטן גרינע ביימער,
פונקט ווי די אייביקייט וואָלט מיינען
מיט דעם כאָטש לינדערן די אימה,
וואָס שוועבט אויף די בית־עלמין־שטיינער.

כ׳בין פאַר מיין עולה־זיין געווען דאָרט,
איך וועל עס קיין מאָל ניט פאַרגעסן,
ווי אַלץ געשמאַכט האָט אומגעענדערט
ווי לאַנג איך בין אַזוי געזעסן.

די זעלבע שטילקייט אין די אויערן,
די זעלבע צייט, וואָס פליסט און דויערט,
אַן אייביקע — ביז דיין געבוירן
און נאָך דיין טויט — אָן פרייד, אָן טרויער...

מיט זיך כ׳האָב דעמאָלט מיטגענומען
אָט דעם פאַרלאָזענעם בית־עלמין
מיט זיינע גראָזן,ביימער שטומע,
מיט יענעם ריטשקעלע, — מיט אַלעמען...

וועש אין דרויסן

גאַנץ ירושלים טריקנט וועש אין דרויסן!
פון אָנהייב ניט געקאָנט כ'האָב עס באַנעמען.
און איצטער כ'זע אין דעם אַ זין אַ גרויסן:
מיט ריינעם וועש וואָס דאַרף מען זיך דען שעמען?

געדענקסט, מיר האָבן אין די מאָסקווער קיכן
געטריקנט וועש ביי נאַכט איבער די פּליטעס,
צי אויף די בוידעמער מיר פלעגן קריכן,
און פאַר אַ גנב אַלע מאָל געציטערט.

אין דרויסן הענגען דאָרט נאָר רויטע פענער —
אָט די, וואָס זאָגן צו נאָר און פאַרפירן.
איצט זע איך איין, אַז טויזנט מאָל איז שענער
געוואַשן וועש פון אַלערליי קאָלירן.

✶

אויף די שטריקלעך פונעם וועש
הענגט דער רעגן אויס זיין רעשט.

קוק איך איין זיך ווי געראָטן
זענען טראָפּנדלעך אין נאָטן!

און די שטריקלעך — הער נאָר, הער! —
פינף. — ניט וויניקער ניט מער...

טראָפּנס קומען און אַנטרינען, —
טוט אַ ניגונדל זיך שפינען.

טראָפּ און טריף, און טריף און טראָפּ...
דרייט אַ שפּערל מיטן קאָפּ.

פונקט ווי ס'פּרוווט דאָס ליד דער שפּערל
אויפנעמען מיט זיין געהערל.

הענג איך אַ סערוועטקע אויף,
און דאָס שפּערעלע אַנטלויפט...

אַן אַלט ליד

איך זיץ אויף דער קילער וועראַנדע.
דער אָוונט איז בענקענדיק־מיד,
עס קומט פון אַווייטן וואַנדער
צו מיר מיינס אַן אַלט ליד.

— איך האָב שוין געשריבן דיך, דאַכט זיך...
ס׳קאָן זיין. אָבער סייווי סיי —
דאָס ליד קוקט מיך אָן און פאַרטראַכט זיך. —
שרייב איבער מיך אויף דאָס ניי!

מיט אומגעדולד שלאָג איך איר איבער:
— איך קאָן ניט, גיי אָפּ אָן אַ זייט!
געווען צווישן אונדז איז אַ ליבע,
נאָר זי האָט פאַרוועלקט מיט דער צייט.

מיר האָבן זיךביידע געעלטערט.
כ׳האָב לאַנג שוין פון דיר ניט געטראַכט.
כ׳בין ניכטערער איצט און געשטעלטער
און שטרענגער, — איז נעם עס אין אַכט.

...נאָר ס׳ציטערן אויף מיינע ליפּן,
צו וועלכע זיך טוליעט דער גאַסט,
און ס׳נעמען זיך שורהלעך זיפּן,
וואָס איך האָב זיי איין מאָל פאַרפאַסט.

וואָס איך האָב פאַרפאַסט ווען, נאָר אַנדערש,
גאָר אַנדערש און ווייט ניט אַזוי!
מיר ביידע אין אָנהייב פון וואַנדער
געווען זענען האָפערדיק־רוי.

ערשט איצט כ׳קאָן אַ תיקון דעם געבן.
איך לייטער עס נאָך און נאָך...
באַדאַרפט האָט פאַרבייגיין אַ לעבן,
כ׳זאָל ווערט זיין באַגרייפן דעם תוך.

...איך זיץ אויף דער קילער וועראַנדע,
דער אָוונט איז בענקענדיק־מיד,
עס קומט נאָך אַ ווייטן וואַנדער
צו מיר מיינס אַן אַלט ליד.

ל. אַליצקי ז״ל

דריי לידער

דעם דיכטער דוד ספאַרד

אַ וויזיע פון אַ דיכטער אין אוישוויץ

... סע האָט אַ ליכט אים דורך די וויעס
פאַרבלענדט, געבריט, געברענט ;
ער האָט מיט ציטער אין די קניעס
דאָס פנים אָפּגעווענדט.

״ס'איז דאָרט דער כסא־כבוד, קלער איך, —
ער האָט אין פאָרכט געטראַכט, —
אָט באַלד אַ סגי־נהור ווער איך
פאַרזינק אין קבר־נאַכט ...״.

די אויגן, רייסנדיק, צעפראַלט ער
און ווענדעט זיך : ער זעט ? ! ...
אַנטקעגן גאָט — אַ שוואַרץ־צעשטראַלטער
דער גרויסער שר־של־חטא ;

די אויגן — שוועמלעך שימלגרינע,
די בליקן — דערנער שפּאָט,
מיט אַ נקמהדיקער שנאה
ער שטעכט אַריין אין גאָט ;

די ליפּן, שלענגלדיקע, דינע,
זיך ציען איין־און־אויס ;
אַ גיפטיק־ברויזנדיקע פּינע
סע שלאָגט פון זיי אַרויס
מיט אַ געציש פון בייזע שלאַנגען :
״דיין מענטשן־בלוט איז שיין ...
דורך מאָרד מע זינגט דיר ליבגעזאַנגען.
אַזש זעלבסטמאָרד וואָלסט באַגיין,
״ווען וואָלסט נאָר קאָנען ... נעבעך ... קאָנסט נישט,

וואָס ער, דיין מענטש, קאָן יאָ...
פאַר וואָס זשע נעמסטו נישט, פאַרלענדסט נישט
די מענטשהייט ביזן דנאָ?

"מע זאָל נישט זען מער דיין ביוש,
ווי טראָגסט דעם שווערן יאָך —
דיין אומבאַהאָלפנקייט און יאוש,
באַקלאָגנדיק דיין בראָך..." —

ער האָט אויף אָט די רייד די שאַרפע
גאָטס תשובה הייס באַגערט,
אין דוכטעניש: אין ווייט אַ האַרפע
זיס אויפשפּילן ער הערט...
אָט־אָט וועט גאָט דאָס וואָרט זיינס זאָגן!
דורכויס געהאָרך — זיין זעל...
זיין גוף אַ בייטש נעמט דרעשען־שלאָגן:
— פאַרפלוכטער, צום אַפּעל! — —

מיין קידוש־השם

"קעלעם... מ'האָט די יידן געטריבן אויף זייער לעצטן וועג... זענען אויך געגאַנגען די ראשי־הישיבה... מיט זייערע תלמידים... מ'האָט געטאַנצט און געזונגען "אדון עולם", "אַשרינו מה טוב חלקנו" מיט שמחה און דבקות".

(פון אַ כראָניק)

איר... איר האָט אויסגעזונגען אונדזער גרעסטן בראָך
און אויסגעטאַנצט די וווּנדערלעכסטע גבורה,
באַוויזן: גובר זיין מע קאָן פון פּיין דעם יאָך
און גיין צום גרוב מיט אַ צעשטראַלטער צורה.

ס'האָט אייך געפירט דער נאַצי־לומפּ — דער גולם־טויט,
נאָר איר געטאַנצט האָט פריידיק קעגן ל ע ב ן.
דער הימל האָט אין אייך געזוניקט און געבלויט
און פליגל אייך געשענקט צו גאָט צו שוועבן.

נאָר ווי ! מיין וואָרט איז שוואַך אַקעגן אייער טאַט,
ס'זאָל פון דער הויט דריימאָליק "קדוש" שפּרינגען ;
דער קלאַנג פון וואָרט איז שרעקעוודיק, זיין טעמבער — מאַט
אַזאַ נשמה־דבקות אויסצוזינגען.

דערשטיק איך מיין באַגער צום וואָרט אין מיין געמיט,
און אויף מיין מויל דעם שלאָס פון גאָלד הענג אויף איך.
אין שטומעניש מיט אייך זינג אויס אַ הימנליד
און ווייס : דערמיט זיך עולם־הבא קויף איך,

ווייל דורך מיין זעל שטראַלט־דורך פון אייער פרייד די זון,
און אָן אַ וואָרט איך זינג מיט אייך צוזאַמען . . .
דער "שדי" אַ צעפלאַקערטער אַנטפּלעקט זיך און —
מיט "שמע ישראל !" שפּרינג אין זיינע פלאַמען. — —

אומרו

האָט ווער דאָס ווּנדערלעכע ייִנגעלע געבראַכט
צו פירן מיר אין שלאָף, אין חלום, היינט ביי נאַכט ?
דאָס בלאַסע ייִנגעלע מיט לעקעלעך ווי גאָלד,
ווי זיי פון זונפעדעם די שכינה וועבן וואָלט,
מיט אויגן שוואַרצע און גלי־בריענדיקן בליק,
וואָס שמייכלט : "מיט מחשבה כ'פריי זיך און אַנטציק,
ווייל זי איז מיר ווי יעקבס לייטער צו דער הייך,
אויף זיינע שטיגן כ'קלעטער און צום הימל גרייך" ; —
האָט ווער עס, דאָס עילוי־ייִנגעלע, געבראַכט,
סע זאָל מיין שלאָף צערודערן די גאַנצע נאַכט
מיט די התפעלותדיקע, שוימענדיקע רייד,
וואָס זענען מיר געבליבן סודיק־אומבאַשיידט ?

און מיין געוויסן, שעפּטשענדיק, מיר ענטפערט גיך :
"דו ווייסט נישט כלומרשט ווער ? ס'האָב איך געבראַכט עס, איך.
און ערשט, ווען ביסט פון שלאָף שוין אויסגעפלאָנטערט, וואַך,
איך וועל אַנטפּלעקן פאַר דיין וויסן נאָך אַ זאַך :
דאָס ייִנגעלע די נאַציס האָבן אומגעבראַכט, —

איז ווילסטו רו אין שלאָף זאָל געבן דיר די נאַכט ?
אַזעלכע קינדער, ווייס, געוועז זענען אַ סך,
סע איז דען אויסצוצײלן פּינקטלעך : כך־וכך !
און אויב נישט קיין עילויים, איז פאַרגעסן רעכט ?
און מענטש מיט שלאָף זיך לאָזן וואַלגערן אין די נעכט ?
כ׳העננ־אויף אַ זייגער־אומרו אויף דיין קאַלט געמיט,
צו וויגן עס אין יעדער זייט, וווּהין ער ציט,
דיך וואַרפן ווי אין כף־הקלע אויך ביי טאָג —
זאָלסט אויסברעכן דיין שלאָף ביי נאַכט מיט אַ געקלאָג . . .״.

ווען די לעצטע שורות, וואָס דער דיכטער האָט אונדז איבערגעשיקט, זענען שוין געווען אין זאַץ האָט אונדז פּלוצים געטראָפן די ווײ־פולע ידיעה, ווענן דעם, אַז אונדזער טייערער ל י י ב אָ ל י צ ק י איז שוין נישטאָ. . . די ירושלימער יידישע שרייבער און די רעדאַקציע פון ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ פאַרבייגן זיך אין טיפן צער פאַרן ליכטיקן אָנדענק פון דעם נאָבעלן שרייבער און דיכטער, דעם טרייען ריטער פון יידיש־ליטעראַטור — לייב אָ ל י צ ק י ז״ל און טיילן דעם נישט־פאַרגעגלעכן טרויער מיט זיין פאַריתומטער משפּחה.

בנימין לובעלסקי

גלויבן

פון נעבנדיקן שפּיטאָל־צימער האָט אַרויסגעקוקט פון איר געלעגער אַן אַלטע פרוי. אין די וואַקס־געלע הענט אויסגעשטרעקטע איבער דער קאָלדרע האָט זי געהאַלטן אַן אָפענעם סידור. די ליפּן האָבן זיך באַוועגט אַן אַרויסצוגעבן אַ קלאַנג. אויפן קאָפּ האָט זי געהאַט אַ שטערן־טיכל, פאַרבונדן מיט אַ דינעם קניפּ ערגעץ אין דער מיט שטערן. אַ שטערן־טיכל — ווו האָט סיאַמע דאָס געזען? צי האָט ער עס בכלל שוין געזען? ניין, ער דערמאָנט זיך ניט. אוודאי ערגעץ געלעזן דערפון, געגלויבט, אַז דאָס איז אַ וועלט וואָס איז אונטערגעגאַנגען. און דאָ איז פאַר אים געשטאַנען די דאָזיקע וועלט אין דער פולערווירקלעכקייט. די מענטשן זענען דאָ, זיי לעבן! וואָס דענקען אַזעלכע מענטשן? —

ער האָט ווידער געוואָרפן אַ בליק אין צימער אַריין אויף דער אַלטיטשקער אין בעט. זי איז געלעגן אָן באַוועגונג, בלויז פון צייט צו צייט האָט זי פייכט געמאַכט דעם דיקן פינגער פון דער רעכטער האַנט און איבערגעמישט דאָס בלעטל. זי האָט סיאַמען ניט געזען. זי האָט קיינעם ניט געזען. זי האָט געלעזן שטיל, פאַר זיך.

סיאַמען האָט שטאַרק אינטערעסירט צו הערן וואָס די דאָזיקע מענטשן רעדן צווישן זיך. דאָס איז אים לייכט אָנגעקומען, זיי האָבן מערסטנטייל גערעדט יידיש — טיילמאָל אַ שיינעם ווילנער יידיש. זיי האָבן גערעדט פּאָליסיק, פּאָלקס־טימלעך און זייער אָפט אַריינגעמישט די ווערטער: גאָט זאָל העלפן, גאָט זאָל אָפּהיטן, גאָט צו דאַנקען. גאָט האָט אין די שמועסן פאַרנומען דעם אויבנאָן. ער איז געווען צווישן זיי אַ נאָענטער, אַן אייגענער.

סיאַמע האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק אין קאָרידאָר, נאָענט צו זיין צימער. עס זענען דאָרט געזעסן מענטשן אין ציווילע קליידער — ניט אין שפּיטאָל־פּיזשאַ־מעס. זיי זענען אוודאי אַהערגעקומען זען אַ דאָקטער. אַ פרוי, די האָר פאַרדעקט מיט אַ טיכל, אַ קלייד מיט לאַנגע אַרבל, איבער די קני — אַלע סימנים פון אַ רעלי־גיעזער פרוי — האָט געהאַלטן ביים הענטל אַ יינגעלע פון אַ יאָר 6 — אַ יינגעלע מיט געלאָקטע פּאהלעך, מיט אַ קאַפּעלע אויפן קאָפּ.

— איר וואַרט אויפן דאָקטער? האָט די פרוי אַ פרעג געטאָן אַ מאַן אין מיטעלן עלטער, וואָס איז געזעסן נעבן איר.

— יאָ, שוין אַ האַלבע שעה ווי כ׳וואַרט דאָ — האָט דער מאַן אָפּגעענטפערט. מיט אַ ביסל פאַרוואורף אין זיין שטים.

— איך וואַרט אויך — האָט די פרוי אָפּגעענטפערט — מילא, מען דאַרף האָבן אַ ביסל געדולד, אַז מען וויל געזונט ווערן.

— גאָט זאָל העלפן — האָט דער מאַן געפּסקנט — דאָס איז די בעסטע רפואה...

— יאָ, גאָט זאָל העלפן — האָט די פרוי איבערגעריסן — פאַרשטייט זיך, אָבער גאָט העלפט ניט אַליין, מען דאַרף גיין צום דאָקטער.

אין דער פרויס באַמערקונג איז געווען עפּעס נייעס — עס האָט נישט געשטימט מיט סיאָמעס פאַרשטעלונג. סיאָמע האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז רעליגיעזע מענטשן, וואָס גלויבן אין גאָט, לאָזן אים איבער די גאַנצע איניציאַטיוו. ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז ביי דער זייט פון גאָט האָט דער ערדישער דאָקטער אויך עפּעס צו זאָגן אין פראַגן פון לעבן און טויט.

— ״פאַרלאָזט זיך אויף גאָט וועט אייך גוט זיין״ — האָט ער געלערנט. איצט דערוויסט ער זיך, אַז דאָס פאַרלאָזן זיך איז עפּעס ניט הונדערט פּראָצענטיק. גיי זיי אַ חכם און ווייס, אויף וויפל פּראָצענט פאַרלאָזן זיי זיך יאָ?

* * *

ווען ער האָט דערוואַכט פון זיין נאָכמיטאָג־שלאָף איז ער אַרויס אויפן קאָרידאָר זיך אַ ביסל אַדורכגיין.

פאַר דער אַלטיטשקעס בעט אין שכנותדיקן צימער איז געשטאַנען אַ מאַן אין די פערציקער יאָרן. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע, פון אונטן האָבן אַרויסגעקוקט שוואַרצע זאָקן, קאַמאַשן גוט פאַרגלאַנצט, ריין. זיין שוואַרצער קאַפּעליוש מיט דער ברייטער רונדע איז געלעגן אויפן שטול. ער איז געשטאַנען אין דער שוואַרצער יאַרמלקע, אַן באַוועגונג, ווי בעת שמונה־עשרה. די אַלטיטשקע האָט גערעדט. זי האָט גערעדט שטיל, געלאַסן. ער האָט זיך צוגעהערט צושאָקלענדיק פון צייט צו צייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ניט ווייט פון דער טיר זענען געשטאַנען נאָך דריי מענער אין זעלבן מער ווייניקער עלטער און אין ענלעכער קליידונג. זיי זענען געשטאַנען און געשמועסט צווישן זיך אין יידיש. — איר וואַרט דאָ אויף וועמען? — האָט סיאָמע ניט דרייסט געפּרוווט אָנהייבן אַ שמועס.

— געקומען באַזוכן די מאַמע, דאָרט אין צימער.

— טאָ וואָס־זשע שטייט איר דאָ?

— נו, מיר זענען פיר ברידער. איין ברודער איז אינעווייניק. ער וועט אַרויסקומען, וועט אַן אַנדערער אַריינגיין. די מאַמע פאַרטראָגט ניט קיין רעש.

סיאָמע האָט געמערקט, אַז איינער פון די ברידער איז אַביסל אַנדערש געקליידט. נאָך אַ קורצן שמועס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער איז נאָר וואָס געקומען פון ברוקלין, פון אַ ישיבה. אויך צוויי פון די ירושלימער זענען געווען ישיבה־לייט. די דריי ישיבה־לייט האָבן זיך אָבער קיין סך ניט אונטערגעשיידט. גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען דער פערטער ברודער. כאָטש אויך אין חסידישן טראַכט, מיט אַ

קאַפּאָטע, הוט און יאַרמלקע, נאָר ער איז געווען מער אַנטוויקלט, געהאַט זיכערע באַוועגונגען. אויף יענע זענען די קאַפּאָטעס געלעגן ווי אַ קדושה — ביי אים איז עס געווען סתם אַ באַדעקונג. דורך דער שוואַרצער קאַפּאָטע האָט ביי אים אַדורכ־געזעצט אַ גוף אַ פעסטער, אַ ניט ענלעכער צו דעם פון די דריי ברידער. סיאָמע האָט געקוקט דאָ אויף אים, דאָ אויף די אַנדערע דריי, עפּעס איז אים דאָ ניט קלאָר געווען. דאָס האָט דער ברוקלינער באַמערקט:

— יחיאל, אונדזער ייִנגסטער ברודער, זעט אַביסל אַנדערש אויס, וואָס? דאָס האָט ער מיט פינף יאָר צוריק, נאָכדעם ווי דער טאַטע, עליו השלום, איז נפטר געוואָרן, באַשלאָסן צו ווערן אַ בעל־מלאכה, צו לעבן פון דעם, וואָס זיינע הענט אַליין פאַרשאַפן. שוין פינף יאָר, אַז ער אַרבעט אַלס שלאָסער. —

— פאַרוואָס גראַדע אַזאַ שווער פאַך, אַ שלאָסער? — האָט געפאַרשט סיאָמע.

— אויך די מאַמע האָט זיך געוווּנטשן אַן אַנדער פאַך, אַ לייכטערס.

— וואָס למשל?

— וואָס הייסט? האָסט ניט געזען אין מאה־שערים מיט וואָס מענטשן באַ־שעפטיקן זיך אַלץ? פאַראַן היטלמאַכערס און שניידער, און גאָלדשמידן, און טאַפּע־צירער, און שוסטערס, און סטאָליאַרס — וואָס מענטשן טוען אַלץ ניט, כדי צו פאַרדינען זייער ברויט!

— ווי אַזוי איז אים טאַקע געקומען אויפן געדאַנק אַזאַ שווער פאַך?

— נו, דאָס איז ניט קיין פראַגע. די תלמידי חכמים האָבן געאַרבעט אין די פאַרשידנסטע פאַכן. ווען די מאַמע האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס שווערע פאַך וועט אים שטערן צו לערנען תורה, האָט יחיאל איר דערציילט, אַז רבי יהושע און רבי יצחק האָבן לויטן תלמוד געאַרבעט אַלס קאָוואַלס, און דאָס האָט זיי גאָרניט געשטערט צו לערנען תורה. האָט די מאַמע זיך צוגעהערט צו די הייליקע נעמען און לסוף געזאָגט: גיי, מיין זון, גיי, זאָל אויף דיר קומען אַ ברכה. און יחיאל האָט זיינס אויסגעפירט. אויסגעפירט מיט כבוד. ביים אָנהייב איז אים געווען זייער שווער — איצט האָט ער שוין אַן אייגענעם שלאָסער־וואַרשטאַט. ער אַרבעט אויך איצט זייער שווער, אָבער אָוונט־צו קומט ער אין בית־מדרש און לערנט אַ בלאַט גמרא.

סיאָמע האָט געוואָרפן אַ בליק אויף יחיאלן — די פיזישע אַרבעט האָט זיך אים געלייגט אויף די פלייצעס, אויף די הענט. ער האָט באַמערקט די אָנגעשוואָלענע, האַרטע דלאָניעס, די שוואַרצע ריסן, וועלכע האָבן געצייכנט יחיאלס הענט, נעגל, דאָ און דאָרט אויך דאָס פּנים. סיאָמע האָט גוט געקענט דידאָזיקע צייכנס ביי מענטשן פון זיין אַרבעטס־סביבה, דאָ האָט עס אים פאַרוווּנדערט, ווי עס האָט אים פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געזען אַ ייִד מיט באָרד און פּיאות פאַרט אויף אַ מאָטאָציקל אָדער שאָפירט אַ לאַסטוואָגן.

יחיאל איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט, זיינע געדאַנקען ווייט אַוועק — אוודאי אויף די וועגן פון תורה ועבודה. די ברידער האָבן אויף אים געקוקט מיט וואַרעמקייט, מיט ליבע. די דאגה פאַר דער

מאַמעס געזונט איז ביי זיי אַלע געווען אַ גלייכע. דער טאַטע, עליו השלום, איז אויפן עולם האמת. די דריי ירושלימער באַזוכן די מאַמע יעדן טאָג — הייַנט איז געקומען אויך דער זון פון ברוקלין.

— מיר פילן זיך שטאַרק צוגעבונדן צו דער מאַמען — האָט איינער פון זיי ווייטער געצויגן. דאָס האָט די מאַמע געאַרבעט, געזאָרגט פאַר דער גאַנצער משפחה — געהאַנדלט, געשאַפן, געשפייזט, געקליידעט — געטאָן אַלץ כדי אונדז צו דער־ציען צו תורה און מעשים טובים. אוי, די מאַמע, אַ געזונט אויף איר. דער מענטש האָט פאַרגלאָצט די אויגן אַרויפצו און געזאָגט אַ תפילה פאַר דער מאַמעס געזונט.

— און וואָס האָט געטאָן דער טאַטע? האָט סיאַמע שטאַרק געוואָלט וויסן.

— וואָס הייסט? דער טאַטע, עליו השלום, אַן עילוי, אַ שאַרפער קאָפּ, יומם ולילה געלערנט תורה!

— אָבער פאַרדינען אויף לעבן? — האָט סיאַמע ניט אָפּגעלאָזן.

— פאַרדינט אויף לעבן האָט די מאַמע — האָט דער מענטש אָפּגעענטפערט אַן אַ וואַקל, ציענדיק ווייטער — אין זכות פון טאַטנס תורה לערנען. תורה — האָט ער איבערגעחזרט — איר ווייסט וואָס דאָס איז? תורה דאָס איז דער יסוד פון אַלעם. אין זכות פון דער תורה שטייט די גאַנצע וועלט!

פון דעם מענטשנס מויל איז איצט געפלאָסן אַן אומאויפהערלעכער שטראָם פון ווערטער, געדאַנקען, אַרויסגעזאָגטע מיט גלויבן, מיט פלאַם. אינעם מויל פון דעם מענטשן האָט זיך די תורה ווי מאַטעריאַליזירט. תורה־לערנען איז ביי אים געוואָרן אַן אַרבעט, אָבער ניט ווי יעדע אַרבעט. ער האָט געהאַט ווערטער פון לויב פאַר יעדער אַרבעט, אָבער תורה־לערנען איז פאַר אים געווען אַן אַרבעט פון דער העכסטער מדרגה. סיאַמע איז געשטאַנען און געשוויגן. ער האָט זיך געפונען פאַר אַ מענטשן פון אַן אַנדערער וועלט. סיאַמע האָט געקענט זיין וועלט און ניט גע־וואָלט פון איר אָפּטרעטן. איצט האָט ער געטראָפן מענטשן וועלכע קענען זייער וועלט ניט ווייניקער און האַלטן זיך אין איר. ער האָט געקוקט אויף די דריי אין חסידישער קליידונג, געוואָרפן אַ בליק אין חדר וווּ דער פערטער איז אַלץ גע־שטאַנען פאַר דער מאַמען געהאַרכזאַם, מיט ליבע. סיאַמע האָט לסוף פאַמעלעך געריכט ווייטער אויף זיין שפּאַציר איבערן קאָרידאָר...

צומאָרגנס, ווען סיאַמע האָט באַמערקט אַז אין צימער פון דער אַלטיטשקער געפינט זיך ניט קיינער, איז ער דאָרט אַריין, כלומרשט צו קוקן נענטער אויף די בילדער אויף דער וואַנט. די אַלטיטשקע איז געלעגן וואַך, געקוקט אויף אים פון זיין סאַמע אַריינקומען אין צימער.

— איר זייט אַ נאַר־וואָס געקומענער? פון רוסלאַנד? — האָט זי מיט אַ רואיקן קול אַ פרעג־געטון.

יאָ. פון וואַנען מערקט איר דאָס?

— דאָס זעט מען לויט די קליידער, לויט ווי איר פירט זיך. וואָס טוט איר דאָ? וואָס איז אייך?

די אַלטיטשקע האָט גערעדט אַ שיינעם יידיש. זי האָט גערעדט פּשוט, דירעקט,

אַזוי אַז אין אַ ווילע האָט סיאָמע מיט איר געשמועסט ווי מיט אַ נאָענטן, גלייך פון האַרצן.

— קוים אַ פּאָר חדשים וואָס כ׳בין פון דאָרטן אַרויס. אַהערגעקומען, גענומען זיך לערנען אויפן אולפן. געווען שוין אויף דער עלעקטראָ־סטאַנציע, ווו כ׳האָב געזאָלט אָנהייבן די אַרבעט. איך בין אַן עלעקטראָ־אינזשיניער און דאָ פּלוצלונג די קראַנקהייט.

— וואָס איז אייך ?

— כ׳ווייס ניט גענוי. אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג איז מיר ניט גוט געוואָרן. כ׳בין געפאַלן אין אָנמאַכט. כ׳בין געקומען צו זיך ערשט דאָ אין שפּיטאָל.

— וואָס האָט מען אייך דאָ געזאָגט ?

— מען האָט דאָ געמאַכט אַנאַליזעס, רענטגען־אויפנאַמעס. דער דאָקטער זאָגט, אַז עס איז אַן אָנוווקס אויף די געדערים. מען וועט עס באַזייטיקן און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. — אַזוי זאָגט ער.

— איר זייט געקומען אַליין ?

— ניין, כ׳בין געקומען מיט מיין פרוי און דריי קינדער. סיאָמעס פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט זאָרג.

— זאָרגט ניט. גאָט וועט העלפן. עס וועט גוט זיין. ס׳איז ניט ווי אַמאָל, ניט געווען כמעט צו וועמען צו גיין. ס׳איז היינט גאָט צו דאַנקען אַ לאַנד פול מיט יידן, מען ווערט ניט פאַרפאַלן.

די אַלטיטשקע האָט מיט אים פאַרפירט אַ לאַנגן שמועס. עס איז פאַקטיש געווען אַ מאָנאָלאָג. זי האָט אים צוריקגעבראַכט צו לאַנגע־לאַנגע יאָרן צוריק, כמעט צום אָנהייב פון יאָרהונדערט. זי האָט דערציילט פון אַ קליינינקער גרופּע מענטשן אין מיטלען, אין שוץ, אַרומגערינגלט מיט אַ ים פון שנאה. זי האָט גערעדט פון נויט, פון קרענק, פון אָנפאַלן — בילדער וועלכע האָבן זיך טיף איינגעשניטן נאָך אין איר קינדערשן מוח — און אויך גוטע מאָמענטן האָט זי פאַרגעדענקט. — ווען ניט, ווי אַזוי וואָלט מען דאָס אויסגעהאַלטן ? ! זי האָט גערעדט וועגן באַזונדערע מענטשן, וועלכע האָבן געהאָלפן, אָבער פאַר איר זענען מענטשן נאָענטע, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע געווען בלויז שליחים פון גאָט. — אוי, מען זאָל נאָר זוכה זיין דערצו !

סיאָמע איז געשטאַנען פאַר איר בעט, זיך צוגעהערט. זי האָט צו אים גערעדט ווי אָט שטייט נאָך אַ זון פאַר איר, גערעדט מיט האַרץ, וואַרעם.

— איר זייט שווער געפּרוווט געוואָרן — האָט די אַלטע פרוי פאַרגעזעצט — נאָר וואָס געקומען און גלייך קראַנק געוואָרן, אָבער מיט גאָטס הילף, איר וועט זען, וועט אַלץ אַריבער בשלום.

ווי צוגעלאָזט מיט אַ מאָל צו אַ סביבה, צו וועלכער ער האָט ניט געהאַט קיין שום שייכות, האָט סיאָמע זיך געפילט פאַרלוירן פון דער באַגעגעניש, גערירט

פון שמועס. ער האָט געפילט אַ דאַנקבאַרקייט און געוואָלט עס אויסדריקן אויף אַן אופן נאָענט צו דער פרוי.

— געזונט איז אַ גאָט־זאַך, גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען — האָט סיאָמע, ניט וויסנדיק אַליין פון וואַנען, איבערגעחזרט אַן אַלטן נוסח.

— וואָס הייסט גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען? איז ווי אויפגעשפּרונגען די אַלטיטשקע — ער קען נישט סתם צונעמען! איר זייט געקומען קיין ישראל, איר האָט אַ פרוי מיט קינדערלעך, איר דאַרפט לעבן, איר דאַרפט זיי באַזאָרגן!

די אַלטיטשקע האָט ווייטער געצויגן איר אַרגומענט, פאַרוואָרפנדיק סיאָמעס פאַטאַליסטישן צוגאַנג צו גאָטס משפט.

סיאָמע האָט זיך געפילט פאַרפלאָנטערט, געוואָלט זיך פאַרענטפערן, אָבער ווי? ער איז אפילו ניט געקומען צום וואָרט.

— ער קען ניט צונעמען — האָט די פרוי איבערגעחזרט — וואָס הייסט? דאָס איז ניט אַזוי פשוט. די אַלטיטשקע האָט גערעדט מיט אייפער, מיט אַ באַהאַוונטקייט אין גאָטס וועגן און זיינע געבאָטן. — ער קען ניט, ער קען ניט — האָט זי געטענה'עט אנטשלאָסן.

דער פרויס צוגאַנג האָט לגמרי ניט געשטימט מיט סיאָמעס פאָרשטעלונג וועגן רעליגיע, וועגן גאָט. די אַלטיטשקע האָט געגלויבט אין גאָט מיט איר גאַנצן לייב און לעבן, אָבער דאָס איז ניט געווען קיין פאַטאַלע אונטערטעניקייט. צווישן איר און גאָט האָט געהערשט אַ מין סאָלידער אָפּמאַך, מיט איינגעשטעלטע כללים — מען האָט זיי ניט געקענט מבטל זיין סתם אַזוי זיך.

— איר דאַרפט זיין געזונט, זאָרגט ניט, מיט גאָטס הילף וועט אַלץ זיין אין אָרדענונג — האָט די פרוי נאָך אַ קורצן איבערייס ווידעראַמאָל אויסגעדריקט איר איבערצייגונג. דאָס רעדן איז איר אָנגעקומען וואָס אַמאָל שווערער.

מיט לאַנגזאַמע טריט האָט סיאָמע פאַרלאָזן דאָס צימער.

צומאָרגנס איז סיאָמע אָפּערירט געוואָרן. פון דער אָפּעראַציע האָט ער נאָר פאַרגעדענקט, ווי מען האָט אים אַרויסגעפירט אויף זיין בעט, ווי ער האָט באַקומען אַן איינשפּריצונג און איז איינגעשלעפערט געוואָרן אין איין סעקונדע. ווי לאַנג ער איז געשלאָפן ווייסט ער ניט. ווען ער האָט דערוואַכט איז ער געווען באַשטעקט מיט גומע־רערלעך פון אַלע זייטן. אין דריי־פיר טעג אַרום איז ער פון זיי אַלע באַפרייט געוואָרן און ער האָט געקענט אַראָפּגיין פון בעט שוין גאַנץ אַליין. ער האָט זיך געפילט בעסער, אויפן וועג צום געזונט.

זיינע ערשטע טריט האָט ער געריכטעט צום צימער פון דער אַלטיטשקער מיטן שטערן־טיכל. זי איז דאָרט ניט מער געווען. דאָס בעט איז געווען ליידיק, זאָרגפעליק פאַרבעט. ער האָט געקוקט אויפן קאָרידאָר, זי איז דאָרט ניט געווען. ער איז צוריק אַריין אין צימער, געפרעגט ביי דער שכנה, אַן עלטערע פרוי. זי האָט אויף אים געקוקט אַ ווײַלע, געשאָקלט איר קאָפּ מיט באַדויערן און אַרויסגעפּליסטערט: — ברוך דיין אמת. אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן.

דוד ספּאַרד

טאָג־איין, טאָג־אויס

אין סודותדיקן וואַנדער

אין זכרון פון לייב אליצקי

ריי נאָך ריי
מיר גייען זיך פאַרביי
אין סודותדיקן וואַנדער
און שיידן זיך פאַנאַנדער

מיר וואָגלען אום באַזונדער
אין נעפּלדיקן אַנען
פון אַ וועלט שכולו וווּנדער
און מיר ווייסן נישט וווּהין
און מיר ווייסן נישט פון וואַנען.

ביז איינער אַזאַ נאַכט צו באַגין
קומט אָן אין איילעניש אַ רויבער־שעה
און אָן שום זין
ווי קיין מאָל נישט געווען
מיר זענען שוין נישטאָ —
ווי ס'פּאַלט אין ים אַריין אַ שטיין.

אַלץ וואָס גוט...

אַלץ וואָס גוט און שיין איז,
האָב איך אויסגעחלומט פאַר דיין ערד.
אונטער בערג פון שמות,
וואָס זענען מיר געווען באַשערט,
האָט אין דיר מיין גלויבן
שטיל געגליט
און דורך דעם הערשנדיקן ליגן
אַרויסגעקוואָלן פון מיין ליד
מיט זיין אייגענעם און אַלטן ניגון.

בלויז דער שכל
האָט אַרומגעשוועבט פון אויבן
אויף אַ געמאַכטן שמייכל
און דעם שונאס טריט
געהיט,
זיי זאָלן צו דעם האַרץ נישט גרייכן.

דאָ

דאָ לויערן סכנות אויף יעדן טראָט,
שונאים דראָען פון יעדער זייט,
נאָר אין יעדן ווינקעלע רוט דאָ גאָט
און יעדע רגע איז דאָ אייביקייט.

איז וווּ איך בין נישט אויסגעוועו דורך אַלע יאָר,
פון דאַנען בין איך קיין מאָל נישט אַוועק,
דאָס איז אַלע מאָל געווען מיין אויסגעבענקטע וואָר,
אַהער געפירט האָט אַלע מאָל מיין חלום־וועג.

אין באַהעפט מיט זיך אַליין

ווינטן פרעמדע האָבן מיך פאַרשיכורט,
האָב איך אויסגערעדט פאַר זיי שוין אַלע רייד —
און פאַרבליבן איז פאַר מיר איצט בלויז דער עיקר
שווייגנדיקע פרייד.

פון זען און פון הערן
יעדן שפּראָץ און יעדן שטיין,
ווי זיי שטיל און שטילער ווערן
אין באַהעפט מיט זיך אַליין.

דער טאָג

קאַיאָר צעעפנט אַלע טויערן
פאַר יעדן בענקנדיקן טראָט,
מיט ליכט פאַרפלייצט די מויערן
מיט ליד צעוועקט די שטאָט.

און ווינטן שטאָלצע רייטער
יאָגן אָן פון אַלע זייטן
מיט אַ שליחות אַ געהיימער
פאַר אַלע בליענדיקע ביימער.

ביז דער טאָג צעהעלט
און פאַר יעדער הויכער שוועל
ער קניט אַנידער
מידער אַלץ און מידער.

און אַזוי פון הויז צו הויז
ער בייגט זיך מערער אַלץ און מערער,
ביז ער ווערט אין גאַנצן אויס
און עס דעקט אים צו אַ נאַכט אַ שווערע.

פרילינג

כ׳האָב ליב די ערשטע פרילינג־טעג —
אַזעלכע תמימותדיקע מילדע,
און די ערשטע גראָזן ווילדע,
וואָס שלאָגן זיך אַרויס פון מיטן וועג.

עס שטייען אָפן דעמלט אַלע טויערן
אויסגעצירט אין גרינע פייערן,
נאָר מיט זיי צוזאַמען אויך די ווינטערדיקע טרויערן —
דער אָנדענק נאָך אַלע טייערע.

זאַמל איך די בלימלעך ביים וועג,
בינד צוזאַמען זיי מיט פרילינגדיקע שטראַלן
און זעץ זיך אויפן ברעג פון די שיינע טעג,
ווי מיינע זיידעס ביי די בבל־קוואַלן.

מיין קריג

ניט אויף וואָר און נישט אין חלום —
כ׳האָב אין עמעצן געוואָרפן ווען אַ שטיין.
אַ לעבן־לאַנג איך וויל בלויז מאַכן שלום
מיט זיך אַליין.

בלויז מיט זיך אַליין איך פיר דעם קריג,
אַמאָל אויף לינק אַמאָל אויף רעכט,
נאָר ס׳ווייסן ביז אַהער נאָך נישט פון זיג
מיינע טעג און נעכט.

ווי אורחים פרעמדע זיי קומען און פאַרשווינדן,
ווי אין אָפּגרונטן אַ שיין,
און לאָזן איבער נישט פאַרהיילטע ווונדן
און דעם אַלטן קריג מיט זיך אַליין.

אין אַן אייגן הויז

מען קאָן אויך אין אַן אייגן הויז
עלנט זיין,
און אין אַ לאַנד פון כולו שיין
זיך געפינען צווישן שאָטנס בלויז
פאַרשווונדענע פון לאַנג.

מען קאָן אויך אין אַ רוישיקן אַרום
פול מיט פריידיקן געזאַנג
אַרומגיין אומעטיק און שטום,
און צווישן ברידערלעכע ווענט
זיך פילן פרעמד,
נישט געפינען זיך קיין אָרט,
און טראָגן אויף די ציטערדיקע הענט
דאָס אייגענע פאַרשעמטע וואָרט.

טאָג־איין, טאָג־אויס

עס זענען שוין אַוועק אַזויפיל יאָר
און זיי גייען אַלץ מיר נאָך טראָט ביי טראָט
אין חלום און אויף וואָר.

אין מיטן טומל פון דער שטאָט
הער איך זייער פחדימדיקע קלאָג,
די ווײ־געשרייען פאַרן טויט,
די פאַרשמאַכטע לעצטע טריט,
ווי ס'זאָל דער טאָג
פון ווייטיק האָבן זיך צעשיט
אויף רגע'ס שריט.

ביי נאַכט רינגלען זיי אַרום מיין שטוב
מיט די קינדער אויף די הענט
און איך גיי מיט זיי צוזאַמען צו דער גרוב,
מיט זיי צוזאַמען כ'ווער פאַרברענט.

אַזוי געשעט טאָג־איין טאָג־אויס,
כ'גיי מיט זיי צוזאַמען אין דער ריי
און קום אַ לעבעדיקער פון דער גרוב אַרויס,
צו שטאַרבן יעדן טאָג פון ס'ניי.



שמואל אַקערמאַן — די בלום פון לעבן

יוסף קערלער

די פייל פון רעגנבויגן

באַשערטקייט

שלאָפט מיין ווייב און איבער איר
שוועבט אַ שטערנדיקע שטילקייט
הער איך איין זיך אָן אַ ריר
אין מיין חידושדיקער מילדקייט —

דאַכט זיך, זינט כ'געדענק זיך נאָר
זענען מיר אַזוי צוזאַמען,
גלייך ס'וואָלט אייביק בענקענדיק
אונדז געבענטשט
די זעלבע מאַמע,

דאַכט זיך, אונדזער טייער קינד,
מירן אייביק אויך באַגלייטן.
אייביק, אייביק ווי אַצינד
בלייבן פריש אויף טיש די קוויטן

כ'בענטש דאָס גורל דאָס גערעכטס,
וואָס פאַרקניפּט האָט אונדז צוזאַמען
ווי דער שטורעם־ווינט פאַרפלעכט
צוויי צעבושעוועטע פלאַמען...

אין דיין אָטעם כ'הער זיך איין —
אונדזער האַרץ סע קלאַפּט בשלום.
וואָר ווי די לבנה־שיין
האַלב אין דרימל, האַלב אין חלום —

פול מיט ליכטיקייט איך שפּיר
אין פרימאָרגנדיקער לינדקייט:
שלאָפט מיין ווייב און איבער איר —
אַזאַ רחבותדיקע שטילקייט.

אַ ליבע־ליד

כ׳וואָלט, ערנוואָרט, ווי כ׳בין אַ ייד,
שוין לאַנג אַוועקגעפאַלן,
ווען כ׳קער זיך נישט צום ליבע־ליד,
צום קוואַל פון אַלע קוואַלן

די וויסטע פרעמד וואָלט נישט געלאָזט
פון מיר קיין מינדסטן צייכן
פאַרשלונגען מיך, פאַרדעקט מיט גראָז,
ווען נישט דיין שטילער שמייכל,

ווען נישט דאָס גליק פון דיינס אַ בליק,
וואָס תמיד אומדערוואַרט איז,
צי דען די פענטעס וואָלט צעפליקט
מיין האַרטע איינגעשפּאַרטקייט ?

און אויב נישט ווערט בין איך די גנאָד
פון טריישאַפט וואָס באַפליגלט —
די לופט פון אונדזער שיינער שטאָט,
מע זאָגט — זי מאַכט אונדז קליגער —

דער אַלטער איילבירט־בוים, ער בליט,
אויף אַלטן שטיין וואָס ליכטיקט.
איך קום אויף ס׳ניי צום ליבע־ליד,
צום ליבע־קוואַל פון דיכטונג.

אוי, דער אַלטער טרערן־כוס . . .

ווען די מילדקייט,
וואָס פאַרשיכורט מיין געביין,
וואָלט זיך אַריבערגיסן,
ווער קאָן וויסן —
אפשר וואָלט זיך איינגעשטילט
דאָס ענדלאָזע געוויין,
אפשר וואָלט כאָטש עמעצער
קיין שלעכטס נישט וויסן ?

אָבער צו מיין בלוטיקן פאַרדראָס
גיסט זיך ווידער איבער
בלויז דער טרערן־כוס

ס׳איז אַ געלעכטער

ווערסט אפשר לאַכן,
אויב איך וועל דיר זאָגן:
דער שוואַרצער טוי קאָן אויסעסן די אויגן,
ביז וואַנען ס׳וועט אַמאָל זיך נעמען טאָגן...
און ס׳לויכט זיך נישט צו וויינען,
בעסער לאַכן —
דאָס אויג ווערט דאָרשטיקער,
און ס׳ווערט די ראיה שוואַכער.

און דאָך, — כל זמן מע לעבט,
וואָס קאָנסטו, ברודער, מאַכן. —
בגוואַלד צערייסט מען דאָך
נישט איין פאָר שיך

אַזוי פלעגט, דאַכט זיך,
אונדזער טוביה לאַכן
פאַרבלייבנדיק אַליין מיט זיך.

איך מעג פאַרגינען זיך

און לויב דעם אויבערשטן —
איך קאָן דערלויבן זיך
אַ ביסל שטילן אומעט
כ׳געניס
פון טרויער און באַדויער,
אויך צו ביסלעך.

אָון דאַנקען גאָט,
די צייט וועט מער נישט קומען,
ווען אונטער בייטש און חלף
איך האָב געקאָרטשעט זיך
פון "גרויסער פרייד"
און פון "געזונטן אָפּטימיזם"

און דאַנקען גאָט
איך קאָן פאַרגינען זיך
די ביטערניש פון שפּאַס
און קיינער וועט נישט הרגענען
אין מיטן גאַס.

* * *

כ'האָב נישט ליב קיין ליריק,
וואָס איז בלוי־קאָליריק.
ליב כ'האָב האָרעפּאַשנע רייד:
"ערד" און "ברויט" און "לייד" און "פרייד",
ליב האָב איך דעם רעגנבויגן
נוצן ווי אַ פיילנבויגן
און דאָס וואָרט — די פייל זאָל זיין,
טרעפן זאָל אין קוואַל פון פיין,
זי צעשפּריצן און צעזייען
איבער ווייטע וויסטע שנייען,
דאָרטן וווּ די ווייסע בערן
לעבן אויך נישט,
מעג איך שווערן — —

כ'האָב נישט ליב קיין בלויע ליריק
וואָס אויף לויבווערטער איז גיריק!

טאַטע זיסער...

ניִשט מיר,
נאָר זיי — די גלענצנדיקע —
זיי זענען
ווי די שטערן אויפן הימל,
ווי די זאַמדן ביי דעם ברעג פון ים.
און מיר,
וואָס זענען מיר? —
אַ מעסטל זאַלץ,
וואָס יעדער אויסוווּרף
פּרוּווט אונדז אויפן טעם?

נאָר ניין!
מיר זענען ווי די שטייניק־האַרטע
ניסלעך,
טאָ זאָלן זיי צעברעכן אַלע ציין
דאָס מאָל — פאַר אַלע מאָל,
באַשעפער זיסער!

*

ז. ברכות

אין די זאַמדיקע קליידער*

(עפּיזאָדן)

נאָך זיין ערשטן נאָרד איז שמי געווען פריי 48 שעה, דאָס אייגענע זיינע חברים. מען האָט גענומען דערלויבענישן פון אָפיצער צו גיין אין דער נאָענטער קאָלאָניע. אַרויסגייענדיק אויפן גרויסן וועג, האָבן זיי אָנגעטראָפן נאָך לעגיאָנערן און מען איז געגאַנגען צוזאַמען.

— מיר וועלן גיין נעמען אַ ביסל וויין. ארץ־ישראל־וויין, — האָט איינער פאַר־געשלאָגן. מען איז אַריין צו ירובם. דער צימער אַ קליינער אַ נידעריקער, די פענצטער באַוואַקסן מיט טרויבן־צווייגן. ווען מען האָט געעפנט די טיר, האָט מען אין הויף געזען דעם גרויסן עקאַליפּטוס, וואָס מען האָט פאַרפּלאַנצט, ווען די קאָלאָניע איז ערשט געגרינדעט געוואָרן.

די קאָלאָניע אַ קליינע. צוויי ציילן הייזער אַרומגערינגעלט מיט פּרדסים, וויין־גערטנער און אַראַבישע דערפער. די הייזער, מיט רויטע דעכער, האָבן ווי געלאַכט צו דער פריילעכער זון און זאַמדיקע דיונעס. ביי דער טיר האָבן זיי זיך צוגע־שטעלט, פאַרקוקט אויף דער בלאָקייט איבער די בערג און פריילעכקייט איבער די פעלדער און גערטנער.

— שטיקער פון אונדזער אַלטער געשיכטע זענען דאָ צעוואָרפן — האָט איינער פון די לעגיאָנערן באַמערקט — ווו מען טרעט מיט אַ פוס, ווו מען וואַרפט אַן אויג. דו האָפסט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַט די אַלע דאָ, פון די אוראַלטע צייטן, וועלן אויפשטיין פון זייער רו און אַרויסגיין באַגעגענען זייערע אור־אור־אייניק־לעך, וואָס שטרעבן ווידעראויפלעבן דעם אַמאָליקן גלאַנץ, די אוראַלטע פּראַכט פון די מלכים און נביאים — האָט ער פאַרבענקט געקוקט איבער דער גרינקייט פון די ביימער און געוויקסן, וואָס האָבן זיך געשפּרייט אין אַלע זייטן ביז די זאַמדן דאָרט, ווו עס האָט זיך געצויגן דער שמאָלער וועג צו דעם אַראַבישן דאָרף. מיט זיינע שטילע באַמערקונגען האָט ער פאַרהאַלטן די לעגיאָנערן און עס האָט זיך געפילט, זיי ווילן נישט אַריינגיין, ווילן זיך אומקערן. אָבער דאָ האָט "לייבעלע דער שלאָגער" אַ חירזשע געטאָן:

— די מלכים וועלן קומען אייך אַנטקעגן געבן שלום פון יענער וועלט. די

---

* פאַרזעצונג זע "ירושלימער אַלמאַנאַך" 4.

קאַלאַניסטן ווילן אייך ניט קענען אויף דער וועלט. קומט שוין, קומט שוין — איז ער אַריינגעלאָפן אין הויז, ווו ער האָט גלייך אָנגעהויבן צונויפרוקן די טישן. ירובם און זיין גראַבע, פעטע טאָכטער האָבן שוין אָנגעשטעלט אַ פּאָר פלעשער ווייַן און אויף פאַרביסן.

— מען דאַרף וויסן וויפל ער רעכנט — האָט איינער אַ פרעג געטאָן. ירובם האָט געזאָגט. דער סאָלדאַט האָט זיך אויסגעזידלט אין ענגליש. ירובם האָט זיך ווי פאַרענטפערט:

— אַלץ קאָסט איצט זייער טייער.

— אַזאַ פלאַש ווייַן פאַרקויפט מען פאַר צוויי שילינג און דו רעכנסט דריי מאָל אַזוי פיל — האָט זיך דער סאָלדאַט נישט באַרויקט — מיר זענען נישט די אויס־טראַליער.

— עס מאַכט נישט. איר זייט אַמעריקאַנער — האָט ירובם אַ פינטל געטאָן מיט זיין איינציקן אויג.

— לאָז צורו — האָבן זיך שוין אַנדערע אַריינגעמישט — אַמעריקאַנער דאַרפן צאָלן טייערער, דערצו נאָך לעגיאָנערן. דו זעסט דאָך — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער וואַנט, ווו עס איז געווען אָנגעשריבן — עברים דברו עברית.

— מיליטאַרי פּאָליס זענען ביי דער טיר! — איז אַריינגעלאָפן אַ לעגיאָנער. אַ טומל. ירוחם האָט אַראָפּגענומען די פלעשער ווייַן. חברה האָבן זיך איבערגע־קוקט, ווער עס האָט נישט קיין "פּאַס". מער ווי העלפט זענען געווען אָן "פּעסער". דער סערדזשאַנט איז אַריינגעלאָפן: — איר זייט אויף "דיוטי".

— מען האָט זיי געדאַרפט אָנלערנען. נאָר אונדז זוכן זיי — האָט זיך געביי־זערט אַ קאַפּאָראַל — די ענגלישע סאָלדאַטן פרעגט מען נישט אויף פּעסער און די אויסטראַליער וועט מען אויסמיידן פאַר מיילן.

— נייטיווס — האָט צוגעשמייכלט אַ נידעריקער רויטהאָריקער לעגיאָנער.

— טאַמאַשעווסקיס * האָט זיך פּלוצים צעבייזערט אַ באַסאָווע קול — ווי אין אַ לאַנד פון שונאים זענען זיי! וואָס ווילט איר מען זאָל אייך אַרומפירן מיט קלעז־מער? איר זייט סאָלדאַטן. און וואָס פאַראַ סאָלדאַטן? געקומען העלפן דעראָבערן ארץ־ישראל. וואָס ווייסט איר פון זיין אַ סאָלדאַט? איר זייט דאָך שוין געקומען נאָך אַלעמען. אַט ווען איר מאַכט דורך דעם וועג צו עס סאָלט (אַ שטאָט אין עבר הירדן).

— ווי וואָלט מען גערעדט, גרינפעלד — האָט אים שמי איבערגעשלאָגן — און וואָס האָט דאָס גיין אין עס סאָלט מיט דעם ווי עס פילן די לעגיאָנערן, טאַמאַ־שעווסקיס?

— דו ווייסט — האָט זיך יענער נישט אויפגעהערט צו בייזערן, ווי ער וואָלט נישט געהערט וואָס שמי האָט אים געפרעגט — אפילו דער ענגלישער הויפּט פון

* די לעצטע גרופּע לעגיאָנערן פון אַמעריקע האָט מען גערופן "טאַמאַשעווקיס", מחמת מען האָט זיי געמאַכט אָן אָפּשייד אין טאָמאַשעוסקיס טעאַטער.

דער אַרמיי האָט אונדז געלויבט, אַז מיר זענען גוטע סאָלדאַטן. פאַר דער גאַנצער דיוויזיע — האָט ער גדלותדיק פאַרענדיקט.

— איך ווייס נישט — האָט זיך אויף דער לאַנגער ווייבער אָפּגערופן — קען זיין דו ביסט גערעכט. מיר זענען די בעסטע סאָלדאַטן אין דער וועלט. אין דער אייגענער צייט דערציילט מען, אַז די ענגלישע דיוויזיעס האָבן אונדז נישט געוואָלט אַריינגעמען. מיט צרות האָט מען אונדז צוגערעכנט צו דער אינדישער דיוויזיע. נייטיווס.

— טאָמאַשעווסקיס! וואָס ווייסט איר וואָס ס'איז געווען ? — איז גרינפעלד רויט געוואָרן פון צאָרן — איר האָט לאַנגע צינגער. מיט אַלץ זייט איר נישט צופרידן. אַ טאָג אַן אַ יאָר אין לעגיאָן און אַלע זענען זיי שונאים. טאָמאַשעווסקיס.

— גרינפעלד — האָט זיך אָנגערופן דער קורץ־גראָביגקער גרומאַן. ער איז אויך געקומען מיט די טאָמאַשעווסקיס. אַ שווייגער. נישט גערעדט. און אַזוי שווייגנדיק שטענדיק געגומען אָנטייל אין אַלע שטיפעריינען פון זיין ביידל, אויף אַזוי פּיל, אַז מען האָט אים פּיל מאָל געוואָרנט, אַז ער וועט נאָך אַריינפאַלן מיט זיין שטיפן און וועט טייער באַצאָלן. — גרינפעלד — האָט ער נאָך אַ מאָל איבער־געחזרט — איך וועל דיר עפּעס דערציילן. נאָר שריי נישט. צו וואָס שרייען ? געוויס געדענקסטו די נאַכט, ווען מיר זענען געבראַכט געוואָרן אַהער ? מיר זענען געוועז מיד און אויסגעמאַטערט. עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, האָבן מיר אויסגעשטעלט אונדזערע ״הינט־ביידלעך״. מיר האָבן געמיינט מיר וועלן זיך אָפּ־רוען. יעדער פון אונדז איז געווען אויפגערעגט. טאָמאַשעווסקיס אָדער נישט. יעדער פון אונדז. מיר זענען געקומען דאָך געקומען אין ארץ־ישראל, אין יידישן לעגיאָן. אַלע זענען מיר געווען אויפגערעגט. בו, אין מיטן נאַכט, ווי דו געדענקסט, געוויס גע־דענקסטו. אין מיטן נאַכט איז אָנגעקומען דער גרויסער שטורעם מיטן רעגן. אונ־דזערע ביידלעך האָט דאָס פאַרשווענקט, אומגעוואָרפן. מיר זענען געבליבן ליגן אונטערן אָפענעם הימל, אין בלאָטע. ארץ־ישראל האָבן מיר נאָך נישט געקענט. אָבער וועגן די קאָלאָניעס האָבן מיר געוווסט. אַ צאָל פון אונדז האָבן איבערגעלאָזן האָק און פּאַק, געלאָפן אין דער נאָענטער יידישער קאָלאָניע. דורכגעווייקט ביזן ביין. אַ צאָן אויף אַ צאָן ניט געטראָפן. מיר האָבן געזוכט וווּהין אַריינגיין, אָנ־וואָרעמען זיך. קענען אויסטריקענען אונדזערע קליידער. יידישע סאָלדאַטן אין אַ יידישער קאָלאָניע. אין גאַס האָבן מיר בעגעגנט אַ מיידל, האָבן מיר זי אָפּגע־שטעלט, געפרעגט וועגן אַ האָטעל. האָט זי געענטפערט, אַז זי פאַרשטייט נישט זשאַרגאָן, אָבער ענגליש האָט זי יאָ פאַרשטאַנען. זי האָט אונדז אָנגעוויזן אַ הויז. מילא, וואָס מען האָט דאָרט אונדז געזעכענט, בין איך דיר מוחל. אָבער דאָס מיידל רעדט דאָך זייער אַ גוטן יידיש מיט איר חתן דזשעק.

פאַרטראַכט האָט שמי נאָכגעקוקט די טומלדיקע לעגיאָנערן. ער זעט פאַר זיך דעם לעגיאָן ״טאָמאַשעווסקיס״. ״עס־סאָלטניקעס״, די ענגלישע שניידער, די אַמע־ריקאַנער אַלע, אַלע נישט צופרידן, און ער זעט פאַר זיך דעם גאַנצן גלות איינגע־שלאָסן אין דער ענגלישער אַרמיי. ענגלישע דיסציפּלין. אַ מורא האָט אים באַ־

הערשט, ווי ער וואָלט זיך געפונען אין אַ געוועב פון אַ גוואַלדיק גרויסן שפּין, וואָס זייגט אויס זיין לעצט ביסל חיות. ער הערט שוין ניט די שטעכווערטלעך. ער הערט נישט דעם גערודער, ער הערט נישט דאָס שרייען. יעדער איינער האָט גערעדט, נישט געהערט דעם צווייטן.

— שאַן — האָט אויסגעדונערט אַ שטים. אַלע זענען אויפגעשפּרונגען. אָבער גלייך האָט אַ הילכיקער געלעכטער אויסגעפּלאַצט, פאַרשטילט דעם טומל.

— און גרינפעלד זאָגט, אַז מיר זענען שלעכטע סאָלדאַטן — האָט מען געלאַכט גייענדיק פון הויז.

אין גאַס שטיל, שטיקנדיק־הייס, די הויכע עקאַליפּטוסן האָבן אַרויסגעשאָסן פון דער געדיכטער טונקלקייט וואָס האָט אָפּגעמעקט זייערע שטאַמען. עס האָט אויס־געזען ווי זיי, דיביימער, זאָלן האָבן אַרויסגעשאָסן פון דער טונקלקייט צו דער הויך, וואָס מען רופט אָן הימל, און זענען געבליבן אין מיטן, נישט דערוואַקסן, און דער הימל האָט אויף זיי רחמנות געהאַט און דער גרויסער בער האָט זיי אויך ניט געוואָלט פאַרשעמען און זיי האָבן זיך גערוקט אַלץ נידעריקער און נידעריקער ביז אַט, אַט, און זיי וועלן זיך אָנרירן איינער אין צווייטן. די ביימער פאַרכישופט, נישט גערירט מיט אַ בלאַט.

די דיסציפּלין פאַרוועדט גיין אָן אַ רעקל, דאָך די יידישע לעגיאָנערן האָבן געטראָגן זייערע רעקלעך אויף די הענט.

— חברה אָן פעסער שטעלט זיך אויס אין צווייען. איך וועל אייך פירן צום „נשף" — האָט דער סערדזשאַנט געגעבן אַ באַפעל. סמי האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די גאַסן זיינען ליידיק.

— לינקס, רעכטס, לינקס, רעכטס — האָט דער סערדזשאַנט געציילט, ווען ער האָט געזען עמ. פּ"ס * — איך וועל אַריינגיין זען, אויב אונדזערע אָפיצערן זענען דאָרט — האָט ער אונדז אָפּגעשטעלט. באַלד איז ער אַרויסגעקומען. אונדזערע אָפיצערן זענען דאָרט, אַלע, מען האָט זיך צעשאָטן אין דער נאַכט. שמי מיט נאָך איינעקע מיט פעסער, זענען אַריין אין בית־עם.

די געביידע, נאָך פון באַראַנס צייטן, איז געווען באַלויכטן מיט זעקס גרויסע קעראָסין־לאָמפּן. די הינטערשטע שורות און די הילצערנע בענק האָבן זיך באַגעגנט מיט דעם געדיכטן חושך, ווו דאָס ליכט האָט נישט דערגרייכט.

ווען מען האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן ,האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין גאַס איז פיל ליכטיקער ווי אין דער געביידע.

— מה משחקים ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אַ קליין ייִנגל, וואָס ער האָט גע־טראָפן אין אַ ווינקל.

— רקוד הקציר.

ריקוד הקציר ? הייסט ? האָט ער אַריינגעקוקט אין קינדס פּנים.

— די אויסטראַליער גייען אַוועק, — האָט ער דערקלערט אין העברעיש.

---

*) מיליטערישע פּאָליציי.

דער טאַנץ איז געענדיקט. מען האָט רעשיק אָפּלאַדירט. די אָפּיצערן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער בינע. מען האָט אָנגעהויבן צענעמען די בענק.

שמי האָט זיך לאַנגזאַם אַרויסגערוקט אין גאַס. ער האָט נישט געקענט פאַר־שטיין, וואָס עס דריקט אים. ער איז געגאַנגען אין דיביימער אַרום דער געביידע, צווישן די פּאַסן ליכט און דעם פריילעכן טומל, און אים איז אַלץ שווערער און שווערער געוואָרן.

פאַרלעך זענען אין די ביימער אַריין און ער ווייס נישט, ווי ער האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אין די צייטן, ווען ער איז געשטאַנען אויף די גאַסן אין ניו יאָרק, גע־האַלטן רעדעס, גערופן מען זאָל זיך אַנשליסן אין לעגיאָן. אין זיינע אויערן האָבן נאָכ־געקלונגען די שיינע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט געמאָלן דאָס לעבן און די קאַמפן פון ארץ־ישראל, ווי אויך די צוקונפט פון יידישן פאָלק, ווען ארץ־ישראל וועט דעראָבערט ווערן מיט כוח פון יידישע יונגע־לייט, יידיש בלוט אין דער ענגלישער אַרמיי. פינף יונגע־לייט האָבן זיך דאַן אָנגעשלאָסן. איינהערנדיק זיך אין זיינע אייגענע רייד, האָט ער געספקט, אויב ער וואָלט איצט אויך אַזוי גערעדט. ביים אַריינגאַנג האָבן זיך געוויזן אייניקע לעגיאָנערן. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געלאָפן, ווי מען וואָלט זיי נאָכגעיאָגט. שמי איז אויך צוגעלאָפן. ער הערט ווי זיי דערציילן:

— זייט פאַרזיכטיק. מיר האָבן ערשט צעשלאָגן אַ פּאָר עמ. פּי׳ס.

— ווען, ווי אַזוי, פאַרוואָס — האָט מען זיי באַשאָטן מיט פראַגן.

— גייענדיק אין באַטאַליאָן — האָבן זיי קורץ געהאַקט — פאַרביי די תימנער הייזקעס, האָבן מיר דערהערט גוואַלדן. מיר האָבן דערזען יחיה דעם תימנער. ער האָט פון זיך געריסן די קליידער. איר ווייסט דאָך, ער האָט צוויי ווייבער. צוויי בריטישע סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין הויז. מיר האָבן זיי נאָכגעיאָגט, געכאַפּט און איבערגעגעבן צו די עמ. פּי. יענע האָבן אונדז געוואָלט אַרעסטירן און די סאָלדאַטן האָבן זיי אָפּגעלאָזן. זיי זענען אַנטלאָפן. מיר האָבן גוט צעקלאַפּט די עמ. פּיס.

איינציקווייז האָבן זיך די יידישע לעגיאָנערן פאַרלאָרן צווישן די ביימער און גערטנער.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען געפּרוווט אויסגעפינען, ווער האָט צעשלאָגן די מיליטערישע פּאָליציי. מען האָט אויסגעשטעלט דעם גאַנצן באַטאַליאָן, אָבער זיי האָבן קיינעם נישט דערקענט׳ מען האָט עס אויך געטאָן מיט די היטער פון די געפאַנגענע. דאָס אייגענע. די ענגלענדער האָבן צוגעזאָגט זיך אָפּרעכענען מיט די ראַיאַל פּיוזעלירס. מען האָט באַשלאָסן מער נישט גיין איינציקווייז.

פרייטיק. די היטער ביי די געפאַנגענע גרייטן דעם שבת. דער יידישער אָפּיצער האָט עס פאַראָרדנט. מען איז פאַרנומען מיט פּוצן דאָס ביידל. שמי איז צופרידן. יענע שעה איז ער פריי. אַלע, דער אָפּיצער און די סאָלדאַטן, האָבן זיך צונויפגע־לייגט און מען האָט געקויפט פיש. מען האָט אויך צוגעגרייט אַ סאַלאַט. די קעסט־לעך ״בוליע ביף״ האָט מען אָנגעוואָרעמט. דאָס ביידל ווו מען וועט עסן האָט מען

באַהאַנגען מיט גרינע צווייגן. פון באַיאַנעטן האָט מען געמאַכט אַ מגן־דוד מיט דער יידישער און ענגלישער פאָן. אין מיטןביידל האָט מען איינגעריכטעט אַ לאַנגן טיש פון ברעטער מיט קעסטלעך און באַדעקט מיט אַ ווייסן שטיק לייוונט, וואָס מען האָט געקראָגן אין באַטאַליאָן. יעדער איינער האָט אויסגעשייערט זיין עס־געשיר. זיי האָבן זיך אַריינגענומען די שיין פון די פינף גרויסע ליכט אויפן טיש און דאָס האָט געשאַפן אַ באַזונדער יום טובדיקייט.

די נאַכט אַ רויקע און מילדע. ווי שטענדיק האָבן די טערקן געצויגן זייערע טרויעריקע לידער, וואָס עס האָט געשאַפן אַ מאָדנעם אַקאָמפּאַנעמענט צו דעם קידוש, וואָס דער אָפיצער האָט געמאַכט פון אַ סידור אין ענגליש. מען האָט פרום געענטפערט אמן אויף דער ברכה איבערן ברויט און וויין, וואָס ער האָט שוין גע־מאַכט אין העברעיש.

נאָכן עסן האָט דער אָפיצער געהאַלטן אַ קורצע רעדע, אין וועלכער ער האָט דער־קלערט, אַז פאַר אַ יידישן אָפיצער אין דער בריטישער אַרמיי איז אַ באַזונדער פאַרגעניגן צו זיין אין דעם יידישן לאַנד מיט יידישע סאָלדאַטן, וועלכע זענען גע־קומען מיט אייגענעם בלוט פאַרטיידיקן זייער "קאַנטרי".

"זאָל זיין, אַז די מיליטערישע דיסציפּלין איז ניט אָנגענעם פאַר די יידישע יונגע־לייט פון אַמעריקע. איך ווייס, פיל פון אייך זענען אין אַלגעמיין קעגן מילי־טערישן דינסט. איך ווייס, אַז די אַלע אינטעליגענטן, סטודענטן, דאָקטוירים און אַנדערע האָבן ניט אָנגעטאָן די מיליטערישע קליידער, ווייל זיי האָבן ליב די ענגלי־שע אַרמיי, אָדער ווייל זיי זענען געקומען קעמפן פאַר ענגלאַנד, נאָר זיי זענען געקומען ווייל זיי האָבן ליב אונדזער לאַנד, דאָס לאַנד פון אונדזערע עלטערן. מיט אונדזער זיין דאָ — טראָגן מיר אַריין אונדזער חלק אין אונדזער לאַנד — האָט ער באַגייסטערט גערעדט, און זיין יונג פּנים האָט זיך גערויטלט.

— שיינע קאָלאָניעס, פּרעכטיקע דערפער, זייגען געשאַפן געוואָרן אין אַ מדבר. איצט איז געקומען אונדזער צייט. די מלחמה איז פאַריבער. מיר וועלן דאַרפן דאָ פאַרבלייבן, בויען אונדזער היים, אונדזער לאַנד, ווען מיר וועלן באַפרייט ווערן. איך טרינק פאַר דעם ענגלישן קעניג — האָט ער אויפגעהויבן זיין גלאָז וויין, — פאַר אונדזער לאַנד און פאַר דער באַפרייטער יידישער היים. — מיט איין זופּ האָט ער אויסגעטרונגען די גלאָז וויין.

אַלע זענען אויפגעשפּרונגען באַגייסטערט, געדריקט זיין האַנט. עס איז פאַר־שוווּנדן דער אונטערשיד אָפיצער—סאָלדאַט. מען האָט פאַרבראַכט ביז ניין אַ זייגער, ווען דער האָרן האָט געהייסן אויסלעשן דאָס ליכט. שמי האָט געדאַרפט גיין אָפּשטיין זיינע צוויי שעה. אין דער צייט מאַכט דער אָפיצער זיין אינספּעקציע. ער איז צוגעקומען ווו שמי איז געשטאַנען:

— אַלץ איז רויק — האָט שמי באַריכטעט לויט דעם מיליטערישן שטייגער אַראָפּלאָזנדיק די ביקס פריי. דער אָפיצער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין צוים און פאַר־טראַכט געקוקט אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט. איבער דעם וואַלד פון זיתים,

וועלכער האָט זיך נישט ווייט געשוואָרצט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאָט פון נאַכט האָט זיך דאָרט באַהאַלטן און פון דעם מילדן חושך הערשט ער איבער אַלץ און אַלעמען. פון דער נאַכט האָט זיך געהערט דאָס איבעררופן זיך פון די היטערס ביי די מצרישע אַרבעטער, וועמענס קעמפ איז געווען ניט ווייט.

— שטיל זענען די נעכט — האָט זיך דער אַפּיצער אָפּגערופן, ווי צו זיך אַליין.

שמי האָט זיך געוווּנדערט. צום ערשטן מאָל רעדט צו אים דער אַפּיצער. ער ווייסט, דער אַפּיצער ווערט פאַרעכנט פאַר אַ ליבעראַל. טיילמאָל לאַדט ער איין די סאָלדאַטן צו זיך איןביידל. ער איז זיי מכבד מיט שאָקאָלאַד, פּאַפּיראָסן, זיי פאַר־ברענגען מיט אים ביז מען פאַרלעשט די ליכט. שמי אַליין האָט קיינמאָל נישט גענומען אַנטייל. איצט האָט דער אַפּיצער גערעדט צו אים. שמי האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים. טיפּע אויגן־לעכער. דער אַפּיצער האָט עס נישט באַמערקט און גערעדט אין דער נאַכט אַזוי, ווי ער וואָלט געווען איינער אַליין:

— פאַרן? וואָס וועל איך דאָרט טאָן? ווערן אַ קלערק? אַרבעטן אין אַ שאָפּ — האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק צו די ביידלעך.

שמי האָט פאַרוואָרפן די ביקס אויף די אַקסלען און האָט געשפּאַנט פאַרווונ־דערט פון איין ווינקל צום צווייטן. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס דער אַפּיצער האָט געמיינט.

— האַלט. ווער גייט דאָ? — האָט ער נישט באַמערקט, ווי זיינע צוויי שעה זענען שוין פאַריבער.

— פרייבעט — האָט מען אים געענטפערט. עס זענען צוגעקומען דער קאַפּאָ־ראַל מיט לעגיאָנערן, וואָס דאַרפן אים בייטן.

★

נייע ווערק

"צעקלונגענע שעהען" פון לייב קורלאַנד

פּונקט ווי זיין בוך דערציילונגען, אַרויס־געגעבן דורכן פאַרלאַג י. ל. פּרץ אין יאָר 1973 ("ביי די ברעגן פון כנרת") איז אויך דאָס איצטיקע בוך פון ל ײ ב ק ו ר ־ ל אַ נ ד (דערשינען אין זעלבן פאַרלאַג, 1975) — אַן אייגנאַרטיק ישראל־ווערק, סיי לויט דער טעמאַטיק, סיי לויטן טיפּאַזש און דער לאַנדשאַפט, סיי לויט דער קאָמ־פּליצירטער פּראָבלעמאַטיק.

דאָס בוך נעמט אַריין אין זיך דריי אָפּטיילן: "צעקלונגענע שעהען", "פאַר־שטערטער יום טוב" און "פון חלומישע מקומות".

דאָס ווערק איז דערשינען ביי דער מיט־הילף פון חברת חמי טבריה. שער און צייכענונגען פון באַוווּסטן יידישן קינסט־לער יצחק ליכטענשטיין. 199 זייטן.

בינם העלערס "ביחידות"

דער דיכטער ב י נ ם ה ע ל ע ר האָט נישט לאַנג אַרויסגעגעבן נאָך אַ לידער־זאַמלונג א. נ. "ביחידות".

ווי שטענדיק אייגנאַרטיק קלינגען די עלעגישע פּערזן פון אָט דער זאַמלונג, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט איר ליידנ־שאַפט און קלאָרקייט פון פּאָעטישן גע־דאַנק.

די זאַמלונג באַשטייט פון צוויי גרעסערע לידער־ציקלען "באַריר" און "ווי מיט פייער". פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1975. 96 זייטן.

שלמה רויטמאַן

וואַרצלען

דאָס ליד וועגן דעם וועג

און ס'איז באַפאַלן מיך אַ שרעק,
ווען כ'האָב דערזען, ווי יעדער פלעק
פון דעם פאַרגאָסן בלוט און טרער
ניט קען פאַרטרוקנט ווערן מער.
און דאַן האָב איך געפרעגט ביי גאָט,
ווי קען מען שטעלן דאָ אַ טראָט,
עס איז דאָך ערגער פון אַ גיהנום
צו טרעטן ניט אויף זיך, — אויף יענעם.

און ס'האָט געדאַכט, איך בין דערהערט:
און ס'נעמט אַריין אין זיך די ערד
אַלץ, וואָס די פיין האָט אויסגעטרערט;
נאָר ווי, וווּ ס'טריקנט אויס אַ פלעק,
דאָרט טריקנט אויס שוין אויך דער וועג,
און ס'שיטן אויס זיך אַלע ברעגן,
און ס'שיטן אויס זיך אַלע וועגן —
און ניט אין שטיינער, נאָר אין ביינער,
און ניט אין ליים, אין לייב אַליין נאָר,
אין לייב, וווּ ס'וווינט שוין מער ניט קיינער;
און וווּ אַ שליאַך — אָט דאָרט אַ תהום,
און דאָרט אַ וויסטע, וווּ אַ שטראָם.
און ווי כ'וואָלט אָפּטאָן אַ פאַרברעכן,
דו נעמסט מיך, גאָט, אויף שטיק צעברעכן
און וווּ אַן אבר, — דאָרט אַ ריס,
איין אויג מיינס ברענט אויף מזרח אָפּן,
דאָס צווייטע פרירט שוין בלינד אויף צפון,
אויף תהומען הענגען מיינע פיס,
און פון דעם האַרצן אָפּגעריסן
עס קענען מיינע הענט ניט וויסן,
וואָס אין דער פינצטערניש צו טון,
ווי וועקן כאָטש איין שטראַל פון זון.

פאַרוואָס האָסטו געשטראָפט מיך, גאָט,
כ׳האָב דען צעטראָטן דיין געבאָט,
צי אָפגעטאָן איך האָב אַ זינד,
ווען כ׳האָב געבעטן: ״מאַך מיר ריין
די ערד, איך קען אויף איר ניט גיין״.
איך בין ניט מער דאָך ווי אַ קינד,
און ווי אַ קינד כ׳בין אומבאַרעכנט,
כ׳האָב דען געמיינט דאָס גרויס פאַרברעכן
זאָל אין אַ יעדער טרער און פלעק
גאָר ווערן אויף דער וועלט פאַרמעקט,
גאָר ווערן פון דער ערד פאַרדעקט,
פאַר וואָס זשע קומט מיך צו צעברעכן ? !
איצט בעט איך דיך, אויב כ׳בין דערוועגט,
אויב זיין אַ מענטש איז מיר באַשערט,
גיב מיר צוריק די שווערע ערד,
גיב מיר איר ווייטעקדיקן וועג
און ווייז מיר, ווי אויף איר צו גיין,
אַז איך זאָל אויף אַ בלוטן־פלעק
חלילה, בלינד זיך ניט ספּאָטיקען,
אויף אים ניט פאַלן ווי קיין שטיין,
אים ניט פאַרדעקן, ניט דערשטיקן
זיין קרעכץ, זיין צאָרן, זיין געוויין, —
איך ווייס שוין, — אַלע מיינע גליקן —
איז אָט דער ווייטעקדיקער שליאַך,
כדי דאָס האַרץ זאָל בלייבן וואַך.

הרצליה 1975

ווי אָן אַ פאַסטעך

מיר פאַר אייך, מיינע שאָף,
מיר פאַר אייך, מיינע רינדער,
ניט פאַר אייך האָט דער מידבר אַ סוף,
ניט פאַר אייך איז דער טייך דער לינדער.

איך — דאָס פאַסטעכל אָן אַ שטאָק,
איך — דאָס פאַסטעכל אָן אַ דודע,
קען ניט טרייבן אייך נאָך צום פאַרטאָג
און צונויפרופן אייך אויף אַ סעודה.

מיינע גאָלדענע רינדער און שאָף,
איר האָט מיך אַ פֿאַסטעך אַ שלעכטן,
ווייל געפֿאַלן אויף מיר איז די שטראָף
צו זען, ווי מע פֿירט אייך שעכטן.

נו נעמט אויף די הערנער מיין זעל,
אלציינס איז מיין לעבן צעוואַקלט,
אונטער אייערע פֿיס דער טיל־טעל
זאָל זיין פֿון מיין האַרץ דער סך הכל.

נו וואַרפֿט מיך מיט הערנער אויף שטיין
און צעדרעשעט די ביינער, ווי סטויגן,
נאָר קוקט ניט אויף מיר פֿאַרוויינט
מיט די סטעפּישע בלומען־אויגן.

מיר פֿאַר אייך, מיינע שאָף,
מיר פֿאַר אייך, מיינע רינדער,
זאָל זיך חלומען אייך כאָטש אין שלאָף,
אַז דאָס גראָז האָט געקוילעט דעם שינדער.

איך — אַ פֿאַסטעכל אָן אַ שטאָק,
איך — אַ פֿאַסטעכל אָן אַ דודע,
קען ניט טרייבן אייך צו קיין פֿאַרטאָג
און צונויפֿרופֿן אייך אויף אַ סעודה.

ס'איז גילטיק ביז היינט דער באַפֿעל:
— "דו גיי מיט זיי און בלאָנקע,
דערווייל פֿאַר זיי און דיין זעל
נאָר גרינט אינעם הימל אַ לאָנקע".

וואָרצלען

מיין נחלה ליגט בשכנות מיט אַ קראַטער,
דאָרט ווינט דער שד, סע וואַרפֿט מיט זיינע ביינער,
ער שפּייט מיט אַש, מיט פֿייער און מיט שטיינער,
דעם הימל ברענט ער אויס, דעם באַרג ער מאַטערט.

עס שפּאַלט מיין ערד זיך, וויגט זיך, ווערט זיך, פלאַטערט
און האַלט זיך מיט דער קראַפט דער אייביק־שיינער:
איך הער אין איר ניט אויף צו זעצן ביימער,
איר מוטער־טראַכט ניט ווערן זאָל צעפּאַטערט,

ווייל שטאַרקער פון קיין וואָרצלען קען ניט קיינער
פאַרנייען אַלע ריסן אין מיין באָדן
און אָפּצאָלן דעם גאָרטן פאַר זיין שאָדן, —

זיי הייבן אויף אַ וואַלד אַנטקעגן שטיינער,
דעם רויך מיט מחנות בלעטער זיי באַפאַלן
און קעגן פייער עפענען זיי קוואַלן.

*

זאב עדרי (וולאַדיסלאַוו באַנק)

דזשאַרש

דער רייטער האָט זיך אַרומגעקוקט. ער איז געזעסן אויף אַ יונגער קליאַטשע, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט שווייס, נאָסע פלעקן האָבן זיך געטונקלט אויף אירע זייטן, אויפֿן בויך.

דער רייטער האָט אויסגעזען נישט מער ווי אַ יאָר פופצן. געדיכטע זומער־שפּרענקלעך זענען געווען צעשיט אויף זיין פּנים. די טונקל־בלאָנדע האָר און דער שטיפערישער אויסזען האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסדרוק פון אַ יאָטל מיט ביינער. געריטן איז ער אָן אַ זאָטל און אָן אַ ציימל. ער האָט זיך באַגנוגנט מיטן קאַנטאָר.

אַראָפּשפּרינגענדיק פון דער קליאַטשע, האָט ער איר צערטלדיק אַ גלעט געטאָן דעם קאָפּ און די נאָזלעכער, זאָגנדיק איר עפּעס שטיל, ווי אַ סוד.

דאָס כאַקי־העמדל און די קורצע הויזן האָבן אויף אים געהאָנגען לויז, נאָר די שיך פונעם מיליטערישן דעמאָביל האָבן געפּאַסט צו זיינע פיס. אויף דער רעכ־טער זייטביים רימען האָט זיך געהוידעט אַ סמיט־וועסטאָן אין אַ ברעזענטענעם רעוואָלווער־טאַש.

ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער היט זיך פאַר עפּעס. ער האָט זיך אַרויס־געשלייכט פון צווישן די קוסטעס — געזוכט פאַרבאַרגענע שלענגלדיקע סטעזש־קעלעך. גאַנץ אָפּט זיך אַרומגעקוקט.

רייטנדיק, האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון שאָסיי, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געמאַכט געוואָרן דורך דער ענגלישער אַרמיי אין שפּיץ מיטן גענעראַל אַלענבי.

העט ווייט, ביי דעם זילבערדיקן ירדן, האָט ער דערזען די הייזלעך און געצעלטן פון משמר־הירדן. דאַנעבן, ביים וועג וואָס פירט פון מטולה קיין טבריה, האָט זיך געטוליעט דער קיבוץ מחניים. גאָר נאָענט איז געלעגן ווי אויף אַ טאַץ דער קיבוץ אילת־השחר. נישט ווייט פון אים האָבן זיך געפּאַשעט צוויי סטאַדעס בהמות. אָן שוועריקייטן האָט ער אונטערשיידעט וועלכע געהערט צום קיבוץ. די קי און די קעלבלעך האָבן געצופּט און מעלה גרה־געווען אויף אַ פעלד נאָר־וואָס נאָכן שניט און אַ באַוואָפנטער פּאַסטוך האָט געריטן אויף אַ פערד. ביי דער צוויי־טער סטאַדע צווישן פעלדזן און ווילד־גראָז איז געשטאַנען אַ בעדואינער. פאָכנדיק מיט אַ שטעקן, האָט ער עפּעס געהופן.

דער רייטער האָט אַראָפּגעצויגן דעם רעוואָלווער מיטן טאַש און אים אַריינגע־שטעקט אונטערן העמד. ער האָט פּאַרקירצט די וויאַזשקעס און זיי פאַרקניפּט צום קאַנטאַר, עפּעס אַ זאַג געטאָן דער קליאַטשע, אַ קלאַפּ געגעבן איר מיט דער דלאָניע אויפן הינטן. די קליאַטשע האָט זיך אַ ריר געטאָן, ער האָט זי שרייענדיק אונטערגעיאָגט, ביז זי האָט פאַררייסן דעם ווידל און געמומען גאַלאָפּירן.

דאָס יאַטל האָט זי אָבסערווירט. זעענדיק, אַז זי טראָגט זיך אין דער געהע־ריקער ריכטונג, האָט ער זיך אַליין געלאָזט אין וועג.

מיט אַ גרויסן קרייז האָט ער פאַרזיכטיק זיך דערנענטערט צום וועג.

מיט צוויי גרויסע שפּרונגען, ווי אַ קענגור, איז ער אַריבער אויף דער צווייטער זייט און פאַרשוווּנדן הינטער די קאַקטוסן.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער שטיין געבליבן ביים אַריינגאַנג אין קיבוץ אילת־השחר. דער גראָב געטעסעטער טויער איז געווען אַ ביסל אָפן. ער האָט זיך דורכגעגליטשט מיט אַ לייכטער באַוועגונג פון קערפּער.

ער איז אַריין אין אַ הויף. אויפן שטח זענען געווען צעוואָרפן וואָגנס און אַגראַנאָמישע כלים. צוויי יונגע לייט האָבן זיך געפּאַרעט מיט אַ מאָטאָר־פּאָמפּע.

דאָס בחורל האָט זיך הויך באַגריסט מיט אַ קלינגענדיקן שלום. די אָנוועזנדיקע האָבן אויף אים אַ בליק געטאָן, אַ שאָקל געגעבן פריינדלעך מיט די קעפּ.

דער גאַסט האָט זיך אַרומגעקוקט נאָך אַ טרונק וואַסער. איינער פון די יונגע האָט אים אַ ווייז־געטאָן מיטן קאָפּ דעם קראַן און מיט אַ שמייכל צוגעגעבן: דאָס וואַסער איז נאָך וואַרעם, נאָר וואָס אָפּגעקאָכט, מען זאָל חלילה נישט קראַנק ווערן.

— אויב דאָס וואַסער איז נאָס, איז אויך גוט. איך לאָך זיך אויס פון די באָבע־מעשיות.

ער האָט געטרונקען, נישט אָוועקנעמענדיק די ליפּן פון שטראָם וואַסער, גע־וואַשן דאָס פּנים און אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ. ער איז צו זיך געקומען. דערנאָך האָט ער מיטן בליק אויסגעזוכט דאָס חדר־האוכל. דערזען, אָבער נישט אַ ריר געטאָן זיך פון אָרט. געמומען אויפקנעפּן די שיך־בענדלעך, געבליבן שטיין באַר־וועס. וואַשנדיק די סטאָפּעס, האָט ער געטראַכט וועגן אַ גוט עסן. ער איז געווען הונגעריק. נישט געוווּסט, צי ער האָט געטראָפן פּאַר, צי נאָך דעם מיטאָג. ער האָט געמומען ענערגיש וואַשן אָן זייף די שטאַרק פאַרצערעוועטע שקאַרפּעטקעס, גע־שווענקט זיי עטלעכע מאָל. די שיך האָט ער באַהאַלטן אונטער אַ נאָענטן וואָגן און די שקאַרפּעטקעס אויפגעהאָנגען אויף די אַרטשיקעס. אַ צופרידענער האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אויפן דישעל און געהוידעט מיט די פיס.

סוף־סוף האָט מען גערופן צו מיטאָג. די פייגן־זופּ האָט אים זייער געשמעקט. אָנשטאָט פלייש איז געווען באַקלאַזשאַנעס און אַ שטיקל כאַלווע. ווען ער איז אַרויס פון דאָרט האָט ער געפילט אַז ס׳פעלט אים נאָך אַ ביס עסן. ביי אונדז אין תל־חי, עסט מען בעסער. דערביי האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מען האָט עפּעס גערעדט אויף דער לעצטער פאַרזאַמלונג וועגן אַ בודזשעט. געוויס ווייסט ער נישט, וואָס דאָס וואָרט באַדייט. מען האָט אויך געזאָגט, אַז מען דאַרף שפּאָרן... ווייל

ס׳וועט זיין ערגער אין 1922—1923 יאר. דערנאך האט ער פארלוירן דעם אינטערעס צו די רעדנערס און איינגעשלאפן.

אין שאטן פון דער אפענער סטאדאלע איז געלעגן אן איבערגעדרייטע קארעטע, געמיטלעך האט ער זיך אוועקגעזעצט, געווארט אז עמעצער זאל אים פארטשעפען, עפעס א פרעג טאן. אפשר דארפן זיי עמעצן צו דער ארבעט? עס האט אויסגעזען, אז די קיבוצניקעס זענען מיט עפעס זייער פארנומען, זיי ווייזן נישט ארויס צו אים קיין שום אינטערעס.

אין א רגע ארום האט איינער פון דער חברה ארויסגעפירט א פערד פון שטאל. א יונגס, כמעט א לאשעקל, האט א טראכט געטאן דאס בחורל. ער האט באטראכט — די אויגן, דעם רוקן, די ברוסט, דעם בוי פון די פיס. א נייגעריקער איז ער אויפ־געשטאנען.

איינער פון די ארטיקע האט געהאלטן מיטביידע הענט דעם לאשעק ביים ציימל, דער צווייטער האט אים געזאטלט. דאס פערדל האט דערביי נערוועז גע־דריבלט מיט די פיס און הויך געהירזשעט. א יונגערמאן, פעסט געבויט, האט רירעוודיק זיך אריינגעזעצט אין זאטל. דאס פערדל איז געשטאנען ווי געפלעפט. פלוצעם האט ער א שפרונג געטאן, גענומען ווארפן מיט די הינטערשטע פיס. געהוידעט זיך פון זייט צו זייט. משוגע פון שרעק, האט עס זיך צעבריקעוועט צווישן די צעווארפענע כל המינים ווירטשאפטלעכע כלים. דער רייטער האט פרא־בירט באהערשן דאס לאשעקל, פארקירצט די וויאזשקעס אבער ס׳האט אים קנאפ וואס געהאלפן. ער האט אין א רגע ארום פארלוירן דעם גלייכגעוויכט און אראפ־געפאלן באגלייט מיט א הילכיקן געלעכטער פון די ארומיקע.

נאך א קורצער באראטונג, האט זיך געפונען א נייער בארייטער. — קאלא, קאלא! האט מען גערופן פון עולם — ווייז וואס דו קענסט?

קאלא האט זיך ארויפגעכאפט אויפן זאטל. דער לאשעק האט זיך מאמענטאל א ווארף געטאן פארויס, דערנאך אין דער לינקער זייט. דער רייטער האט פאר־לוירן דעם רעכטן פוסהאלטער און א גליטש געטאן זיך אין דער פארקערטער זייט. פאר שרעק האט ער ארומגעכאפט דאס פערד ביים האלדז. דער לאשעק האט אים גענומען שלעפן איבערן גאנצן הויף. עטלעכע חברה־לייט זענען אים פארלאפן דעם וועג, און ער איז געבליבן שטיין.

ס׳האט זיך געמאכט א רעדל, מען האט דיסקוטירט, יעדער האט פארגעלייגט זיינע מעטאדן און מיטלען.

— גענוג! האט א געשריי געטאן דאס בחורל. מ׳האט זיך צו אים צוגעקוקט. קיינער האט אים נישט געקענט.

איר וועט אים אפרייבן דעם רוקן, צעברעכן די פיס. ער איז שלעכט געזאטלט, דער מונשטוק אין פארריסן, ווייל דאס קייטל איז צו שטארק פארצויגן. נישט פרעגנדיק קיין דערלויבעניש ביי די איבעראשטע קיבוצניקעס, האט ער לויזער געמאכט דעם מונשטוק און די בויכרימענס.

— דאס לאשעקל איז נאך נישט באריטן, ס׳וועט בעסער זיין אים נישט צו

באַזאַטלען. ער איז זיכער ביי אייך אַן ערשטלינג? מע זעט באַלד, אַז איר האָט נישט קיין דערפאַרונג. אַזוי ווי איר טוט עס, קען מען באַרייטן אַ באַנק, אַ קאַנאַפּע.

— זעט נאָר דעם קנאַקער! האָט זיך עמעצער אָנגערופן. קיינער האָט נישט רעאַגירט...

נישט וואַרטנדיק אויף אַ הסכמה, האָט ער אָפּגעטשעפּעט דעם מונשטוק מיטן קייטל, אַראָפּגענומען פאַרזיכטיק דעם זאָטל מיטן וואַילאַק. מיט דער דערקע האָט ער אויסגעווישט דעם פערדס רוקן. דער לאַשעק האָט צופרידן אַ הירזשע געטאָן. געמענדיק אים פאַר דער צוים, האָט ער אים פּאַמעלעך געפירט אַרום דער הויף. שטיין געבליבן אויף אַ רגע, אַ גלעט געגעבן אים די נאַזלעכער און עפּעס מיט אַ וואַרעמען געפיל אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— מאַכט אַ ביסל אָרט, ס׳איז נישטאָ ווו זיך אַ ריר צו טאָן — האָט ער אַ רוף געטאָן, מען האָט זיך געוויצלט און געלאַכט אויף דעם אומבאַקאַנטנס חשבון. אָבער דאָך האָט מען געמאַכט אַ ביסל אָרדענונג. נאָך דעם איז די שטימונג געוואָרן אַן ערנסטערע, מען האָט זיך מיט נייגער צוגעקוקט צום יאָטל.

מען האָט אויפגעפּראַלט דעם טויער. דער רייטער האָט פריי געלאָזט די אַנגע־צויגענע וויאַזשקעס, אַ שטויס געטאָן מיט די קנאָפּל. דער לאַשעק האָט זיך אַ ריס געטאָן, און אַריבער אין אַ גאַלאָפּ. דאָס בחורל האָט אים געלאָזט אומגעשטערט צוואַלעווען, וואַכזאַם געזעסן אויפן רוקן און נישט געלוזעוועט די פּיס. נאָך אַ גע־וויסער צייט געמומען רעכענען די טאַקטן פון די קלאַפּנדיקע קאָפּיטעס, געווען צופרידן. נאָך אַ וואָך צוויי, וועט ער גוט גיין אונטערן זאָטל, האָט ער געטראַכט, ער האָט געביטן דעם גאַנג, פּראָבירט אים פירן אין מאַרשעווע טריט; דאָס פערדל האָט גענומען טאַנצן, נישט גערן געלאָזט זיך באַרייטן. ביסט אַן עקשן, האָט געטראַכט דאָס יאָטל. טאָ היידאַ טראָג זיך מיטן ווינט, און אַריבער אין גאַלאָפּ. נאָך עטלעכע צענדליק מינוטן האָט זיך באַוויזן אַ ווייסער שוים אויף זיין מאָרדע, וועלכע האָט גענומען פליען אין די זייטן. דאָס פערדל איז געוואָרן שוואַכער, אונטער־געגעבן זיך, זיך געלאָזט פירן דורכן רייטער וועלכער האָט מיט די קני געקערעוועט אויף לינקס און רעכטס, אונטערציטערנדיק יעדעס מאָל מיטן ציימל. ער איז אין גאַלאָפּ אַריין אין קיבוץ. אויפן הויף איז דער לאַשעק געגאַנגען אין מיטלגאַנג, לייכט און גראַציעז. די אַנוועזנדיקע האָבן אים באַגריסט מיט פרייד און אָנערקענונג.

זיין בלייבן אין קיבוץ איז שנעל געוואָרן דערליידיקט. ער האָט באַקומען די זעלבע רעכט ווי אין תל־חי. צופרידן פון דעם אַנגאַזש, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אַפּרוען האַלב אָנגעלענט אין דעם סטאַדעלע אויף נאָר־וואָס געדראָשענעם שטרוי, פּאַרטיפּט אין לייענען.

אין אַ געוויסן מאָמענט זענען דורך דעם אָפענעם טויער אַריינגעריטן עטלעכע רייטער. אַן אומצופרידענער האָט ער אַ וואַרטשע געטאָן, מען האָט מיך דערטאַפּט, זיי קומען גלייך פון תל־חי. זייער האַלטונג, ווי גאַניטע קאַוואַלעריסטן האָט אים אימפּאַנירט. די אויסשטאַטונג האָט געצויבערט, אין אַראַביש־ענגלישער סטיל. דאָס איז די האַלטונג און מאָדע פון די באַרימטע שומרים. ענגלישע ביקסן ביי די קאַנאַ־

דישע זאַטלען, און וויאַזשקעס געפלאָכטן מיט פערדישע האָר אין קעמל־וואָל.

די רייטער זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד, געפּענטעט זיי ביים פלויט אויף דער שאָטן־זייט, באַלד לויז געמאַכט די בויך־רימענס.

צוויי פון די אָנגעקומענע זענען אַריין אין קיבוץ. דער דריטער, אים ווייניק באַקאַנטער, האָט זיך אַרומגעקוקט נאָך אַן עמער, געוואָלט אָנפּאָיען די פערד.

שנעל האָבן זיי מיך דערשנאַפּט — האָט ער געטראַכט — ס'איז נישט קיין גרויסע חכמה. איך האָב זיך נישט אויסבאַהאַלטן. זיכער האָבן זיי אויסגעפרעגט ביים פאַסטעך, וואָס פאַשעט די בהמות אין פעלד.

פון די נישט אָנגענעמענע מחשבות האָבן אים אַרויסגעריסן זיך דערנענטערנ־דיקע טריט. עס האָט זיך באַוויזן דער הויכער בלויאויגיקער פּנחס פון קיבוץ תל־חי. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און נישט דערזען דאָס בחורל, וועלכער האָט בליץ שנעל זיך באַהאַלטן. דאָך אָבער האָט ער אַ רוף געטאָן — דזשאַרש! — קריך אַרויס! — מיר ווילן זיך מיט דיר דורכשמועסן.

דאָס ייִנגל האָט געשוויגן. פּנחס האָט זיך קוים באַהערשט ער זאָל נישט לאַכן. מיט דער האַנט האָט ער אַראָפּגערוקט דעם אויסטראַלישן הוט איבערן שטערן, אַ געשריי געטאָן — זיי נישט קיין קינד, און שפּיל זיך נישט אין באַהעלטעניש. מיר זענען געקומען דיך אָפּזוכן — גיי אַרויס. די וועסט מיט אונדז אַהיימפאָרן.

דזשאַרש איז אַרויס מיט פאַרביסענע ליפּן און אַ בריקע געטאָן — איך קום נישט צוריק, ניין... דאָ בלייב איך. כ'האָב אָפּגערעדט צו זיין אַ פאַסטעך, ווי אין תל־חי. ער האָט זיך אומגעקערט און אַנטשלאָסן אַריין אין דער סטאַדאָלע. פּנחס איז אים נאָכגעגאַנגען זאָגנדיק: חכמה זיך נישט. אפשר דאַרפן מיר פאַלן צו דייַנע פיס זאָלסט לייטזעליק אַ קוק טאָן אויף אונדז? קום אין חדר־האוכל, מיר וועלן זיך דורכשמועסן, אַזוי ווי חברים קיבוצניקעס צווישן זיך.

דזשאַרש האָט זיך געלאָזט צורעדן. זעט אויס, אַז מ'רעכנט זיך מיט מיר, האָט ער געטראַכט...

זיי זענען אַריין אין חדר־האוכל. ס'איז אים גרינגער געוואָרן אויפן האַרץ. עס זענען נאָר געווען די חברים פון תל־חי. ער האָט זיי באַגריסט מיט אַ שטילן שלום. קוקנדיק אויף די אָנוועזנדיקע מיט פאַרדעכטיקע בליקן, האָט ער זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ באַנק. פּלוצים האָט ער אַ שפּיי געגעבן צווישן די פיס, מעשה ווילער יונג, — זאָלן זיי נישט מיינען... דער דיקלעכער שוואַרצהאָריקער חיים האָט געלאָזן אַרויסגעצויגן פון טאַש אַ בלעכן פּודעלע מיט טאַבאַק. געגעבן אַ קלאַפּ מיטן פינגער און געעפנט דאָס דעקל. — רויכערט. די אָנוועזנדע האָבן מיט חשיבות גענומען אַ ביסל טאַבאַק, אַ ביבולקי מיט אַ האַלב־לבנה צייכן. חיים האָט אויך אינטערגעטראָגן דזשאַכשן דאָס פּודעלע מיט אַ פריינדלעכן שמייכל.

יעדער האָט פּלינק אַ וויקל געטאָן און פאַרויכערט ציגאַרעטלעך. דזשאַרשן זענען די פינגער נישט געגאַנגען מיטן ווילן זיך צו באַווייזן. וויקלענדיק, האָט זיך דאָס ציגאַרעטל צעקראָכן צווישן די פינגער.

אין אַ רגע אַרום האָט אים פּנחס שנעל געמאַכט אַ ציגאַרעטל און אים אונטער־

גערוקט אַ לעק צו געבן דעם ראַנד. מ'האָט פאַרצויגן. דער רויך האָט געשלאָגן פון די באַזלעכער און מיילער. "ענלעך צו אינדיאַנער, וואָס רויכערן אַ שלום־לולקע" — האָט געטראַכט דזשאַרש מיט סאַטיספאַקציע.

פלוצעם האָט ער זיך פאַרהוסט, טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן. — איך רויכער נישט גערן — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן — איך האָב ליבערשט זיסוואַרג. מ'האָט גלייך דערפילט, אַז ער איז אַריבער אויף אַ שוואַכער פּאָזיציע.

— מען קאָן צוטרעטן צו זאַכלעכע געשפּרעכן. חיים האָט קוים איינגעהאַלטן אַ שמייכעלע און געמאַכט אַן ערנסטע מינע.

— ווען מיר זענען געקומען פון פעלד, האָבן אונדז די מיידלעך דערציילט, אַז צווישן דיר און דובן איז געקומען צו אַ געשלעג. זיי האָבן געזען, ווי ער האָט דיך געיאָגט. די חברטעס האָבן געוואָלט דיך באַשיצן, אָבער דו ביסט אַריבערגע־שפּרונגען דעם פּלויט און מיט אַ גאַלאָפּ אַוועק אויפן וועג קיין טבריה. אַ ביסל שפּעטער איז די קליאַשקע צוריק געקומען. מיר זענען שוין געווען זיכער, אַז מיר וועלן האָבן אַ נייע "סולחה", ווייל מיר האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט אַז דו ביסט פון אים אַראָפּגעפאַלן.

— וויכטיק איז, אַז זי איז צוריק געקומען. צוליב מיר דאַרפט איר זיך נישט זאָרגן — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— אוודאי איז בעסער, אַז מיר האָבן דיך געטראָפן ביים בעסטן געזונט — חיים האָט זיך פאַרצויגן מיטן ציגאַרעטל, פאַרזשמורעט די אויגן און זאָרגפעלטיק אַ בליק געטאָן אויפן ייִנגל.

דזשאַרש האָט אַ פריכע געטאָן פון אומצופרידנקייט — אי ר אַלע באַהאַנדלט מיך ווי אַ ייִנגעלע. ס'איז געשען דאָס, וואָס איז געשען: איך וויל באמת נישט זיין אינאיינעם מיט אים... מיט דוב. ער איז מיך באַפאַלן. ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שגעון, אַ דיבוק איז אין אים אַריין. אַזאַ אַלטער בוהיי.

— סמים...! —

אַלע דריי קיבוצניקעס האָבן זיך שנעל באַהערשט, און אויפגעהערט צו לאַכן. אַלע אין איין אָטעם האָבן געגומען דערציילן: — דוב האָט אין לאַנד פון וואַנעט ער איז עולה געווען געהאַט אַ באָקס־מייסטערשאַפט אין האַלב שווערן געוויכט. ער וואָרפט יעדן פון אונדז פון די פיס.

— גוט וואָס מיר ווייסן שוין עפּעס — האָט זיך אָנגערופן חיים. — אָבער ס'וואָלט גוט געווען, אַז דו זאָלסט אונדז געבני דערציילן בהדרגה מיט אַלע פּרטים, וואָס דו האָסט געטאָן נאָכן קומען מיט די בהמות, וועלן מיר כאַפּן וואָס איז געשען. מיר זענען קיבוצניקעס, שלעגערייען זענען אונדז פרעמד, אַזאַ אויפפירונג פּאַסט נישט פאַר חברים. דערצו אַן אַלטער קעגן אַ קינד...

— אַ קינד? וואָס פאַרא קינד! — דאָס דאַרף איך זיין?

— און דוב איז אַן אַלטער? — ער איז קוים אַלט 26 יאָר? דו רופסט אים אַן אויפהער: אַלטער בוהאי...

דזשאַרשן איז הייס געוואָרן, אפשר האָב איך אים באַליידיקט — דאָך אַ באָקס...

איך פאָר מיט אייך — האָט געזאָגט דזשאַרש — מאָרגן אָבער קום איך צוריק. איך האָב מסכּים געווען צו זיין דאָ אַ פּאָסטעך. אַ וואָרט איז אַ וואָרט...

דזשאַרש איז געזעסן אויפן פאָדערשטן אָנשפּאַר פון חיימס זאָטל, אַ קער געגעבן דעם קאָפּ, געשיקט מיט דער האַנט אַ גרוס צו די קיבוצניקעס אויפן הויף. די רייטער האָבן זיך געלאָזט אין וועג.

נאָך עטלעכע מינוט אַרום, האָט זיך אָנגערופן חיים — יעצט דערצייל, דזשאַרש, פּרטים, וואָס האָסטו געטאָן נאָכן קומען מיט דער סטאַדע, פונעם פעלד?

פנחס האָט זיך דערנענטערט מיטן פערד, לאַוועק, נישט וואַרטנדיק אויף אַ באַפעל, האָט אַרויסגעצויגן פון זאָטל־טאַש אַ פּאַראַבעלום מיט אַ לאַנגער לופע, געשיקט אויפגעזעצט דעם פּיסטאָלעט אויף אַ פלאַכער קאָלבע. האַלטנדיק די וויאַזשקעס אין דער לינקער האַנט, האָט ער די סטאַפּקע פונעם מאַשינען־געווער אָנגעשפּאַרט אויף דער רעכטער קני. געריטן מיט זיגזאַגן, געמאַכט פּלוצימדיקע ווענדונגען, שאַרף געגנישטערט מיט די אויגן, די צייט איז נישט געווען קיין רויקע.

— איך בין מיט די בהמות געקומען ווי תמיד, אַריינגעטריבן זיי אין שטאַל. מיין פערד אַריינגעפירט צו זיין שטעלע, כ'האָב אים אויסגעזאָטלט, אָפּגעווישט דעם רוקן, אָנגעפּאַיעט, אַריינגעשיט אָבראָק אין דער קאָריטע. דערנאָך בין איך צוגעגאַנגען צו מיין געצעלט. אויף דער לינקער זייט פון סטעזשקעלע האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביים שטח, ווו ס'וואַקסן פאַרשידענע גרינוואַרג.

מיט אַמאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס'רויטלט זיך עפּעס פון אונטער די בלעטער. איך בין אַריין פאָרזיכטיק צווישן די ירקות. דערזען צוויי שיינע טרוס־קאָווקעס, דערביי נאָך אַ פּאָר. איך האָב זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז נישט דער בעסטער סאָרט. אָבער דאָן האָבן זיי מיר געשמעקט.

חיים און פנחס האָבן האַסטיק איינגעהאַלטן די פערד, זיי האָבן זיך איבער־געקוקט. דזשאַרש האָט אויף זיי געוואָרפן אַ פאַרדעכטיקן בליק.

תיכף האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך בין אַ קיבוצניק און מען דאַרף זיך מיט עמעצן טיילן. אַ זוך געטאָן און געפונען נאָך צוויי טרוסקאָווקעס. פון גרויס שמחה האָב איך געגומען שרייען: טרוסקאָווקעס, טרוסקאָווקעס האָב איך געפונען. פון עס־צימער האָט זיך באַוויזן דוב, איך האָב אַ כאַפּ געטאָן אין מויל נאָך איינע, און געלאָפן אַקעגן, אים מכבד זיין מיט אַזאַ שיינער פּרוכט.

— דוב האָט געגומען רעווען ווי אַ חיה אין אַ נישט באַקאַנטער שפּראַך. ער האָט אַוועקגעשליידערט מיין אויסגעצויגענע האַנט און מיר געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים. ס'האָט מיר אַ קלונג געטאָן אין די אויערן, איך האָב אים דערלאַנגט אַ רעכטן סיערפּ אונטער דער גאָמבע, — אָט אַזוי פון אונטן אַרויף. דזשאַרש האָט אויפגע־הויבן די פויסט און געוויזן, ווי אַזוי ער האָט אים ענערגיש, מיט אַ שווונג דער־לאַנגט. ער האָט מיר נאָך אַמאָל דערלאַנגט. ס'האָט מיר געשווינדלט אין קאָפּ, רויטע שטערנדלעך האָבן מיר געפינקלט פאַר די אויגן. איך האָב זיך אַ ריס געגעבן

און אַ זעץ געטאָן מיטן פוס. ער איז אָפּגעשפּרונגען, אויף מיר אַ קוק געטאָן, אַ קריץ געטאָן מיט די ציין, האַסטיק אויסגעדרייט זיך, אַרויסגעריסן עפּעס אַ דרענגל, זיינע צעפּלאַשעטע שוואַרצע האָר און זיין פּלאַכע נאָז האָבן אים געמאַכט ענלעך צו אַ טייוול. איך בין אַנטלאָפן וויפל כוח אין די פיס, ער האָט מיך געיאָגט. כ׳האָב זיך אַ קער געטאָן, געלאָפן לענגאויס דעם שטאַל. דאָ פּלוצים... דזשאָרש האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און שנעל אַ זאָג געטאָן: הינטער דער וואַנט זענען געשטאַנען אונדזערע מיידלעך אין גאַנצן נאַקעטע אונטערן טוש. איך בין געווען אין אַ קלעם. — פאַרשטייט! — באַהאַלטן זיך הינטער די נאַקעטע חברטעס, האָב איך זיך געשעמט... און ס׳האָט מיר נישט געפּאַסט... הינטער די פּלייצעס פון מיידלעך... האָט דזשאָרש שטיל צוגעגעבן. — די חברה האָבן איינגעהאַלטן דעם געלעכטער, קוקנדיק אויפן ייִנגלס פּנים, האָבן זיי זיך באַהערשט.

— לינקס הינטער דער פאַרצוימונג האָב איך דערזען די פערד. די גראָע קליאַטשע איז געווען ביים קאַנטאַר. איך בין צו איר ווי צוגעפלויגן. דוב האָט זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט. מיט איין שפּרונג האָט די קליאַטשע גענומען די פאַרצוימונג און געלאָזט זיך אין גאַלאָפּ. איך האָב געהערט זיינע געשרייען, אָבער איך האָב שוין אויף אים געפּייפט.

די קיבוצניקעס האָבן מיט די שפּאָרן אַ קיצל געטאָן די פערד, אַריבער אין אַ גאַלאָפּ. ס׳האָט געטונקלט, די זון האָט זיך געטוליעט צו די בערג. ס׳איז געווען שפּעט. נאָך עטלעכע מינוטן זענען זיי אַריבער אין מיטל־גאַנג.

— דוב איז נישט אין אָרדנונג, מען דאַרף אים שאַרף טאַדלען, אפילו באַזייטיקן, האָט זיך אָנגערופן חיים.

— דוב איז אַ שעפער, האָט אָפּאָנירט פּנחס — ער שאַפט, עקספּערימענטירט, נאָטירט דערגרייכונגען. דוב האָט געוואָלט מיט זיין דערפאַלג זיך באַווייזן, און ער האָט זיין אויפטו אויפגעגעסן.

— דוב מיט זיינע עקספּערימענטן וועט זיכער האָבן דערפאָלג. אָבער שלאָגן, פּאַכען מיט די פויסטן, ביי אונדז? נישט איין מאָל האָבן מיר דיסקוטירט וועגן קינדער און דערציונג.

— וועלכע מיר האָבן נישט, — איז אים אַריין אין די ווערטער פּנחס.

— מיר וועלן האָבן, מען מוז זיך צוגרייטן — האָט שטיל רעאַגירט חיים.

דזשאָרש האָט פון דעם געשפּרעך אין דער רוסישער שפּראַך עפּעס געכאַפּט, אָבער נישט אַלץ איז אים געווען קלאָר. געקלערט: עקספּערימענטן... קינדער־דערציונג... פּאָר אַזעלכע וואָס זענען נאָך נישטאָ... צום ערשטן מאָל הערט ער אַזעלכע ווערטער, און ער האָט זיך פּלוצים דערפילט זייער איינזאַם...

סטאַניסלאַוו (יהושע) וויגאָדסקי

"פון בוך "א ווינטער־רייזע""

I

דעם 26סטן אָקטאָבער, אין אָוונט,
זענען געקומען די ערשטע רעגנס,
מען זעט נישט קיין טראָפּנס,
מען הערט יעדן, ווי ער שטעלט אויפן בלאַט
אַ נאַסן טראָפּ.
און ער בייגט זיך איין,
גלייכט זיך אויס און ווידער —

די נאַכט האָבן אין געהיים
די קוסטעס געשמעקט ווי אין פּוילן —
פייכט גראָז, אַ קלאַדקע איבערן ראָוו.
קומט, רעגנס,
קומט,
קומט נאָך אַ מאָל
און נאָך אַ מאָל.

II

כ׳בין אָפּגעפאָרן אין אַ רעגן,
כ׳האָב דורך אַ טייך געשפּאַנט —
ערגעץ נאָענט האָט אַ פויגל זיך צעשריגן,
ווי געטראָפן פון אַ בראַנד.

כ׳בין אָפּגעפאָרן דורך אַ וואַלד —
דעמבעס, ווערבעס און אויף זיי
האָט אַ פויגל געטאַנצט
מיט אַ ווילד געשריי.

כ׳בין אָפּגעפאָרן אין קאַיאָר —
ווייטער שראָן אַרום.
און דער פויגל איז געווען דערביי
און איך פון בענקשאַפט האָב געשטומט.

III

עס פאַלט דער אָוונט צו אין טאָל,
ביים שליאַך אַ פּאַלמע שטייט אויף וואָר
און מיט נעפּלבלאָ פּאַרווייט
פאַרנעמט די שאָרכנדיקע האָר.

אין מיט פון נאַכט־געזאַנג פון גרילן —
שאַרף און הויך ער לאָזט זיך הערן,
אַזש ביז דעם באַרג־קייט פון לבנון,
אַזש ביז די קאַלטע בלאַסע שטערן.

נאָר אומגעריכט אַ זשאַביש קוואַקען
פאַלט אַראָפּ ווי אַן אַקאָרד —
דורך כנרת און דעם ירדן
קומט דאָסווידערקול פון דאָרט.

IV

דו וועסט מיטן באַרג גיין, דו וועסט מיטן באַרג גיין,
און איך מיטן טאָל.
דו וועסט אַ רויז זיין, דו וועסט אַ רויז זיין,
קיין קאַלינע איז נישטאָ.

דו וועסט מיטן באַרג גיין, און איך מיט דער סאַכאַרע —
אין די נאַכט־שעה'ן שטומע.
איך זוך אין דעם לאַנד די דערנער פון יענעם,
וואָס איז אומגעקומען.

דו וועסט מיטן באַרג גיין, און איך מיטן סאַכאַרע —
ווי קומען דאָ קאַלינעס!
דו וועסט אַ רויז זיין, אַ ווייסלאַווע, אַ סאַרע
און אייביק גרינען.

V

עמעצנס קאַלטע דלאָניעס
מיך לאָקן אין צימער פון ווייט.
אין אַ קרישטאָלענער וואַזע
וויגן זיך בלעטער פון זייד.

אַ צעפליקטע צעראַטענע סאָפּקע
פאַרזונקען אין שטראָם
פאַרוואַקסט זיך מיט האָר, ווי מיט אַ קווייט,
און נידערט אַראָפּ אינעם תהום.

אין דער טיף שאָרסטקע שטיינער
מיט שוואַרצע קאַראָלן צעגליען,
און אין סאַמע מיט פון סאַלאָן
ים־גראָזן בליען.

VI

כ׳האָב אַ שטריק דיר מיטגעגעבן אויפן וועג, *
עס וואָלט געטויגט אַ פשוט שטיקל דראָט
צו דעם רענצל מיט דעם אָפּגעשינדטן עק
מיטן מאַנטל און דעם אַלטן הוט.

כ׳האָב געגעבן דיר אַ שטיקל שטריק
צו דיין אייליק פאָרן
אין דער עוואַקואַציע כמורנער —
אַ קאַרגן אָנדענק אויף זכרון.

כ׳האָב געוואָלט דיר העלפן און אַצינד
איך ווייס, ביסט אויפן שטריק געבליבן הענגען.
און איך טראַכט נישט איין מאָל אין פאַרצווייפלונג —
אָן אים וואָלסטו געליטן לענגער.

VII

טונקלע גערטנער, טונקלער וועטער,
אין אָזיערע זיך טרינקען ציטערדיקעביימער,
אין וואַלדטיף — שטילער ווערט דער שאָרך פון בלעטער
און ביי זיין ראַנד דעם ליימיקן
גייט און זינגט אַ טונקלאויגיקע, אַ שוואַרצברעמיקע.

אויף דער צווייטער זייט פון אָזיערע
קוקט עמעץ שווייגנדיק אין וואַסערטיף,
ווו פון אָוונט וויגט זיך שיף
צווישן וואָלקנס קליינינקע
אַ טונקלאויגיקע, אַ שוואַרצברעמיקע.

פון פויליש — דוד ספאַרד

* באָריס פּאַסטערנאַק האָט געגעבן מאַרינע צוועטאַיעוואַ אַ שטריק צו פאַרבונדן אירע פּעקלעך בעת דער עוואַקואַציע. אויפן זעלבן שטריק האָט זי זיך דערנאָך אויפגעהאַנגען.

"אַ ווינטער־רייזע" פון סטאַניסלאַוו (יהושע) וויגאָדסקי

דאָס לעצט־דערשינענע אין לאָנדאָן ליד־דער־בוך אויף פויליש פון סטאַניסלאַוו (יהושע) וויגאָדסקי — "אַ ווינטער־רייזע" — פאַרקערפּערט טיפע בענקשאַפט אין אַ מין חלום־צושטאַנד, אין וועלכן עס קומען אויף פאַרנעפּלטע דערמאָנונגען פון אַ לעבן, וואָס בלויז זיין וויי־טאָן זאָגט עדות וועגן זיין עקזיסטענץ ערגעץ־ווען און ערגעץ־ווו.

ווי שאָטנס פון אַ וועלט, וואָס איז פאַרשוונדן, ציען זיך די לידער אין דעם בוך איינס נאָכן אַנדערן אין אַן אַטמאָספער פול מיט מרה־שחורה. הינטער די זאַמדן, פאַלמעס און ציפּרעסן פון זיין היינטיקער וואָר זעט דער דיכטער די האַרבסטיקע, זומערדיקע און פרילינגדיקע געגנט פון זיין אַמאָליקער, די שטילע שנייען און פראָסטיקע זאַווייען. דאָס אומאויפהערלעכע איבערחזרן די זעלבע מער וויניקער דערמאָנונגען פון דער פאַרלוירענער וועלט באַווייזט איר טיפע איינגעוואָרצלטקייט אין האַרץ פון דיכטער. מיט זייער יאוש, בענקשאַפט און ווייטיק רופן אַרויס די לידער לדין די אַלע, וועלכע האָבן גורם געווען דעם מאַראַלישן און פיזישן חורבן פון דער דאָזיקער וועלט, און שטרייכן אונטער גלייכצייטיק די זינלאָזיקייט פון דעם דאָזיקן חורבן. די עכטע איבערלעבונג, וועלכע קומט צום אויסדרוק אין דעם בוך מיט אַ מין פאַרחלומטער פשטות און אוממיטלבאַרער בילדלעכקייט, אַנטהאַלט אין זיך אַ גרויסן "זש'אַקיוז" קעגן די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן אין בעסטן פאַל צוליב פאַרשידענע פּאָליטישע קאָמבינאַציעס אַרויסגעטראָגן אַ פאַרליגנערישטן און פערפידן אורטייל אויף זייערע יידישע מיטבירגער, וועלכע האָבן אַ לעבן־לאַנג נישט בלויז געחלומט דעם שיינעם חלום וועגן אַ פריי און יושרדיק פוילן, נאָר מקריב געווען אַלע זייערע יונגע יאָרן, כדי דעם דאָזיקן חלום צו פאַרווירקלעכן.

וויגאָדסקי מאַכט דעם "זש'אַקיוז" נישט פראָנטאַל. ער דייט אפילו נישט אָן אויף אים. אָבער ער געפינט זיך אומעטום אין אונטערטעקסט, אין די רירנדיקע אומעטיקע זעונגען, וועלכע דערציילן וועגן זיין טיפער צוגעבונדנקייט צו דער פוילישער ערד און וועגן זיין בענקשאַפט נאָך איר. דאָס נעמט אָן ביי וויגאָדסקין עכט־לירישע, אינדיווידועל־בילדלעכע פאָרמען, פול מיט עמאָציאָנעלע אַלוזיעס. אָבער גלייכצייטיק האָט זייער אינהאַלט אַ פאַראַלגעמיינערטן זין און איז עלול צו וועקן ביי זייער פיל נישט בלויז די אינטימסטע געפילן, נאָר אַ סך מחשבות און נאָכטראַכטונגען.

איינע פון די מחשבות, און אפשר פון די סאַמע וויכטיקסטע, איז אָן שום ספק די, אַז אוועקגעבן אָן שום רעשט דאָס האַרץ און טאַלאַנט דעם לאַנד פון געבוירן און ווערן דערפאַר באַלוינט פריער אָדער שפּעטער מיט דער באַציונג, ווי צו אַ פרעמדן, אויב נישט נאָך ערגער, איז דער גורל פון יידישן פאָעט אומעטום און אין אַלע דורות, פונקט ווי דאָס איז דער גורל פון זיין פאָלק.

א. רוט

*

נחמן ראַפּפּ

אַ סאָלאָוויי אין ברענענדיקן וואַלד

(דערציילונג)

די צוריקאַהיימגעקומענע — געווידמעט

די בלויע, קורצזיכטיקע אויגן פון נאָום דאַווידאָוויטש ציטערן אונטער די דיקע אויגן־גלעזער געהערן איינגאַנצן נישט צום איצטיקן יאָרהונדערט. דאָס זענען אויגן, וואָס זענען קיין מאָל נישט אויפגעריסן געוואָרן פון שרעק אָדער זיך אויסבאַהאַלטן אונטער זייערע לעדלעך פון געלעכטער. זיין לעבן איז ער דורכגעגאַנגען מיטן דעוויז פון זיין רבין, דעם יידישן ברילִיאַנטן־שלייפער פון אמסטערדאַם, וואָס האָט אים אָנגעזאָגט: נישט וויינען, נישט לאַכן, נאָר פאַרשטיין. האָבן זיינע אויגן געזען ווי ביי זיין לערער געקוקט גלייך צו דעם ליכט פון מענטשלעכן פאַרנונפט און נאָר אין אים געזוכט אַ תירוץ פאַר אַלע שווערע קשיות. איז ווי קומען אַזעלכע אויגן אין דער קאַלטער ווינטערדיקער מאָסקווע, וווּ מענטשן טוליען זיך צו דער אייגענער שרעק, ווי די האַנט פון אַ האַרץ־ליידנדיקן צו זיין ברוסטקאַסטן?

נאָום דאַווידאָוויטש געפינט זיך אין זיין צימער. ער זיצט אויפן ווייכן קישעלע אויפן אַלטן דעמבענעם ירושה־שטול און מיט זיינע אָפענע רויקע אויגן קוקט ער צום באַגלאָזטן ביכער־שראַנק, וואָס שטייט קעגנאיבער אים, ווי אַ געקומענער — און גוטער — פריינד, וואָס איידער מען בעט אים זיצן, שטייט ער און שמייכלט מיט זיסער גוטסקייט. אין צימער איז שטיל און פון דער בשותפותדיקער קיך הערט זיך נישט דאָס געוויינלעכע געשריי־געקלאַנג פון דער שכנה, וואָס האָט זיך באַוויזן איינצוקלאַמערן אין דער הויפּט־שטאָט און אויסגעמיטן פאַרשיקונג, אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט זיך באַצייטנס אָפּגעזאָגט פון איר מאַן, דעם פּאַלקאָווניק, וואָס האָט אין מיטן דער ארומרינגלונג פון לענינגראַד פאַרקויפט די יאַפּאַנער סאַמוראַיען דעם סאָוועטישן ווייטן מזרח. נאָום דאַווידאָוויטש איז צופרידן מיט זיין שכנה. עס געפעלט אים דער אַנשמייכלדיקער דאַנק אירער, בעת ער טוט פאַר איר אַ קליינע געפעליקייט. ער זעט אין איר אַ מענטש, וואָס נעמט אויף דערשיינונגען פאַרשטאַנדיק און קאַלט און פאַרענטפערט זיך נישט פאַרן אייגענעם האַרץ מיט פאַלשער היסטעריע.

אַמאָל האָט ער אַזוי געטראַכט וועגן גאַנצן רוסישן פאָלק, וואָס ליידט און לעבט

נאָר צוליב דעם פונק מענטשלעכקייט אין אים, וואָס דערלאָזט אים נישט צו קיין זעלבסט־רחמנות און צו קיין איבערשאַצונג פון באַדריקערס באַטייט. די דאָזיקע מיינונג זיינע וועגן רוסישן פאָלק האָט ער עטלעכע מאָל געענדערט, צום גוטן און צום שלעכטן. ביז די אַנגעלאָפּענע געשעעענישן האָבן אים אין גאַנצן אין אַט דער פראַגע צעטומלט. דעמלט האָט ער אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן פעלקער און זיך קאָנצענטרירט אויפן מענטש. אַט דער, וואָס געפינט זיך אין קרייז און אין צענטער פון אוניווערז.

ער זיצט און האָט הנאה פון דער שטילקייט. פּאַמעלעך הייבט ער אויף זיין שמאָלע האַנט און טוט אַ גלעט זיין גרוי לענגלעך בערדל. דער אויפגעקומענער געדאַנק לויכט אויף אין זיין מוח, ווי אַ זונשטראַל צווישן לייכטע וואָלקנס. ער פאַרגינט זיך אַ שמייכל צו טאָן:

— פונדעסטוועגן זענען זיי נישט גערעכט, די יידישע חכמים. וואָס הייסט דאָס ״כי מותר האדם מן הבהמה אין?״ — נישט שוין־זשע איז טאַקע דער מענטש געגליכן צו אַ בהמה? און ווו איז דער באַוווסטזיין? דער געדאַנק, וואָס שאַפט דעם אומגעהויערן כוח? וואָלט דאָס אמת געווען, וואָלט דאָך דער מענטש, ווי די בהמה, אויפגעפרעסן אָדער צעטרעטן אַלע בלומען אין פעלד, אַנשטאָט הנאה האָבן פון זייער שיינקייט? ניין, עס איז נאַריש אַזוי צו טראַכטן.

און אפשר שטעקט פאָרט אַ געוויסער אמת אין דעם? איז דאָך דער מענטש פונקט אַזוי אומבאַהאָלפן, ווי ער איז גרויס. ווען דער טויט שליסט זיינע אויגן, פאַלט אין פינצטערן תהום דער גאַנצער אוניווערז, אין וועלכן זיין בליק האָט זיך אָקאָרשט געשפּיגלט. אויך וועגן דעם האָט דער יידישער חכם ביטער איראָניזירט: ״וואָס איז דער מער מיט דעם מענטש, וואָס טוט זיך מיען אונטער דער זון״. ניין, נישט לייכט איז צו געפינען אויף דעם אַן ענטפער, כאָטש אַן ענטפער מוז זיין, ווי עס איז מוז זיין לופט, וואָס דרינגט אַריין אין די לונגען און פילט זיי אָן מיט לעבן.

ער הייבט זיך אויף פון זיין שטול און לאָזט זיך אין ווינקל צימער צום ליי־טערל. ער וויל דערלאַנגען צו דער אויבערשטער פּאָליצע. דאָרט, ווו עס ליגט פאַרשטעקט דאָס קליינע ספרל מיט די האַרטע לעדערנע טאָוולען, אַ ירושה־ספרל, געגנוי ווי דער שווערער דעמבענער שטול, וואָס איז צוזאַמען מיטן ספרל איבער־געגאַנגען צו אים בירושה פון זיין טאַטן, דעם אַדעסער משכיל. דאָס האָט אים זיין טאַטע אָנגעזאָגט אין דער צוואה: בצר לך ומצאוך, ווען דו וועסט זיין אין אַ באַ־דרענגעניש וועט עס דיך געפינען, דאָס מיינט מען דעם ספר־הספרים. אין אים זענען פאַראַן אַלע טרייסטן.

ווי וויל ער איז אַלט און זיינע פיס דינען אים גאַנץ שווערלעך, דערפילט ער זיך יונג, ווען ער קלעטערט אויפן לייטערל. ער מאַכט די עטלעכע שטאַפּלען אַרויפצו פלינק און גיך, ווי אַ קינד וואָס וויל דערגרייכן זיין שפּילצייג. ער פאַר־הייבט זיין האַנט צו דער פּאָליצע און ווענדעט זיין בליק צו דער טיר. אַן אַ קלאַפּ האָט זיך די טיר געעפנט, און שטיל, ווי אַ לייכט ווינטל איז אַריינגעקומען זיין פרוי.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי, אָלגאַ וואַסיליעוונאַ? — אין שטים האָט אים אָפּגע־קלונגען אַ לייכטע זאָרג: אַ שאָד, ער וועט מוזן אָפּלייגן דאָס טראַכטן וועגן תכלית פון לעבן אויף שפּעטער. אַ שאָד, ער וואָלט געקענט אין דעם מאָמענט עפּעס פאַר־צייכענען וועגן דעם. אָבער וואָס איז טאַקע געשען, וואָס זיין פרוי איז אין סאַמע מיטן טאָג געקומען אַ היים?

עס האָט איר פאַרדראָסן, וואָס איר מאַן רופט זי איצט ביי איר פאַטערס נאָמען. צו וואָס דאַרף זי איצט די כבודים? זי האָט זיך געשפּירט עלנט און צעבראָכן און וואָלט זיך גערן אויסגעוויינט אויפן אַקסל פון איר אַלטן קלוגן מאַן. אָבער זי באַ־הערשט זיך, לייגט אַפּ דעם בייטל אויף אַ שטול און זאָגט:

— נאָום, איך וועל אַרויסנעמען דעם לייטער פון שטוב. ערשט מיט צוויי יאָר צוריק איז דיין פוס געווען אין גיפּס צוליבן דאָזיקן לייטער. און די ביבליאָטעק קען מען צעשטעלן אויך אויף דער צווייטער וואַנט, זאָל זי ווערן נידעריקער, מען זאָל נישט דאַרפן קריכן.

— ביסט מיד, אָלגאַ — האָט ער איצט וואַרעם געמורמלט. ער איז פּאַמעלעך און פאַרזיכטיק אַראָפּ פון לייטער, שטאַפּל נאָך שטאַפּל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ זקן, און ער איז צוגעגאַנגען צום שטול, ווו זיין פרוי האָט זיך אַנידערגעזעצט. זי איז געזעסן הילפלאָז, ווי אַ קינד וועמען דער לערער האָט באַשטראָפט און עס ווייסט נישט מיט וואָס דעם פעלער צו פאַרבעסערן. ער האָט געגלעט אירע גרויע האָר:

— באַרויִק זיך, אָלגאַ, מיר זענען מענטשן, און דער מענטשלעכער געדאַנק דאַרף אַלץ קענען אויפנעמען און פאַרשטיין.

ער איז געווען גרייט אויפצוקלערן פאַר איר, אַט אַזוי שטייענדיק, די לערע פון זיין גרויסן אַמסטערדאַמער רבין, שוין צום וויפלטן מאָל און איר אויפווייזן, אַז עס איז בכלל נישט בנמצא אויף דער וועלט אַזאַ סיטואַציע, וואָס זאָל קענען אַרויס־פירן דעם מענטש פון זיינע כלים. נאָר אָלגאַ וואַסיליעוונאַ איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— איך שעם זיך, נאָום, פאַר דיר און אויך פאַר זיך אַליין. צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען! אין מיטן פאַרשרייבן אַ רעצעפּט האָב איך געמוזט פאַרלאָזן דעם שפּי־טאָל. דער דירעקטאָר אַנטאָן פּאַווליטש האָט מיר אָן אַ טראָפּן בושה געזאָגט אָפן: איר זייט אַ רוסישע, אָלגאַ וואַסיליעוונאַ, נאָר אייער מאַן געהערט צו יענער גזע, צו וועלכן עס געהערן די אין די ווייסע כאַלאַטן, וועמען מען האָט באַצייטנס געכאַפּט ביי דער האַנט און איינגעזעצט. דערפאַר קענען מיר נישט האָבן צו אייך, אָלגאַ וואַסיליעוונאַ, דעם פולן צוטרוי.

און ערשט איצט, ווי עס וואָלט איר לייכטער געוואָרן און די האַדליז־בענדער האָבן אויפגעהערט שטיקן די קעל, האָט זי זיך שטיל ווי אַ טויב צעוויינט און אָנגעלענט דעם גרויען קאָפּ אויפן אַקסל פון איר אַלטן מאַן, וואָס איז געשטאַנען און זיך נישט אַ ריר געטאָן פון אָרט, עלעהיי ער וואָלט זיך אין דעם מאָמענט איינגעהערט מיט אַ באַהאַלטענעם חוש אין דופק פון דער צייט און געוואָלט דער־גיין איר זין. און ווען אָלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט זיך באַרויִקט און שטיל און דיס־

קרעט אויסגעווישט די טרערן־טראָפּן פון אירע וויעס, האָט נאָום געזאָגט ווי אַ לערער אין קלאַס, וואָס מעלדעט די טעמע פון דער לעקציע:

— איך וועל גיין מאַכן טיי. גוטע רוסישע טיי באַרויקט שטענדיק אַ רוסישע נשמה.

די אַלטע דאָקטערין אַלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט איצט גוטמוטיק געשמייכלט. איר גאַלדן האַרץ האָט נישט דערלאָזט צו זיך אפילו די דינע איראָניע מיט וועלכער נאָום דאַווידאָוויטש האָט אַרויסגעזאָגט זיינע רייד. אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי געזעסן ביידע און דער דינער דאַמף פון די טיי־גלעזער האָט זיך געטראָגן צו זייערע אויגן ווי בלויער נעפל אויף אַ פאַרנאַכטיק זומער־פעלד. שפּעטער זענען אָנגעקומען די געסט.

2

נישט דער שטרענגער זיידע מענדעלע, נישט דער באַריידעוודיקער שלום עליכם און אויך נישט דער דיכטער פון יידישן פּאַטאָס ביאַליק האָבן אויף נחומטשע ר׳ דודס געהאַט וועלכן עס איז איינפלוס, און אַלע דריי זענען דאָך ביי ר׳ דודן דעם פּראָוויזאָר, געווען שטאַם־געסט. עס פלעגט טרעפן, און ביי אַ קאָכעדיקן סאַמאָוואַר, מיט טעצעלעך וואַרעניע פון קאַרשן און מאַלינעס, פלעגט זיך צעפלאַקערן אַ הייסע דיסקוסיע וועגן ליטעראַטור, וועגן יידישן פאָלק, תחום המושב, יידישע צרות און יידישע נחמות. די געסט, צוזאַמען מיט ר׳ דוד׳ן, האָבן, טראָץ אַלע דיסקוסיעס, אין איין זאַך מסכים געווען צווישן זיך: דאָס יידישע פאָלק ליידט פון אַנאָמאַליע און מוז אויסגעהיילט ווערן דערפון. נאָר ביים פאַרשרייבן די רעצעפּטן צו אָט דער דאָזיקער מחלה, האָבן זיך די געמיטער ווידער אַ מאָל צע־היצט, און די הייסע דיסקוסיע איז אויף אַ האָר נישט געווען ווייניקער קאָכעדיק, ווי די זודיקע גלעזער טיי, וואָס מען האָט פאַרצערט, אויפן עכטן רוסישן שטייגער. בלויז דער יונגערמאַן נחומטשע איז געבליבן רואיק און ווי פאַרקוקט ערגעץ ווייט. כאָטש זיין בליק האָט ער דוקא געהאַלטן אָפן און ממש געקוקט די געסט אין מויל אַריין. דער ״זיידע״ האָט אַמאָל נישט אויסגעהאַלטן אייגעם אַזאַ בליק זיינעם און האָט שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— און איר, יונגערמאַן, וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם?

— קיין מיינונג וועגן דעם האָב איך נישט — האָט נחומטשע געענטפערט טרוקן און אַביסל הייזעריקלעך־אומהיימלעך — נאָר אַ פאָלק איז מסתמא ווי אַ וואַלד מיטביימער. דער טאַקסירער קומט און שאַצט אָפּ די ביימער לויט ווי ער זעט זיי, אָבער די ביימער גופא שפּראָצן אויף, וואַקסן און פאַרוואָרצלען זיך טיף, האָבנדיק אַ גרויסן שייכות מיטן באָדן, זון, לופט, קלימאַט און ווינט. אפשר אויך מיט דער האַק פון וואַלד־העקער, וואָס פאַרזעט זיי. אָט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס וואָלט מען אפשר געקענט אָנרופן באַדינגונגען. וועגן דעם וואָלט געווען כדאי אַ שמועס צו טאָן.

עס האָט שאַקירט די קאַלטע שטים פון יונגנמאַן אין אָט דער הייסער דיס־

קוסיע. אויף יידן שיטן זיך גזירות איינע נאָך דער אַנדערער, יידישע ישובים גייען אָפּ אין בלוט פון פּאָגראָמען, און אַט דער יונגערמאַן רעדט וועגן באַדינגונגען. דער ״זיידע״ האָט בייז געברומט אונטער דער נאָז, דאָס ״אייניקל״ האָט קלוג געשמייכלט אונטער די אויגן־גלעזער און דער אָנגעגליטער דיכטער האָט עפּעס פלינק פאַרשריבן אין זיין קליין נאָטיץ־ביכעלע. ר׳ דוד האָט פאַרהויבן זיין למדנישן שטערן פון איבערן גלאָז טיי און זיך אָנגערופן:

— עס טראָגט זיך שוין דער בייער ווינט איבער דער גאַס, באַלד וועסטו שוין האָבן באַדינגונגען, נייע, נאָך נישט געזעענע, וועט מען ערשט זען...

און די נייע באַדינגונגען זענען ענדלעך געקומען. מיט שטורעם און פייער זענען זיי געקומען. דער סטודענט נאָום דאַווידאָוויטש ציטרין האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן יענעם ווייטן שמועס ביי זיין טאַטן אין הויז. מיטן גאַנצן פאַר־ברענט פון זיין סטאַלישן מוח איז ער אַוועק צו דער נייער צייט און געהאָלפן צע־בלאָזן איר ווינט. די רויטע גוואַרדיע האָט אים אָנגעטאָן אַ לאַנגע ביקס אויף זיינע שמאָלע אַקסלען און אַ רויט־פלאַמיקן שטערן אויף דעם מיט לאַפּן־אַראָפּגעהאַנגע־נעם צו גרויסן היטל אויף זיין קאָפּ. מיט אַט דער ביקס איז ער דורכגעגאַנגען די רעוואָלוציע און בירגער־קריג און מיט דער זעלבער ביקס באַוואָפנט האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט סאַראַ סאַמויִלאָוונאַ, אַדער שרה׳לע דעם שוחטס, פון קליינעם שטעטל אין אוקראַינע, ווו די אייניקלעך פון באַרימטן העלד באָגדאַן כמעלניצקי האָבן אויסגעקוילעט די יידן און איר טאַטן, דעם בלאַסן טרויעריקן שוחט.

אים איז געפעלן דער ליכטיקער פלאַם אין אירע אויגן און די פּאַסמע האָר פון קאַשטאַן־קאָליר, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן אויף איר נאַקן פון אונטער דער רויט־אַרמייאישער בודיאָנעווקע. ער האָט נישט געוווּסט ווי זיך צו באַגיין. נישט מיט איר און נישט מיט זיין פּלוצלונג־אויפגעוואַכטן געפיל צו איר. געוווּסט האָט ער, אַז דאָס סאַמע בעסטע ביים מענטש איז דער געדאַנק, דער מענטשלעכער פאַר־נונפט. וויאַזוי גיט מען איר צו פאַרשטיין, אַז ער האָט געפונען אַ זין אין אירע צעפלאַמטע אויגן, אין איר פּאַסמע האָר פון קאַשטאַן־קאָליר? האָט ער צו איר, ביים זעלנערישן מאָלצייט־עסן אין פעלד געזאָגט אויפן סאַמע קלאָרסטן אופן ווי ער האָט נאָר געקענט, און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט זיין שטים אונטער־געציטערט מיט אַ וואַרעמען אונטערטאָן:

— סאַראַ סאַמויִלאָוונאַ, איך וויל אייך זאָגן, אַז איך האָב אייך ליב ווי דאָס לעבן.

דאָס מיידל האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט ברייטע ליכטיקע ציין, און דאָס פייערל אין די אויגן איז נאָך מער פייערדיק געוואָרן. שפּעטער האָט ער דורך איר זיך דערוווּסט, אין הייסע פאַרטייִעטע נעכט, אַז אַמשענסטן אין גאַנצן אוניווערז זענען די שטערן אין הימל, וואָס צעזינגען די שענסטע לידער אין מענטשלעכן האַרץ...

ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז ער איז דערגאַנגען דעם סוד, אַז אין דעם שמועס

ביים טאָטן אין הויז מיטן "זיידן" און "אייניקל" און פּאַטעטישן דיכטער, איז ער, דער סטאַישער סטודענט געווען דער נישט גערעכטער. די באַדינגונגען זענען טאַקע געקומען, אָבער זיי האָבן זיך געשטעלט מיטן רוקן צו דער זון. די הייסע צייט האָט אים צעשיידט מיט דער כוואַליע האָר פון קאַשטאַן-קאָליר און ווייסע לאַכנדיקע ציין. און ווען ער האָט זי ווידער געטראָפן, האָט זי שוין נישט געהאַט, נישט דעם אָפּענעם שמייכל און נישט דעם וואַרעמען פייער אין די אויגן. זי איז געגאַנגען געקליידט און געשוכט אין לעדער, אויך איר נאַגאַן איז געהאַנגען אויף איר דיך אין לעדער, און אירע אַמאָל ראָזע פינגער האָבן פלינק, אויף דער קני, געשריבן טויט-אורטיילן אויף כלערליי שונאים. שוין אַן אַ שמייכל האָט זי צו אים גערעדט וועגן אַן אייזערנעם בעזעם און וועגן מענטשלעכע לעבנס, וואָס ער דאַרף אויס-רוימען ווי אַפּפאַל. אין יענער נאַכט האָט ער זיך אַליין פאַרשאָלטן פאַר נישט קאָנען וויינען. אויפצומאָרגנס אין דער פרי האָט זי שוין נישט געפונען זיין צו גרויסן קאָפּ אויפן שפּיץ פון איינציקן קישן. ער איז אַוועק בעטן מחילה ביי די געשענדעטע פאַרבלאָטיקטע יידישע געסלעך פון אָדעס.

אַ קרום שמאָל געסל אין האַרץ פון דער שטאָט מאָסקווע קוקט אַרויס ווי אַ צוגעזשמורעט אויג צום ברייטן רחבותדיקן טעאַטער-פּלאַץ. יונגע און עלטערע טעאַטער-מענטשן קומען צום ווינקל פון דאָזיקן געסל, גייען צו צום פּיצינקען געוועלבל און טרינקען אויף איין פוס דעם קילן געטראַנק אין הייסן זומער-טאָג. דער פאַרקויפער קען דאָ יעדן און יעדער קען אים. אַמאָל פאַרגלוסט זיך אַן עלטערן שוישפּילער מאַכן שפּאַס, טוט ער אַ זאָג: הײַנט איז פאַראַן ביר, נאָום דאַווידאָ-וויטש? ער ווייסט, אַז דער באַבערדלטער ייד מיטן צו גרויסן קאָפּ, האָט נישט ליב אָט די גראָבע משקה און ביים דערמאָנען זי פאַרגייט ער אין אַן ערנסטן שווייגן. טרינקען זיי דעם קילן לייכטן געטראַנק און נאָום דאַווידאָוויטש שמייכלט צו זיי מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן פון אונטער די דיקע אויגן-גלעזער. נישטאָ קיין טרויער און קיין צער אין דידאָזיקע אויגן, און אויך נישט קיין פרייד. פאַראַן אין זיי אַ טיפער פאַרטייעטער פאַרשטיין און באַנעמען, אַ בליק פון אַ נאָך-אַלעמען, וואָס זעט נישט קיין יאוש און אויך נישט קיין אילוזיעס. אַ בליק, וואָס האָט דערזען ביזן גרונט אַלעמענס וואָר און האָט פאַר זיך אויסגעבויט אַן אייגענע, קליינע וואָר. עלעהיי דער ווינט אין פעלד, וואָס איז אינערלעך פריי און אים אַרט נישט צי ווערט ער געבענטשט אָדער געשאָלטן. און נאָר די קלוגע קורצזיכטיקע אויגן, וואָס זענען נישט פאַרנעפּלט געוואָרן פון דער בלוט-רויטקייט פון דער צייט, נאָר זיי בענקען נאָך אַלץ צו דער שטילער רואיקער זון.

דעמלט האָט ער באַגעגנט, שוין אין זיין האַרבסט, דעם זוניקן שטראַל — אַלגאַ וואַסיליעוונאַ, די דאַקטערין, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו אַ סך מענטשלעכע ווונדן און געמיינט, אַז דאָס זענען אירע אייגענע ווונדן. זי איז געקומען אין זיין אַלט-בחורישן צימער דעם באַשטעלטן מיט אָנגעשטויבטע ביכער און זיך דערפילט ווי אַ טויב, וואָס האָט געטראָפן צו איר נעסט.

די טייכן בלוט און טרערן, וואָס דער שטן האָט אָנגעפלייצט אין די היימען

פון לאַנד, זענען אין דאָזיקן צימער פאַרגליווערט געוואָרן דורכן כשוף פון באַנעמען דעם מענטשלעכן גורל. עלעהיי נאָום דאַווידאָוויטש וואָלט אַ קמיע אויפגעהאָנגען פאַר זיין טיר, און אין דער קמיע דער ווונדערשפּרוך פון זיין גרויסן לערער:

— נישט וויינען, נישט לאַכן נאָר פאַרשטיין.

3

צווערשט איז געקומען דער דיכטער-פּראַנטאָוויק. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר שטיל און דיסקרעט, ווי מען קלאַפּט אָן אין טיר ביי אַ קראַנקן, ווען מען וויל נישט אויפוועקן פון דרימל. נאָום דאַווידאָוויטש האָט שוין געוווּסט ווער עס קלאַפּט. קיינער האָט נישט געקלאַפּט אין דער טיר אַזוי שטיל, ווי דער שעמעוו־דיקער דיכטער. און איידער אָלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט נאָך באַוויזן צו עפענען די טיר, האָט נאָום דאַווידאָוויטש באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן מיט אַ שמייכל: ווי די אַמאָליקע אנוסים אין שפּאַניע אין דער כל-נדרי-נאַכט קלאַפּט ער. צי גייט עס דען אין אַ שטילן קלאַפּ אין אַ טיר?

— אַ גוטן אָוונט — האָט דער דיכטער זיך געגריסט שטיל. און נישט געוווּסט האָט מען, צי דאָס שטילע באַגריסן איז געווענדט צו די באַלעבאַטים, ווען מען דער גאַסט וויל נישט איבעררעשן מיט זיין קומען, אָדער ער אַליין, דער דיכטער, איז געבראָכן אין געמיט און זיין גוט ב'אָוונט איז אַ מין שווער אָפּטעמען נאָך אַ פאַר־שטשעמעטן שווייגן אויפן וועג אַהערצו. אָלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט אַרויסגערוקט פאַר אים אַ שטול ביים טיש:

— זיצט, איסאַאַק סאָלאָמאָנאָוויטש, איר וועט טרינקען מיט אונדז טיי.

ער האָט זיך געזעצט און געשוויגן. ערשט מיט צוויי טעג צוריק איז ער געזעסן אויף אָט דער שטול און געטרונקען טיי, און ווען ער האָט זיך געזעגנט האָט ער אויך געשוויגן פּונקט ווי איצט. ווי ער וואָלט געוואָלט אָנהויבן זיין איצטיקן גע־שפּרעך פונעם אָרט, וווּ ער האָט מיט צוויי טעג צוריק איבערגעריסן: מיט שווייגן.

— אַ געשמאַק פרעסטל אין דרויסן, — האָט נאָום דאַווידאָוויטש זיך אָפּגערופן פריילעך אויף זיין שטייגער, קיין טשערעמעכע בליט זיכער נישט אין גאָרטן אין אַ מין וועטער.

נאָר ער אַליין, דער באַלעבאָס האָט קאַרג געשמייכלט. דער דיכטער האָט שווער געשוויגן און געשוויגן האָט אויך אָלגאַ וואַסיליעוונאַ, אָנגיסנדיק דעם גאַסט אַ גלאָז טיי פון זודיקן סאַמאָוואַר. אָבער לאַנג שווייגן האָט דער דיכטער נישט געקענט. ער האָט זיך אָפּגערופן פּילדייטיק:

— נישט נאָר קיין טשערעמעכע בליט נישט ביי אונדז. קיין זאַך בליט נישט. און איר, נאָום דאַווידאָוויטש זענט געבליבן דער זעלבער קלוגער ווי אַמאָל. צו אייער סאָדע־וואַסער־געוועלבל איז נאָך דער שטורעם נישט דערגאַנגען. די אמתע באַריקאַדע.

נישט אָן קנאה האָט דער דיכטער געקוקט אויף דעם אַלטן קלוגן מאַן. אַמאָל, ווען דער דיכטער איז נאָך זייער יונג געווען, האָט ער פון עלטערע פון זיך געהערט

דערציילן וועגן דעם קלוגן ייִד, וואָס האָט זיך, נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק פֿאַרשפּאַרט אין ענגן געוועלבל, ווי אין אַ פֿעסטונג. די ראַטנמאַכט האָט צעעפֿנט ברייטע טויערן פֿון וויסן און בילדונג פֿאַר זיין פֿאָלק. אוניווערסיטעטן און אינסטי־טוטן האָבן אויפֿגעבליט אויף ייִדיש־לשון און אָנגעפֿילט צווישן זייערע ווענט די בעסטע מוחות מיט שאַפֿערישקייט און געדאַנק. נאָר איינער, דער בלאַסער שמאָלער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך פּריציייטיק געעלטערט, און זיין שמאָל בערדל האָט זיך דין געפּעדימט צווישן ברוין און גרוי, האָט קיין מאָל זייער שוועל נישט באַטראָטן. זיין לעקטור האָט ער געלייענט אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק, און פֿאַרן לעצטן גראָשן זיך איינגעשאַפֿט פֿאַרעלטערטע ספֿרימלעך, וואָס זענען שוין לאַנג אַרויס פֿון דער מאָדע. און ווען די וויסנשאַפֿטלער האָבן געאיילט אויף די טרעפּ צו זייערע קאַטעדרעס, האָט ער, נאָום דאַווידאָוויטש געאיילט צום געוועלבל, געטיילט פֿאַר־וואַסער אין גלעזער מיט ראַזעוון סאָק, און סיי ווינטער סיי זומער געמאָסטן פֿאַר־ציעס אייז־קרעם. עס איז אים גוט געווען, ווען ער איז געבליבן אומבאַקאַנט און נישט דערקענט. און ווען מענטשן האָבן זיך דאָך דערוווּסט, אַז דער פֿלינקער סאָדע־וואַסער־פֿאַרקויפֿער איז אין דער אמתן דער געניאַלער שפּינאָזיסט, האָבן אָנגע־הויבן אַרומגיין אַרום אים לעגענדעס. מענטשן האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז ערגעץ אין אַ טיפֿן קעלער ליגט באַהאַלטן זיינס אַ כּתבֿ־יד וועגן זיין גרויסן לערער, וואָס וועט מיטן אויפֿשיינען פֿון דער פֿרייהייט־זון באַלויכטן די וועלט מיט אַ ליכ־טיקן שטראַל פֿון מענטשלעכן דענקען. קיינער, פֿאַרשטייט זיך, האָט דעם כּתבֿ־יד פֿאַר די אויגן נישט געזען. אָבער איינער, אַ נישט־געשריבענער דעוויז, האָט זיך דאָך געפֿונען ביים פֿילאָזאָף ערגעץ אין דער טיף פֿון זיין באַוווּסטזיין. און דער דאָזיקער דעוויז איז געווען: דאָס לעבן פֿון דעם מענטש, עקזיסטירט אין אַ געוויסן קלימאַט. אַזוי ווי דער קלימאַט — אַזוי די עקזיסטענץ. און דער קלימאַט איז אַ קאַלטער, אַ פֿאַרפֿרירנדיקער אין אָט דעם לאַנד, דאַרף אויך דאָס האַרץ און דער געדאַנק געוואָרעמט ווערן אין געהיים, אויסבאַהאַלטן פֿון דער קאַלטער דרויסנ־דיקער זון. וואָס קען נאָך זיין בעסער ווי אוועקגיין פֿון אַלע לאַקונגען און געפֿאַרן אין די פֿיר ענגע ווענטלעך פֿון זיין קרעמל? און אַזוי האָט ער געטאָן.

— יאָ, — האָט נאָום דאַווידאָוויטש ווייטער געשמייכלט, איר זאָגט באַריקאַדע. יעדער מענטש און אַפֿילו יעדער בעל־חי האָט זיך זיין באַריקאַדע. מען דאַרף זיך אַמאָל קענען אויסבאַהאַלטן אויך פֿון גאָט.

— מיר רעדן דאָ נישט פֿון גאָט — האָט דער דיכטער דערווידערט. ער האָט פֿיינט געהאַט מעטאַפֿיזיק. צו פֿיל איז ער אויסגעשטאַנען אויף די פֿראָנטן, ער זאָל נישט פֿילן אין זיינע ביינער דעם ווייַ פֿון דער ערד. זעט, וואָס איז געוואָרן פֿון מענטש, פֿון אונדז?

— עס איז דער ווייַ און די שאַנד פֿון אונדז אַלעמען, איסאַק סאַלאָמאָנאָוויטש, האָט אַלגאַ וואַסיליעוונאַ אים געקוקט אין די אויגן, דאָס גאַנצע לאַנד טאַנצט עפּעס אַ מאָדנעם טויטן־טאַנץ אַרום אַן אָפֿענעם קבֿר.

— איר זייט נישט גערעכט, יונגערמאַן, — האָט זיך נאָום דאַווידאָוויטש אָנ־

גערופן. שוין אַן אַ שמייכל. די רייד גייט דאָ נעמלעך טאַקע אין גאָט. ווייל דער גאָט, וואָס פירט מיט אונדז, געפינט זיך נישט ערגעץ אַנדערש נאָר ביי אונדז אין האַרצן און אין מוח. ער איז דער ערשטלינג פון באַשאַף, געַנוי ווי דער מענטש איז דער ערשטער אין דער ריי פון דער בריאה. וואָס האָבן מיר געטאָן, כדי דער גאָט וואָס מיר האָבן אים אין אונדזערע שטרעבונגען באַשאַפן, זאָל זיין אַ גוטער און לייטזעליקער? מיר מיט אייך, איסאַאַק סאָלאָמאָנאָוויטש, האָבן דאָך אים לכתחילה אַריינגעשטעקט אַ פיסטאָלעט אין דער האַנט אַריין...

ער האָט געזען, ווי דאָס פּנים ביים דיכטער פאַרקרימט זיך אין אַ ביטערער גרימאַסע. עס ווערט גרין און פול מיט צער. האָט ער ווידער פאַרצויגן אויף זיינע ליפּן דעם שטענדיקן קלוגן שמייכל און געזאָגט:

— באַרויקט זיך, יונגערמאַן. איר זייט נישט מער יחסן, ווי דער אַלטער יידישער מלך. אויך ער איז געווען אַ דיכטער ווי איר. ביי אים פעלן אויך נישט קיין פראַנט־לידער און מלחמה־דונערן. אָבער אין אַ מינוט פון באַדרענגעניש, האָט ער נישט פאַרקרימט דאָס פּנים פון צער, ווי איר דאָ. ער האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן צו זיין גאָט. צום זעלבן גאָט, צו וועלכן ער האָט זיינע לידער געזונגען: ״השע ממני והבליגה. איר פאַרשטייט דעם טייטש דערפון? ניין, איר קענט עס נישט פאַרשטיין. ער האָט עס געזאָגט אויף דער שפּראַך, וואָס מען האָט פאַרבאָטן צו לערנען. וועל איך עס אייך פאַרטייטשן אויף אונדזער לשון: ״קער אָפּ פון מיר, מיין גאָט, און לאָמיר אַ ביסל צו־זיך קומען, ווייל אָט און איך גיי אויס פון מורא פאַר דיר!״ קענט איר צו אייער איצטיקן גאָט, וואָס איר האָט באַשאַפן, אַ זאָג טאָן דאָס זעלבע.

— אונדזער גאָט איז אַ טייוול, וואָס גייט אום און שניידט מענטשלעכע קעפּ — האָט דער דיכטער טרויעריק געזאָגט, און וואָס העכער דער קאָפּ, אַלץ נענטער און באַקוועמער איז ער צום שניט. אין מינסק האָט מען אויסגעגאָסן דעם מאַרך פון שאַרבן ביי אונדזער קעניג ליר, דער לעצטער אַטעמצוג פון אונדזערע דיכטער איז געווען אויפן שוועל פון דער תּפיסה. און איצט — די דאָקטוירים! צי איז עס נישט קיין נייער אָנהייב פון אַ גרויסן שניט?

— פינצטער איז דאָס פאָלק געוואָרן אין דעם אַרומיקן חושך — האָט אַלגאָוואַסיליעווּנאַ אַרויסגעקרעכצט ביים דערהערן דאָס וואָרט דאָקטוירים. די שאַנד, וואָס זי האָט איבערגעלעבט דעם היינטיקן אינדערפרי, האָט ווי אַ פרישע ווונד ווידער אויפגעריסן אין איר האַרץ. זי איז געבליבן זיצן שטיל, און אויך די צוויי מענער האָבן זיך פאַרטייעט אין שטילקייט. פון איבער דער וואַנט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן פון געשיר און אַ מיליטעריש ליד מיט אַ באַס־שטימע פון ראַדיאָאַפּנעמער. נישט ווילנדיק האָבן אַלע דריי אויסגעדרייט דעם בליק זייערן צו דער וואַנט, דורך וועלכער עס האָט פאַרדעמפּט דורכגעשפּאַרט דאָס קול. אַ ווייל איז געווען זייער שטיל. דערנאָך האָט זיך אָפּגערופן לעבעדיק נאָום דאַווידאָוויטש:

— אַ קלוגע זאַך, אָט דאָס ראַדיאָ־קעסטל. טייל מאָל דערהער איך דורך דעם די שטים פון דער זון, אויף דער שפּראַך פון אַלטן קלוגן מלך. דעמלט צעטייען זיך די פראָסט־בלומען אויף מיין פענצטער...

דער דיקטער האָט איצט אויך מיטגעשמייכלט. אויך ער דערהערט טייל מאָל די שטים פון יענעם זוניקן לאַנד, וואָס דערוועקט אין אים אַ ווייטן רוף, ווי עס רופט אַ מאַמע איר פאַרלוירן קינד אין אַ צעטומלטן געמאַרק. אַלגאַ וואַסיליעווונאַ האָט מיטגעשמייכלט און אויף ס׳ביי אָנגעגאָסן די גלעזער טיי. און ווי צו פאַרטומלען דעם פריער־אָנגעקומענעם ווייטיק, האָט זי איבערגעחזרט די ווערטער פון איר מאַן, אָן שום סימן פון יענעמס איראָניע:

— טרינקט, איסאַאַק סאַלאָמאָנאָוויטש, גוטער רוסישער טיי דערקוויקט די נשמה. אין דעם מאָמענט איז אין צימער אַריינגעקומען ווי אָן אַריינגעריסענער ווינט דער ברייט־צעוואָקסענער עסטראַדע־שוישפּילער יעפים מירקין.

— אַ גוטן אָוונט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך באַלד גענומען צעשפּיליען די קנעפּ פון זיין מאַנטל. איר טרינקט טיי? זייער גוט. וועט מען טרינקען. אַלגאַ וואַסיליעוונאַ, איר קענט שוין אָנגיסן, כאָטש אסור, צי עס וואָלט געשאַדט איצט אַ הונדערט גראַם. די נשמה גייט אויס.

מירקין האָט געבראַכט מיט זיך נישט בלויז די פּראַסטיקע קעלט פון דער גאַס, נאָר אויך איר אינערלעך־פאַרפרוירענעם אָטעם. נאַום דאַווידאָוויטש האָט געקוקט אויף אים מיט מיטלייד, ווי אַ טאַטע אויף אַ נישט פאַרשטאַנדיקן זון. אָבער דער שוישפּילער איז ווייט געווען פון צו זיין אַ נאַר. צווישן שטיינער און דערנער איז ער אַ גאַנץ לעבן געגאַנגען, זעענדיק פאָרויס נאָר איין פּונקט: די לעמפּ פון דער בינע־ראַמפּע. אויך איצט איז ער געווען פול מיט גענונטן פּרימיטיוון בטחון. ער האָט נישט געלאָזט די מענטשן אויסשוויגן די שוויגעניש זייערע:

— איך קאָן שווערן, אַז איך ווייס וועגן וואָס איר האָט איצט גערעדט. יאָ, וועגן דער געשיכטע מיט די דאָקטוירים! אַ בילבול, אַ מאוסער בלבול, זאָג איך אייך! היינט מאָרגן וועט זיך עס אַרויסווייזן! נאָר נישט פאַרלירן דעם מוט! נאָר נישט קיין יאוש.

קיינער אין דעם גרויסן לאַנד האָט זיך נישט געטרייסט מיט אָט דער טרייסט. די מענטשן האָבן געוווסט, אַז דאָ, ווו די פינצטערניש געוועלטיקט, קומט קיין מאָל נישט צו די זון. אָבער עס איז געווען גוט צו הערן אַזעלכע רייד. פריינטלעך האָט מען פאַרבעטן מירקינען צום טיש, ווו דאָס גלאָז טיי איז שוין געשטאַנען גרייט. באַלד ביים ערשטן שלוק האָט מירקין גענומען שוויצן מיט שווערע טראָפּנס שוויס אויפן הויכן שטערן. פון דער העלער הויט האָט ער גענומען דערציילן וועגן עפּעס אַ מיידל, אַן אויפגייענדיקן שטערן, וואָס ער האָט פון ערגעץ אויסגעפונען, ביי וועלכער ער קלייבט זיך אַנטוויקלען איר טאַלאַנט. ער האָט גערעדט ווי וועגן אַ מענטש, וואָס איז אַלעמען שוין באַקאַנט פון פריער:

— איר זאָגט אַז זי וועט נישט זינגען? נישט ביי מירקינען! ביי מיר וועט זי זינגען, און אויף יידיש וועט זי זינגען! די וועלט איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען! איך וועל דעם גאַנצן צענטראַל־קאָמיטעט שטעלן אויפן קאָפּ, און זי וועט ביי מיר זינגען! פאַרלאָזט זיך אויף מירקינען...

נאַום דאַווידאָוויטש און דער דיקטער האָבן זיך פלוצלונג, נישט וויסנדיק פאַר־

וואָס, צעלאַכט. אויך אַלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט געשמייכלט. אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין די שכנה, די שותפטע צו דער קיך. מיט איר פּאַרבלאָזער שטים האָט זי זיך געווענדעט צו דער באַלעבאָסטע, עלעהיי אין צימער וואָלט נישט געווען קיינער אויסער איר:

— אַלגאַ וואַסיליעוונאַ, אפשר געפינט זיך ביי אייך עפּעס קעגן איבל? עס דריקט מיר שוין אין קעל גוטע דריי טעג. היינטיקע צייטן קען מען זיך נישט אויף יעדן איינעם פאַרלאָזן...

ווידער האָט זיך אין צימער אַראָפּגעלאָזט די פינצטערניש, וואָס אויך דער געלעכטער און די האַפערדיקייט פון מירקינען האָבן זי נישט געקענט פונאַנדערטרייבן. פּאַר אַלעמענס אויגן האָט זיך ווידער אַוועקגעשטעלט דער חושך און די גרויל. די מענער האָבן אויסגעדרייט זייער בליק צום שטאַר־פאַרהאַנגענעם פענצטער. אַלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט אַראָפּגעלאָזט איר געזיכט און אירע דאַרע דלאָניעס און זיך שטיל צעוויינט.

4

דער קבר, וועגן וועלכן עס האָט גערעדט אַלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט זיך צעעפנט. ביי זיין ראַנד איז געלעגן דער טייוול, וואָס דער פּחד און די פינצטערניש האָט פאַר אים געוויכערט אַ לעבנלאַנג שטיקנדיקן ווייעדיך אויף מזבחות פון מענטש־לעכע לעבנס. דער טיראַן איז געלעגן אַ טויטער צופוסנס פון זיין פינצטערן טראָן. און די זון אין גרויסן לאַנד האָט געגליווערט אין מורא און זיך געשראָקן אויפצו־שיינען, ווייל דער הימל איז געווען פינצטער און אַנגעגליט, און מען האָט נישט געוווּסט וועלכער שוואַרץ־פייער עס קאָן פלוצלונג אַ פלייץ טאָן און אַנצינדן דעם באַשטאַנד. געבויגענע רוקנס האָבן זיך געפּאַרכט אויסצוגלייכן און אויפהייבן דעם בליק. אין די אַנגעטראָגענע וואָלקנס האָט געריטן דער פחד פון מאַסן־שחיטות און יידישע פּאָגראָמען. דער יאָרנלאַנג אונטערדריקטער און געפּייניקטער האָט זיך דערפילט ווי אַן אַרעסטאַנט, פאַר וועמען מען עפנט פלוצלונג דעם שווערן תפיסה־טויער און מען לאָזט אים איבער אויף זיין אייגענעם באַראָט. מען האָט געצנדינעריש געוויינט און טיף־מענטשלעך געשוויגן. ביז דער אויפבראָך אויף טאָג איז אַנגעקומען ווי אַ בליץ, ווי אַ דונער־קראַך. און דעמלט זענען מיליאָנען יתומים זיך געפאַלן אויף די העלדזער און געוויינט פאַר פרייד. אַן אַרומגעפליקטער פון אַלע זיינע פלודערן איז דער טייוול געלעגן אין זיין פינצטערניש און דער ים פון מענטשלעכע אויסלייזערישע טרערן האָט פאַרלאָשן אַרום אים דעם פייערדיקן ווייעדיך־געבראַנד. די יידישע דאָקטוירים, מיט וועמען דער אשמדאי האָט פאַר־טראַכט אַנצוהייבן דעם אַנטי־יידישן פּאָגראָם, זענען באַפרייט געוואָרן פון אונטער די פליגל פון טויט און געטראָגן מיט זיך די בשורה פון לעבן. דער אשמדאי איז געפאַלן און געלאָזן נאָך זיך זיין געקאָוועטן, פינצטערן טראָן...

אין צימער ביי נאָום דאַווידאָוויטש ציטרין האָט מיט אַ היימלעכן געזשום געזאָטן אויפן טיש דער אַלטער טולער סאַמאָוואַר. אַלגאַ וואַסיליעוונאַ איז נאָך אַלץ

נישט געקומען פון שטאָטישן שפּיז־מאַגאַזין, וווהין זי האָט זיך געלאָזט איינקויפן עפּעס אויף כבוד. נאָר סייווי איז דער קליינער עולם געווען אויפגעלייגט. דער דיכטער־פּראָנטאָוויק יצחק מינדלין האָט געשוימט מיט צאָרן:

— ניין, נאָום דאַווידאָוויטש, נישטאָ דער פּרייז, וואָס קען באַצאָלט ווערן פאַר אונדזערע ליידן, פאַר די יידישע ליידן. ווער וועט אומקערן צוריק פון קבר די קרוין פון דער יידישער ליטעראַטור? ווער וועט קענען פון אונדזער האַרץ אויסמעקן די פינצטערע דאַטע פון צוועלפטן אויגוסט?

— און אונדזער קעניג ליר? — האָט דער שטענדיק האָפערדיקער יעפים מירקין איצט אַרויסגעקרעכצט מיט טרויער — ווער וועט אים אויפשטעלן פון פינצטערן גרוב?

אויפן ראַנד פון ברייטן בעט איז געזעסן דער נייער גאַסט, וועמען עס האָט געבראַכט אַהערצו, צום ערשטן מאָל, דער שוישפּילער מירקין. דער יונגער טאַלאַנט רחלע מייטיס, וועמען דער שוישפּילער מירקין האָט פאַרשפּראָכן צו פאַרוואַנדלען אין אַן אויפגייענדיקן שטערן. מיט איר קליינעם וווקס און הויכן בולטן שטערן, האָט דאָס מיידל גיכער דערמאָנט אין אַן איבערגעוואַקסן קינד, איידער אין אַ פרוי. בלויז אירע ברייט־צעעפנטע אויגן, פאַרקוקטע מיט חידוש און שאָטן פון לייכטער שרעק, האָבן דערמאָנט אין ווייבלעכער ווייכקייט און רייץ. פון דער חרובער ליטע, איר היים, האָט זי געבראַכט מיט זיך איר ווייכן קלינגענדיקן יידיש־לשון און איר באַגייסטערונג ביז טרערן צום יידישן וואָרט און זיינע שאַפערס. יעפים מירקין האָט געוואָרפן אַ בליק אויף רחלען און ווידער געפונען דעם קוואַל פאַר זיין זעלבסטבאַגייסטערונג:

— אָט זי וועט דערציילן וועגן אונדזער בראַך און זי וועט זיין אונדזער טרייסט. זי וועט אַוועק צו דעם לאַנד פון אונדזער שטאָלץ, זי וועט זיי ברענגען אונדזער ליד און אונדזער בענקשאַפט, און פון דאָרט וועט קומען צו אונדז אונ־דזער טרייסט.

— איר פאַרטוישט שוין ווידער די אַדרעסן, — האָט נאָום דאַווידאָוויטש גע־שמייכלט און דאָס שמאָל גרויע בערדל האָט אים אונטערגעציטערט. דאָרט, אין לאַנד פון יידישן אויפקום ווערט נישט פּראָדוצירט קיין טרייסט. דאָרט שאַפט מען לעבן. טרייסט דאַרף קומען דאָרט, ווו עס בלוטיקט די וווּנד. דער אויסגעשריי וועט קומען פון דאַנען, מירקין, פון אָרט פון דערשטיקטן ווייטיק.

עס איז אָנגעקומען אָלגאַ וואַסיליעוונאַ. אויפן וועג האָט זי פאַרלאָרן איר טיפע עלטער. זי האָט גערעדט גיך־גיך, ווי אין יענע סטודענטישע יאָרן, ווען דער יוגנט־פייער האָט געברענט אין די אויגן:

— אוממעגלעך דורכצוגיין די גאַס. נאָר מען האלדזט דיך און מען קושט דיך. מענטשן דערוואַרטן שוין זייערע אייגענע פון דער פאַרשיקונג. אין אוניווערמאַג איז זיך נישט דורכצושטופּן. מען כאַפּט מתנות. יאָ, שיער נישט פאַרגעסן: פאַראַן אַ ידיעה פון סאַמואיל גאַלקין. ער לעבט, ער קומט פון לאַגער אַהיים. היינט, נאָום דאַווידאָוויטש, וועלן מיר מעגן עפּעס אויסטרינקען.

און פון קוישל האָט זי מיט ציטערדיקע הענט אַרויסגענומען צוזאַמען מיט די ביסקוויטן אַ קליין פלעשעלע "מאַסקוועך" און עס פייערלעך אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

אַלע, אויסער נאָום דאַווידאָוויטש, האָבן געהאַלטן די אָנגעגאָסענע גלעזלעך אין די הענט און געוואַרט אויפן ערשטן וואָרט, וואָס וועט פאַלן פון אימיצנס מויל. נאָר אַלע האָבן געשוויגן. נאָום דאַווידאָוויטש איז מיט אַ מאָל געוואָרן ערנסט און דער שטענדיקער שמייכל איז אים אַראָפּ פון זיינע בלאַסע ליפּן. ער האָט געקוקט אין די אויגן פון יונגן טאַלאַנט רחלע. און די פּרוּי מיטן אויסזען פון אַ קינד האָט אויפגענומען זיין בליק און ווי באַהערשט דורך אַ היפּנאָז אַראָפּ פון בעט און זיך געשטעלט אויף די פיס. איצט, שטייענדיק מיטן גלעזל אין דער קליינער ציטערדיקער האַנט, האָט זי אויסגעזען נאָך קלענער. אירע שמאָלע ליפּן האָבן געציטערט, ווי ביי אַ קינד וואָס האַלט זיך ביים צעוויינען. און אויף אירע ברייט־צעעפנטע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי טונקעלע פּאָרהאַנגען, אירע שוואַרצע לאַנגע וויעס. און עס איז געווען ווי נישט זי, רחלע, וואָלט געעפנט אירע ליפּן, נאָר דאָס געזאַנג האָט זיך אָנגעטראָגן אַהערצו פון אַלע ווייטקייטן פון גרויסן לאַנד פון יידישע ליידן און פון גרויסן עבר דעם יידישן, דורכגעווייקטן אין שחיטות און פּאָגראָמען. דער קליינער עולם איז געזעסן אַ פאַרשטאַרטער און צום ערשטן מאָל, דאַכט זיך, אויף זיין לאַנג לעבן, האָט דער סטאַיקער נאָום דאַווידאָוויטש ציטרין פאַרשלאָסן זיינע אויגן און אויפגענומען אין זיך דאָס גרויזאַמע ליד, וואָס וועט אים אַוועקטראָגן אויפן ברייטן שליאַך פון דורותדיקער יידישער פּיין. ביי רחלען האָבן די אויגן זיך ווידער צעעפנט און זי האָט געזונגען:

אלי, אלי, למה עזבתני...

...אין פייער און פלאַם האָט מען אונדז געברענט...

קיינער האָט נישט אַפּלאָדירט. אפילו דער אַקטיאָר האָט פאַרגעסן וועגן זיין דערגרייכונג — זיין אַנטדעקטן טאַלאַנט. אָלגאַ וואַסיליעוונאַ איז געזעסן אין אַ ווינקל און איר בליק האָט געלויכטן דורך די גרויסע טראָפּנס טרערן. נאָום דאַווידאָוויטש ציטרין האָט געשטאַמלט:

— דער דונער האָט אַריינגעקראַכט אין וואַלד און אָנגעצונדן די ביימער־קרוינען. איר מיינע פריינד, זייט די סאָלאָוויען, וואָס דאַרפן וועקן די פייגל פון ברענענדיקן וואַלד. רופט זיי און וועקט זיי פון שלאָף.

ער האָט שווער געאָטעמט און איז מיט אַ מאָל שטיל געבליבן. דערנאָך האָט ער געעפנט זיינע אויגן און, ווי אַ צוריקגעקומענער פון ווייט, האָט ער געקוקט אין די פּנימער פון זיינע פריינט און געשמייכלט ווי אַ קינד. די געסט האָבן געקוקט אויף זיין צעשמייכלט פּנים און דערזען אַ ראַזעווע ליכט אויסגעגאָסן אויף זיין געזיכט. ווייל נאָר אַזוי זעען אויס אויגן וואָס פינקלען אויף דורך טרערן.

און די געסט האָבן נאָך אַ ווייל געהאַלטן די נישט אויסגעטרונקענע גלעזלעך אין די הענט, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף אַ נס. אויפן טיש איז געשטאַנען דער אַלטער טולער סאַמאָוואַר און געזונגען זיין שטיל, פּאַרטייעט ליד.

יונה בערקמאַן

ביים בוים פון אכות

ויתן לך האלהים מטל השמים.
בראשית כ״ז, ה״ח.

ביי זיך

אַז ווי באַקומען נאָר אַ פּיצל נחלה
אין מיקלט, וואָס געוואַרט אויף בעלי־תשובה,
האָט ער פאַרמאָסטן זיך מיט אָנגעגורטע לענדן
צום מלך דזשונגל וואָס געדאָרנט דאָ אין רחבות,
כדי די סליאַדן אָפּצוזוכן פון די וויעסנעס —
פאַרטאַכלעוועט אויף פרעמדע פעלדער —
וואָס זייער האָניק, צוגעטיילט מיט קאַרגע לעפל
און פולע עמערס חשדים,
האָט אים זיין קעל מיט טרערן אָנגענאָדלט.

האָט ער געגראָבן און געפלאַנצט זיין אייגן גאָרטן;
און וואָס זיין שווייס איז מער געזונקען אין דער רויערד,
אַלץ אָפּטער טרערן־פרייד זיין פנים האָט געוואַשן;
געשפּירט — זיין אַקער מיט דער סאָכע פון די שבטים
זיך רופט מיט שמחה איבער אין זיין אויער
און יצחקס ברכה איז פאַרזייט אין באָדן . . .

גייט ער אַרום היינט מיט אַ קאָפּ אַ ווייסן
און בענטשט אַ יעדע רגע פון זיין טאָג,
וואָס האָט באַשערט אים מיט דער זכיה
צו טוליען אין זיין שויס די שטערן,
מיט וועלכע גאָט באַקרוינט זיין מי האָט,
און הערן דורות קלינגען אויסעט אָמן מיט כוונה,
ווען אויפן ווייַן פון גלויבן מאַכט ער שהחינו.

ווייפרייד

מיינע ד׳ אמות צאָם איך אָפּ פון וואָר צעכראַסטעטער
מיט ראָזע שויבן פון מיין ליד,
וואָס האָט פאַרהאָרכטע אויערן געפונען

פאַר יעדן גליד
פון מיינע שורות זינגענדיקע מאַסטן
און ווערן קיין מאָל מיד
פולע עמערס ווײַן צו שעפּן פון מיין ברונעם.

איז איינגעפאַלן די מחיצה פון מיין בענקען
נאָך אַ שמייכל,
נאָך אַ לייכטן חטא:
זיי וויינען שוין צוזאַמען אין מיין היכל,
אויף מיין אויסגעחלומטן פּלאַנעט,
וווּ אויפגעפראַלט ס׳איז טיר און טויער
מיט אַ ברוך־הבא אויף די הימלטרעפּ
פאַר שוועלבעלעך, וואָס נעסטעלעך זיי בויען
פון טוי־בריליאַנטעלעך אין אַ באַגין
אַ בלויען...

און איך אַליין —
אין אַ ווינקעלע איך לאַך און וויין,
וואָס ווייפרייד סוף־כל־סוף צעלאָזט האָט
די קריעס פון מיין ווינטער,
און מיין דופק גרינט אַ פרילינג־אָנגעשטימטער,
מיט ברכי נפשי קנאָספּן...

דער בוים פון אמת

אוי, רבי פון די טויטע חסידים בראַסלאַווער, ר׳ נחמן!
ווי קען מען צו דעם בוים, וואָס כולו אמת איז, דערגרייכן?
איך זע אים אויך, ווי דו, רבי, אין רוימען ברייט צעפּליגלט
און בין פאַרבלענדט פון זיינע מים־חיים־ריחות,
כאָטש ס׳נעפּלען זיך געדיכט די ווייטן,
ניט מיט עקבתא־דמשיחא שפורן,
נאָר בייזע רוחות ווילדעווען אויף אַלע וועגן,
און תשוקות זאַפּטיקע,
וואָס האָבן ווען צעגרינט מדבריות,
זיך וואַלגערן,

ווי שמות פון צעשאָסענע סידורים,
און זייער שטויב
מיין אויסקום האָט פאַרמרורט.

עד היום כ'בין צעטומלט פון דיין בשורה —
תחנונים צום השם יתברך זאָל מען צוטראָגן מיט שמחה,
ווי טיף עס זאָל ניט זיין דער ברונעם פון יסורים.
און מיין התפעלות לייטערט אויף די שטראַלן פון דיין זכות,
וואָס האָט באַוואָרנט דיך מיט קדושה צו דערגיין,
זיך אויסשפרייטן אין שאָטן פון דעם בוים,
און מיט די פייגל צווישן זיינע צווייגן,
און מיט די חיות וואָס פון אונטן הוליען —
דערגרונטעווען צום האַרץ פון דורכזיכטיקן ניגון,
צום ניגון פון גאולה,
דערקלייבן זיך צום סאַמע תכלית־שפּיגל,
אָט דאָרט —
"ווו ס'איז ניטאָ קיין אָרט"...

נאָר וואָס זאָל טאָן דאָס נעבעכל,
וואָס טועם זיין איז אים באַשערט פון דיינע מידות —
פון יראה, פון אמונה און עניוות,
ווען אין זיין אוהל אַ ניט־גוטער האָט פאַרקאַרבט אַ ספק
און ס'לעשן זיך די שקיעות פון זיין האָפן.

פאַרכישופט פון דיין פשטות און דיין חדווה,
כ'בין צוגעשמידט צום רייטוואָגן
פון דיין עליה,
צו דיר — פאַרשניטענער אין עצם בלי פון שירה —
און לאָגלען בענקשאַפט בריען מיינע וויעס,
נאָר איך — — —
איך האָב קיין כוח ניט אין מיין ירידה
זיך ראַנגלען מיטן צער פון תהומען
און מיט די ספקות וואָס זיך צינדן אין מיין רעיון;
זוך איך אַ טראָפּנדל, אַ ניצוץ פון דיין שמחה
צו אָנהימלען דעם אַין...



שמואל אַקערמאַן — געבורט

קלמן סעגאַל

דער זקן, וואָס איז דאָרט פאַרבליבן

(פראַגמענט פון אַ ראָמאַן)

יאָ, דאָס קאָן זיין, מעגלעך אַז איר האָט מיך אַמאָל געקאַנט. אַ סך מענטשן האָבן מיך דעמלט געקאַנט. היינט קאָן מיך נישט קיינער. היינט בין איך נישט קיינער. כ׳בין מיין אייגענער פאַרוואָרף, מיין אייגן געוויסן־ביסן: זיי זענען אומגעקומען און איך לעב. געדאַנקען וועגן זיי וויקל איך אַרום ווי אַ ווונד מיט אַנדערע, קלייניע און נישטיקע מחשבות: עס רעגנט, עס שיינט די זון, ס׳בלאָזט אַ ווינט, ס׳טוט מיר ווי דער פוס, באַלד וועט זיין פרילינג, באַלד וועט זיין זומער — איך טראַכט וועגן פאַרשידענע זאַכן, איך דערמאָן — איך וויל פאַרטרייבן דעם טעמפּן ווייטאָג פון אַ מענטש, וואָס איז געבליבן לעבן. אָבער דאָס העלפט נישט. עס איז אוממעגלעך צו פאַרטרייבן, עס איז אוממעגלעך צו אַנטלויפן. דער טרויער איז אַן ענדגילטיקער. ווי ביי איובן. דער טרויער — איך רוף אים זעלטן ווען אַן ביים נאָמען, איך רעד נישט וועגן אים. מען רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן, ווערט גרינגער, ווערט לייכטער. און איך וויל נישט קיין פאַרלייכטערונג. איך שווייג. זאָל שוין דאָס פאַרבלייבן אין מיר ביז צום סוף. איך ווייס אפילו נישט, ווו עס זענען

קינסטלער שמואל אַקערמאַן

געבוירן אין 1951 אין מונקאַטש (טראַנסקאַרפּאַטן־רוסלאַנד). געענדיקט זיינע לימודים אין דער שולע פאַר מאָנומענטאַלער מאַלעריי אין 1970. עולה־געווען אין יאָר 1973. וווינט אין ירושלים. אויסגעשטעלט דאָס ערשטע מאָל אין לאַנד אין אַ קאָלעקטיווער וואַנדערנדיקער עולים־אויסשטעלונג של״ה.

אַקערמאַנס מאַלעריי באַזירט אויף צוויי עלעמענטן: רעליגיעז־סימבאָלישער באַנעם פון וועלכן ער שעפּט סימבאָלן און מאָטיוון און אַן אַטמאָספער געהילט אין מיסטעריע און ריינקייט פון איין זייט און פון דער אַנדערער זייט אָרנאַמענטן פון פאָלקלאָר פון די קאַרפּאַטן און ליבשאַפט צום דאָרטיקן פּייזאַזש.

דער 23יעריקער קינסטלער געפינט זיך איצט אין אַ צייט פון אומאויפהערלעכע זוכענישן. ער זאָגט וועגן זיך: ״איך דעפינירן מיינע בילדער ווי אַנגעהעריקע צום נעאָ־ראָמאַנטיזם. איך פּרוּוו שאַפן אַ מוזיקאַליש געפיל, אַ האַרמאָנישע וועלט לויט מיין פאַנטאַזיע. טייל מאָל דערפילט איין עלעמענט (בלום) דאָס גאַנצע לייוונט און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָל, אין אַ וועלט פאַר זיך״.

זייערע אַשן. איך ווייס נישט מיט וואָסער טויט זיי זענען אומגעקומען. קיינער האָט מיר דאָס נישט געקענט זאָגן.

איך בין אַלט. און איך שעם זיך, אַז כ'האָב איבערגעלעבט מיינע קליינע אייניקלעך. איך שעם זיך פאַר אַ סך זאַכן.

עמיץ וואָלט פאַר מיר געדאַרפט געפינען אַן אָרט צווישן די רעקוויזיטן פון פאַרגאַנגענע צייטן, אין אַ מוזיי פון אַ חרובער וועלט, פון אַן אונטערגעגאַנגענער וועלט, אין אַ וויטרינע, אין איינער פון אַזעלכע וויטרינעס, ווו מען זאַמלט טויטע פאַרזשאַווערטע איבערלייבענישן פון יענער עפּאָכע, פון מיין עפּאָכע — צווישן די וויטרינעס, ווו עס זענען פאַראַן קאָנטערפעקטן פון פאַרביקע הוזאַרן, פאָרטרעטן פון קיסרים און פעלדמאַרשאַלן — ווען איך בין געבוירן געוואָרן, איז פראַנץ יוסף געווען אַ יונגער מאַנאַרך, און ווען ער איז געשטאָרבן, בין איך שוין אַלט געווען אַ האַלב יאָרהונדערט. איך האָב איבערגעלעבט דרייפוסן און עמיל זאָלאַ, די קיסרין עליזאַבעט, דעם קיסער קאַראַל, דעם מאַרשאַל פּילסודסקי, אויך היטלערן האָב איך איבערגעלעבט. און אויך זיך אַליין. וועמען נאָך וועל איך איבערלעבן?

...עס איז אַ הייסער טאָג, איך וואַרט אויף אַ רעגן. ווען עס וועט אָנהייבן רעגענען, וועל איך וואַרטן אויף אַ זון. אין דער שטאַל הירזשעט מיין פערד. ווען עס וועט אויפהערן רעגענען, וועל איך איינשפּאַנען און איך וועל פאָרן צו דער אַרבעט. כ'בין אַלט אַכצן יאָר, כ'בין אַ פורמאַן, אַ פערד־טרייבער, אַ באַלעגאָלע. אין צען יאָר אַרום וועל איך אַרומפאָרן מיט אַ גלאַנציקער געדעקטער קאַרעטע, מיט פירהענגלעך ביי די פענצטערלעך, דער רעגן וועט פויקן אין דעכל פון מיין קאַלעס, וואָס וועט זיין אינעווייניק אויסגעבעט מיט אַטלאָס און סאַמעט, אויבן וועט זיצן דער סטאַנגרעט, מיט אַ לאַנגער בייטש וועט ער טרייבן די פיר פריצישע פערד מיינע.

מיין גוטע אָרעמע מאַמע קוקט אויף מיר מיט זאָרג. מיין קינד, דו אַרבעטסט אַזוי שווער, און איך בין שוין אַלט, איך קען דיר נישט העלפן, כ'וועל דיר אַרויסזוכן אַ מיידל, אַ באַלעבאַטיש קינד, כ'וועל דיר חתונה מאַכן, אין צווייען וועט אייך זיין לייכטער, איך קען איינע אַזעלכע, אַ יונגע און אומשולדיקע ווי אַ בלום, אַ פרומע, אַ קרעמערס בת יחידה, זי האָט אַ נדן און אַן אויסשטייער, איר וועט אייך מאַכן אַ קרעמל, אין אַ קראָם איז גוט, ווינטער איז וואַרעם, זומער איז קיל, אַנדערש ביסטו פאַרפאַלן אויף תמיד, קיין שום באַלעגאָלע איז נאָך נישט געוואָרן קיין מענטש, אפילו אין בית־המדרש, פאַר גאָט, זיצן די פערד־טרייבערס באַזונדער, ביי דער טיר, וועסט ווערן אַ סוחר, וועסט זיך אַרויפאַרבעטן, וועט מען אויך דיך צולאָזן צו דער מזרח־וואַנט, וועסט זיין צווישן די באַלעבאַטים, נענטער צו גאָט, וועסט ווערן אַ מענטש.

האָב איך טאַקע חתונה געהאַט — נישט מיט דעם קרעמערס טאָכטער, נאָר מיט אַ רייכערער. צו איר פאָטער האָט געהערט דער ערד־וואַקס, וואָס איך פלעג פירן פון דער שאַכט אין דער פאַבריק אַריין, וויפל מאָל מיין פערד פלעגט אַ הירזשע

טאָן ביי דער יאַמע, פלעגט זי אַוועקרוקן דאָס פירהענגל ביים פענצטער און שמייכ־לען צו מיר, אַ בליק האָט זי געהאַט אַ הייסן, אַ צוזאָגעוודיקן, אַ רייכע טאָכטער איז זי געווען, און ביי מיר האָט געפיקט דאָס האַרץ, ווען איך האָב געזען ווי זי שטריקט און העפט און גרייט צו דעם כלה־אויסשטייער און טרוימט מסתמא דערביי וועגן אַ בן מלך. א י ך בין געווען דער דאָזיקער בן־מלך אירער. ווען איך האָב זי צום ערשטן מאָל געצערטלט, האָב איך נאָך געהאַט האַנטפלעכן האַרטע און שאַרסטקע ווי די קאָרע פון אַ סמערעק־בוים, שווערע באַלעגאַלישע הענט האָב איך געהאַט, און זי האָט געטראָגן זיידענע וועש מיט אויסלענדישע שפּיצן, לאַנגע וועש ביז צו די קניען, אַזאַ מאָדע איז דעמלט געווען, און דאָס קלייד האָט איר געגרייכט ביז צו די קנעכלעך — האָב איך זיך פאַרפּלאָנטערט אין די דאָזיקע הער־לעכקייטן, די אויסלענדישע שפּיצן האָב איך צעפּליקט אויף פּיצלעך, אַזוי אומגע־דולדיק בין איך געווען און אַזעלכע פערדישע מאַניערן האָב איך געהאַט. און זי: ריין ווי אַ בלום, לאַנגע ווייס, שוואַרצע אויגן, טרוימענדיקע, כ׳האָב זי באַגערט און כ׳האָב זי געליבט, אַ געצנדינער פאַרליבט אין זיין גאָטעכע. דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען אויף רעדער, אַ סענסאַציע, אַ סקאַנדאַל, אַ מעזאַליאַנס, דאָס רייכע טעכטערל האָט חתונה געהאַט מיט אַ פערד־טרייבער, פון דעם וואַקסענעם טורעם האָט זי אַראָפּגענידערט צום טאָל פון אָרעמקייט, נו, אויב אַזוי, האָב איך פון מיין טאָל געמוזט זיך דערהייבן צו אירע הייכענישן, אַלץ העכער און העכער, בכדי קיינער זאָל נישט קענען לאַכן פון מיר, און אויך פון א י ר זאָל קיינער נישט קענען לאַכן, כ׳האָב געמוזט דעריאָגן, אויסגלייכן זיך מיט אַנדערע, דעריאָגן און איבעריאָגן — איך, דער באַלעגאַלע פון אַ באַלעגאַלישער משפחה, איך, דער בן־מלך פון דער בייטש און פון די לייצן.

די יאַמע מיטן וואַקס איז איצט געווען מיינע, אַנדערע פורמאַנעס האָבן איצט געפירט די שווערע פעטע גרודעס ערד, די באַלעגאַלישע קאַפּאָטע האָב איך אַוועק־געשענקט, אַליין בין איך אַריינגעשפּרינגען אין אַ דריי־פּערטלדיקן ווינער סורדוט. אַ ווייסער שטייפער קראַגן האָט געגלאַנצט אַרום מיין האַלדז — דער גראַף ליובאָ־מירסקי האָט אויך אַזאַ קראַגן געטראָגן.

פאַר מיין שווער און שוויגער בין איך שוין איצט געווען צופרידנשטעליק, אָבער איך אַליין בין נאָך נישט געווען פון זיך צופרידן, די באַלעגאַלישע נשמה האָט זיך געריסן אַלץ העכער און העכער, אַזאַ אַמביציע איז אין מיר געוואַקסן: קענען אַ קוק טאָן אויף דער שטאָט פון אויבן, אויף די מיחוסים שטעטישע, אויף דעם גרויסן לינדענבאום, וואָס איז אַליין אַמאָל געווען נישט מער ווי אַ פאַדריי־אַדטשיק און דערנאָך האָט ער זיך איינגעקויפט איידעמס פון רבנישן הויף אין פּרעשבורג, פון חתם־סופרס הויף. אַ קוק טון פון אויבן אויף איציק קאַרנהאָבער, וואָס איז געווען בירגערמייסטער און האָט זיך קוים געקאָנט אונטערשרייבן...

כ׳האָב געוווּסט: עס וועט נאָך קומען אַ צייט, מ י י ן צייט, ווען איך וועל זיצן ביים טיש מיטן סאַמע גראַף ליובאָמירסקי — איך קען דאָס זעלבע וואָס ער, כ׳קען פּונקט אַזוי ווי ער רייטן אויף אַ פערד, און בראָנפן טרינקען קען איך ווי ער —

אַלע מענטשן זענען אויס דעם זעלבן טייג געקנאָטן, אָבער דערוויַיזן מוז מען עס, און ס׳וועט נישט זיין לייכט, איך ווייס, ווייל ער איז דאָך דער גראַף פון גראַפן און איך בין ליפּע שוצמאַן, אַן אייניקל פון יידישן באַלעגאָלע ליפּע שוצמאַן ז״ל, אויף דעם איז שוין קיין עצה נישטאָ, די וועלט קען מען ענדערן, זיך קען מען ענדערן, אָבער נישט די זיידעס, צוריקדרייען דאָס רעדל פון דער פאַרגאַנגענער געשיכטע קען מען נישט.

אָבער געוווסט האָב איך מייגס: מ י י ן צייט וועט קומען, די קאָרנהאָבערס וועל איך דעריאָגן און איבעריאָגן, אויב כ׳וועל וועלן, וועל איך אַליין ווערן בירגער־מייסטער, אויב איך וועל וועלן, וועל איך די אַלע נגידים אַריינשטעקן אין וועסטל־קעשענע. אָבער פאַר אַלץ אין דער וועלט מוז מען צאָלן — פאַר זאַכן קליינע און פאַר זאַכן גרויסע אוודאי. און מיין שיינע פרוי, וואָס האָט אַראָפּגענידערט צו מיר פון איר גאָלדענעם טורעם — זי האָט עס פאַרשטאַנען, דעמלט, ווען זי האָט אויף מיר געוואַרט אין דעם ווייכן בעט מיט זיידענע און פּוכענע קאָלדרעס, און איך בין געזעסן ביים טיש און שווער געהאָרעוועט, געלערנט זיך די קאָמפּליצירטע קונץ פון קאַליגראַפיע: מען דאַרף זיך קענען אונטערשרייבן, מען דאַרף קענען די שפּראַך פון לאַנד, אין וועלכן מען לעבט און אין וועלכן מען פירט גרויסע געשעפטן — האָב איך דעריבער אַריינגעביסן זיך מיט די ציינער אין די יסודות פון דער דייטשער גראַמאַטיק, דער מאַנד, דעס מאַנדעס, דעם מאַנדע — און די לבנה האָט אַריינגעשיינט דורכן פענצטער, די נאַכט האָט געשמעקט מיט רויזן, מיין שיינע פרוי האָט זיך צוגעוויינט צו שלאָפן אַזוי ווי אין די מיידלשע צייטן, צנועתדיק, אומשולדיק — פאַר אַלץ דאַרף מען צאָלן, מען דאַרף לייענען ווינער בלעטער וואָס זענען געדרוקט מיט גאָטישע אותיות, מען דאַרף וויסן וואָס דאָס איז ערד־וואָקס, וואָס איז דאָס נאַפט־ראָפע, ביי וויפל גראַד זידט זי, וויפל צאָלט מען פאַר אַ פעסל נאַפט אין לאָנדאָן און וויפל אין בערלין, די ענגלישע שפּראַך איז אויסטערליש פרעמד, אָבער מען דאַרף זי קענען, די געשעפטן פאַרלאַנגען עס, אַלץ איז שווער, אָבער אַלץ קען מען דערגרייכן, אַלץ מ ו ז מען דערגרייכן.

איינמאָל זענען מיר געפאָרן אויף אַ באַל לכבוד דעם עסטרייכישן טראָן־פאָלגער, לכבוד דעם ערץ־פירשט פערדינאַנד, גענעראַלן האָבן געקושט די ווייסע הענט פון מיין פרוי, איין מאָל איז דער קיסר געקומען און ער האָט אַ גלעט געטאָן אירע ראָזעווע בעקעלעך, זי איז זייט דעמלט שענער געוואָרן, די צייט האָט זי געמאַכט איידעלער, זי איז געוואָרן אַ דאַמע, טיילמאָל פלעגט זי לייענען ראָמאַנען. דאָס געלט האָט זיך געמערט, און צוזאַמען מיטן געלט איז געוואַקסן דער כבוד, די אָנערקענונג — אָפענע טויערן, אָפענע טירן.

— הער שוצמאַן — האָט צו מיר געזאָגט זיין עקסצעלענס, דער קייסערלעך־קעניגלעכער שטעלפאַרטרעטער אויף גאַליציע — מיר דערשעצן אייער טעטיקייט און פאַרדינסטן פאַר דער ווירטשאַפט פון דער מאָנאַרכיע, אייער חכמה, אייער דערפאַרונג. איך וועל וועגן דעם איבערגעבן אַ ראַפּאָרט דעם אַלערליכטיקסטן קיסר.

אַזוי האָט צו מיר געזאָגט דער גראַף מנישעק־טכוזשניצקי, דערלאַנגענדיק מיר אַ בעכער ווײַן, און געווען איז עס אין גובערנאַלן פּאַלאַץ אין לעמבערג.

און אין דרײַסיק יאָר שפּעטער אין דעם זעלבן זאַל האָט דער פּוילישער וואָיע־וואָדע געדריקט מיך צום האַרץ:

— איך האָב געהאַלטן פאַר פאַסיק פּערזענלעך צו אינפאָרמירן דעם פּרעמיער־מיניסטער וועגן אײַערע פאַרדינסטן פאַר דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט פון דער פּוילישער רעפּובליק. דאָס פאַטערלאַנד וועט אײַך דאָס נישט פאַרגעסן, פּאַניע שוצמאַן קאַכאַני. איך בין אַרויסגעטראָטן וועגן אַ גילדענעם פאַרדינסט־קרייץ פאַר דיר.

אין דעם זעלבן טאָג, בײַ אַ שוואַרצער קאַווע, רויכנדיק אַ קובע־ציגאַר, שוין נישט אָפיציעל, נאָר אינטים, פרײַנטלעך און אויפן אויער:

— ס׳איז פאַר מיר אַ כבוד, פּאַניע דאַבראַדזשעיו, אויף דײַן פרײַנטשאַפט צו פאַרדינען, טײַערער פּאַניע שוצמאַן, און דאַך בעט איך דיך, באַוויליק צו פאַרשטיין די נישט־באַקוועמלעכקייט פון געוויסע סיטואַציעס, איך בין דיר, ברודער, פרײַנט־לעך פון גאַנצן האַרצן און איך ראָט דיר גוט: וואָלסט געענדערט דעם נאָמען, וואָלסט זיך געלאָזט בײַ וועלכן גלח באַשפּרענקלען, נישט קיין סך, אַ ביסעלע, וואָלסט מיר דערמיט אַ גרויסע טובה געטאָן, טײַערער פּאַניע שוצמאַן, ס׳וואָלט אַלץ לײַכ־טער געוואָרן...

אַזוי האָט ער געזאָגט, דער וואָיעוואָדע, מיט טרערן אין די אויגן האָט ער געבעטן, פון גאַנצן האַרץ, מיט דער פּוילישער אויפריכטיקייט, און איך האָב אים דעמלט געענטפערט, אַז —

— אַלץ איז אַ צופעליקייט, פּאַניע וואָיעוואָדאַ, אַ ייִד, אַ פּאָליאַק, אַ טערק, אמשווערסטן איז צו זײַן אַ מענטש, דעריבער זאָל שוין זײַן אַזוי ווי עס איז, אַזוי איז מײַן פירמע, ליפּע שוצמאַן, עס פּאַסט נישט צו אַנטלויפן פון אייגענעם שטאַם, ס׳איז נישט האָנאָראָווע, אַ מענטש דאַרף זיך נישט אָפּזאָגן פון אייגענעם נאָמען, איך האָב דאָס געזען אין אַכצנטן יאָר, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער פרידן און ווען פּוילן איז אַנטשטאַנען: איינער איז צוגעגאַנגען צו אַ ייִד — ווי הייסטו, מאַשעק ? און דער ייִד האָט געהייסן נפתלי. האָט ער אים דערלאַנגט אין די צײַנער, ווייל ער האָט געהייסן נפתלי. דער צווייטער ייִד האָט געהייסן הענריק, האָט מען אים צעקיילט דאָס פּנים, ווייל ער האָט געהייסן הענריק. זאָל שוין בלײַבן אַזוי ווי עס איז, פון זיך אַליין קען מען נישט אַנטלויפן.

און ס׳איז געבליבן ליפּע שוצמאַן.

שבת אין דער פרי פלעג איך גיין אין שול אַרײַן, ווי אַלע ייִדן, און פרײַטיק פלעג מײַן קאַסירער זיצן בײַ אַ טישל לעבן דער טיר און פאַרטיילן נדבות: אַ ייִד, נישט אַ ייִד, אַ קריסט, יעדע אויסגעצויגענע האַנט דאַרף מען דערזען, אָרעמקייט האָט נישט קיין נאַציאָנאַליטעט.

יאָרן זענען געלאָפן. קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, איך האָב זיך געעלטערט, כאָטש איך האָב זיך געמאַכט, אַז איך ווייס נישט דערפון. מײַן שיינע בלום, די פרוי

מיינע, האָט אָנגעהויבן וועלקן, די וועלט האָט זיך געענדערט, זי איז ביליקער געוואָרן, זי האָט פאַרלוירן פון איר אַמאָליקער פּראַכט און פון איר אַמאָליקן כבוד, די קאַנדעלאַבערס האָבן שוין נישט געשיינט אַזוי ליכטיק ווי אַמאָל.

און ביי מיר איז נאָך אַלץ געווען אַ מאָדנע אַלטע יונגשאַפט, אַן עקשנותדיקע, אומרויקע. זי האָט אין מיר געקאָכט, זי איז אין מיר געווען גיריק, נישט צו זעטיקן. אָבער וועגן דעם האָט קיינער נישט געוווּסט — אפשר האָט געוווּסט בלויז די אייג־ציקע מויד, וועלכע איך האָב אויף דער עלטער ליב באַקומען — אויך היינט האָב איך זי נאָך אַ ביסל ליב, זי איז געווען יינגער פון מיר מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט, היינט דאַכט זיך מיר, אַז דער דאָזיקער אונטערשייד, דער דאָזיקער אָפּגרונט איז נאָך גרעסער. זי איז געווען דער פרילינג און דער האַרבסט האָט זיך אינעם פרילינג פאַרליבט, איך בין געווען דער האַרבסט, איך בין געווען דער ווינטער. זי איז געווען מיינע און איך בין געווען שטאָלץ מיט איר, זי האָט מיר געשענקט איר יונגקייט, איר אומשולד און אויך די אויסגעלאַסנקייט אירע, די אויסגעלאַסנקייט פון דער יונגער עפּאָכע. יאָ, זי איז מיט מיר ביז היינט, תמיד מיט מיר ווי אַ גאָט. אויך היינט איז זי נאָך יונג. און ווען איך זוך מיינע אייגענע יוגנט, געפין איך זי, אירע ברוסטן, אירע אָרעמס, איר לייב, איר אָטעם און איך פיל זיך אַלץ מער פאַרשעמט, ווייל עס זענען פאַראַן צייטן און סיטואַציעס, ווען דער מענטש שעמט זיך מיט דער אייגענער אַלטקייט, ווי זי וואָלט געווען אַ פאַרברעכן אָדער אַ נעבעכדיקער מום. הייב איך אָן אַריינטראַכטן, איך פרעג זיך אַן ווערטער, איך פרעג זיך צי איר איז גוט געווען ביי מיין זייט, איך פרעג צי עס איז זייער שווער געווען צו באַהערשן דעם דאָזיקן עקל, וואָס יעדער יונגער מענטש פילט אין אַ געוויסער מאָס אין אָנבליק פון עמעצנס אַלטקייט.

טייל מאָל אַנטלויף איך צו דער פאַרגאַנגענער פּרעכטיקייט. מיינע שאַכטן, מיינע הייזער, אַקציעס, פאַבריקן — שוים. פּאָזיטיוויסטישע טעטיקייט לטובת די אָרעמע לייט.

איין מאָל זענען צו מיר געקומען עטלעכע יונגע לייט, אַ דעלעגאַציע. דאָס איז געווען באַלד נאָך דער מפּלה פון דער מאָנאַרכיע, ווען עס האָט זיך געשאַפן פּוילן.

— פּאַניע שוצמאַן — האָט געזאָגט איינער פון זיי — מען שלאָגט יידן, פון דעם הייבן זיי אָן זייער הערשאַפט, פון דעם הייבן זיי אָן די אומאָפּהענגיקייט, דאָ איז פאַר אונדז נישט פאַראַן קיין קעגנוואַרט, דאָ איז קיין צוקונפט נישט פאַראַן, איר מוזט עפּעס טאָן, איר מוזט צושטיין צו דער באַוועגונג.

— צו וואָסער באַוועגונג ? — האָב איך געפרעגט.

— צו דער ציוניסטישער. צו דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

איך האָב געפרעגט וויפל איך דאַרף געבן. און געגעבן האָב איך צען מאָל אַזויפיל, וויפל זיי האָבן פאַרלאַנגט.

— אָבער מיר ווילן, אַז אויך איר זאָלט פאָרן, דאָס לאַנד וואַרט דאָרט אויף אייך.

זען דאָס דאָזיקע לאַנד בין איך געפאָרן ערשט צען יאָר שפּעטער. קיינער

האָט דאָרט אויף מיר נישט געוואַרט, אָבער איך האָב געריטן אויפן הויקער פון אַ קעמל, כ'האָב געזען דעם זון־אויפגאַנג אין מדבר, רחל'ס קברביים וועג קיין בית־לחם און דעם כותל המערבי. אהאַ, אין ירושלים האָב איך באַגעגנט יענעם יונגן מענטש, וועלכער האָט געזאָגט, אַז דאָס לאַנד וואַרט אויף מיר. ער איז געווען אויסגעמאָגערט, פאַרשוואַרצט, ער האָט אויסגעזען צו זיין הונגעריק. מיר זענען אַריין אין אַ ספרדישן רעסטאָראַן. ביים עסן האָב איך אים געפרעגט, וואָס דאָ איז פאַראַן.

— אַלץ איז פאַראַן — האָט ער געענטפערט — דאָס איז אַ לאַנד פון מילך און האָניק.

— ווו איז דאָס אַלץ? איך זע דאָ נישט קיין מילך און איך זע נישט קיין האָניק. נאַפט איז פאַראַן? קוילן? אייזן? האָלץ?

— ניין, דאָס איז נישט פאַראַן, אָבער אַלץ אַנדערע איז דאָ.

— און תבואה? ברויט?

— תבואה איז דערוויל פאַראַן ווייניק, אָבער עס וועט זיין. די קיבוצים וועלן שוין זאָרגן ס'זאָל זיין.

נו, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד איז אַ באָבע־מעשה, עמיץ האָט דאָס אויסגעטראַכט אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט, ווען עס האָבן אים ווי געטאָן די ציינער. אפילו קיין וואַסער איז דאָרט ניט געווען צו דער זעט. דערפאַר האָבן די ענגלענדער געבויט זייער שיינע געביידעלעך פאַר דער פּאָליציי און אויף קרימינאַלן.

— ביסט, דאַכט זיך, געפאָרן אין אַ קיבוץ. ווו איז דער קיבוץ דיינער?

ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער קיבוץ איז יאָ פאַראַן און ער איז נישט פאַראַן. דאָס הייסט דער קיבוץ איז קיבוץ, נאָר קיין ערד האָט מען זיי נאָך נישט צוגעטיילט.

— דו אַרבעטסט?

יאָ, ער האָט געאַרבעט, אַראָפּגעריסן די פּרוכטן אין אַ פּרדס, אָבער היינט זענען געקומען אַ סך אַראַבער אויפן מאַרק, האָט מען אים היינט צו דער אַרבעט נישט גענומען.

— וועגן וואָסער מאַרק רעדסטו? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען — דאָ איז נאָך פאַראַן אַ שקלאַפן־מאַרק?

ער האָט מיר אויפגעקלערט, אַז דאָס איז אַן אַרבעטס־מאַרק. בין איך אויך צוגעגאַנגען צום דאָזיקן מאַרק און איך האָב דאָרט געזען יידן מיט טריפענע געזיכטער, זיי האָבן אַרומגעטאַפּט די מוסקלען ביי יידישע יינגלעך, צו דער אַרבעט האָבן זיי גענומען אַראַבער.

— ווילסט צוריק קיין פּוילן? — האָב איך געפרעגט מיין באַגלייטער — אויב ווילסט, וועל איך דיך מיטנעמען, כ'וועל דיר קויפן אַ רייזע־בילעט און וועסט פאָרן. האָסט דאָ נישט וואָס צו זוכן, דאָס איז נישט קיין לאַנד.

ער אָבער איז געווען קליגער, ער האָט פאַרגעזן דאָס, וואָס איך האָב נישט פאַרגעזן, ער האָט נישט געוואָלט צוריקפאָרן.

— דאָס איז אונדזער לאַנד — האָט ער געזאָגט — און איר וועט נאָך אַ מאָל אַלע אַהערקומען.

— און די דאָזיקע חברה׳לייט מיט די ווייסע פּאַטשיילעס אויפן קאָפּ?

— דאָס זענען אונדזערע ברידער, די אַראַבער.

— זייער גוט — האָב איך זיך צעלאַכט — דאָס וויכטיקסטע איז, אַז אַ מענטש זאָל זיין צווישן ברידער. און וואָס זענען די טורעמלעך, וואָס איך האָב געזען אין גליל? עטלעכע נעבעכדיקע באַראַקן און אַ טורעמל, ווי ביי די פּייערלעשערס אין אַ פּוילישן דאָרף. וואָס איז דאָס?

האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס זענען אָבסערוואַציע־פּונקטן, טייל מאָל טרעפט, אַז די אַראַבער באַפאַלן אַ קיבוץ, זיי פּרוּוון טייל מאָל מאַכן אַ קליינעם פּאָגראָם, אָבער דאָס וועט זיך אַמאָל ענדיקן, די אַראַבער וועלן זיך איבערצייגן, אַז מיר זענען איין משפחה, מיט געדולד קען מען אַ סך דערגרייכן.

איך בין צוריקגעקומען אַהיים, צו מיינע קינדער און צו מיינע געשעפטן. אין צען יאָר אַרום, אין 39סטן זענען אַריין די רוסן. איינער אַ ספּעציאַליסט פון פאָלק־שונאים, איז באַלד געוואָרן געוווירע געוואָרן, אַז איך בין געווען אין פּאַלעסטינע און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז איך בין אַן אינטערנאַציאָנאַלער ציוניסט און אַ בריטישער שפּיאָן, ווייל אויך קיין לאָנדאָן פלעג איך טייל מאָל פאָרן רעפּרע־זענטירן דעם פּוילישן קאַפּיטאַל, איך בין געווען אַ בורזשוי, כ׳האָב געטרונקען דאָס בלוט פון אַרבעטער־קלאַס און כ׳האָב פאַראַטן די אינטערעסן פון פּראָלע־טאַריאַט. געלייקנט האָב איך נישט. איך בין דעמאָלט אַלט געווען זיבן און זיבעציק יאָר, און אין אַ געוויסער ווינטער־נאַכט האָט מען מיך אַרויסגעוואָרפן פון מיין דירה. מיין ערשטע פרוי האָט שוין דעמלט נישט געלעבט. כ׳האָב שוין דעמלט געהאַט מיין צווייטע, די יונגע און שיינע. מיר האָבן געדונגען אַ קליין צימערל ביי אַ משפּחה. ס׳האָט זיך געענדיקט די צייט פון גרויסקייט, שוין נישט געווען קיין נאַפט־שאַכטעס, קיין אַקציעס, קיין באַנקן, קאָנפערענצן, גאַלאַ־אויפנאַמעס. אַלץ איז איינגעזונקען געוואָרן — די וועלט האָט מען פאַרמאַכט, פאַרשלאָגן מיט הויכע ברעטער. כ׳פלעג אויפשטיין פאַרטאָג, אַוועקשטעלן זיך אין דער ריי, וואָס איז געווען אַ קילאָמעטער לאַנג, און מיטאָג־צייט פלעג איך קומען מיט אַ הייס קיילעכדיק ברייטל, מיין יונגע שיינע פלעגט זיך וועקן פון שלאָף אַ טריבע און אומעטיקע, אין די ווינקלען פון צימער האָט געהוליעט די קעלט, איר געדענקט סאַראַ קאַלטער ווינטער עס איז אין יענעם יאָר געווען, עס האָבן זיך אויף אונדז געעפנט די טויערן פון סיביר.

די באַלעבאָסטע, ביי וועלכער מיר האָבן געוווינט, איז געווען אַ טרעפערקע, זי האָט יעדן טאָג געוואָרפן קאָרטן און פאָרויסגעזאָגט, אַז אין גיכן וועט די וועלט אונטערגיין, זי האָט געוווּסט וואָס זי זאָגט, א ו נ ד ז ע ר וועלט האָט טאַקע געהאַלטן ביים אונטערגיין. דערווייל זענען אַלע געוואָרן חברים, אַלע זענען געוואָרן ברידער,

אַלע אחוץ מיר, ווייל איך בין געווען אַן אַלטער בלוט־זויגער, אַ שונא פון פאָלק. פון קיעוו איז געקומען אַ וואָזשנער פּאַרטיי־מענטש און האָט זיך אַרייַנגעקליבן אין מיין הויז. די פּיס האָט ער געוואַשן אין דער קלאָזעט־מושלע און אויסגעלערט האָט ער זיך אין בידעט — דער בורזשואַזער לוקסוס איז נישט געווען באַקאַנט אין לאַנד פון דער זיגרייכער רעוואָלוציע, וועגן דעם דאַרף מען נישט האָבן קיין פּרעטענזיעס צו קיינעם.

מיין שיינע יונגע האָט צוזאַמענגעפּאַקט צוויי זעקלעך מיט וועש און מיט געטרוקנט ברויט, ווייל מען האָט שוין אָנגעהויבן רעדן וועגן סיביר. און דערווייל איז דער פרילינג אָנגעקומען ביי די קלאַנגען פון קאָמסאָמאָלישע געזאַנגען. ווען די ווינשל־ביימער האָבן זיך צעבליט, האָט מען אונדז ביינאַכט אַרויסגעצויגן פון די בעטן און פאַרלאָדנט אין אַ וואַגאָן. צוויי וואָכן זענען מיר געפאָרן אין אַ צוג פאַר חזירים, אויסגעלאָדנט האָט מען אונדז אין קאַזאַכסטאַן. ס'איז געווען וואַרעם און עקזאָטיש, מיר האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויפן גראָז, נישט ביי דער סאַמע סטאַציע, נאָר אַ ביסל ווייטער, דאָרט ווו עס פלעגן זיך פאַרהאַלטן די טראַנס־פּאָרטן פון פאַרשיקטע. ס'האָט געשטינקען פון די עקסקרעמענטן, ווייל טויזנטער פאָלקס־שונאים, מענער און פרויען האָבן דאָרט דערלעדיקט זייערע נאַטירלעכע באַדערפעניש. לעבן מיר האָט אַן אַלטער פּאָלאַק געפרעגט, פאַר וואָס מענטשן זענען די צוממייסטן שטינקעדיקע באַשעפענישן אויף דער וועלט. מיר האָבן אַראָפּ־געלאָזט די הויזן און געגומען פאַרטיליקן דאָס אומגעציפער. די לייז זענען געווען געראָטענע, גרויסע, אָנגעזאַפּטע מיט אונדזער פיינטלעך בלוט.

און איצט בין איך דאָ. איך זיץ אויף דער באַנק אין גרינעם שפּאַציר־גאָרטן, טייל מאָל גיי איך צום ים, דאָרט ווו עס איז שטיל, בלויז די כוואַליעס רוישן, ווו עס שטופּן זיך נישט קיין מענטשן. דער ים איז ווי די וועלט גרויס — זינגענדיק, טיילמאָל רוגזדיק. כוואַליעס שווימען, כוואַליעס גריוועדיקע. איך בין די כוואַליע, איך בין דער שוים פון ים, איך בין אַ שטיקל האָלץ, וואָס זיי וואַרפן אַרויס אויפן ברעג, אַ טרוקענע צווייג — ווו איז געוואַקסן די צווייג, ווו איז געוואַקסן דער בוים? ווו האָט דער בוים געבליט מיט צענדליקער יאָרן צוריק? צו וואָס האָט ער געבליט, צו וואָס האָט ער פּרוכטן אַרויסגעגעבן? מען דאַרף נישט שטעלן קיין נישט זאַכלעכע שאלות וועגן דער סיבה און וועגן ציל, וועגן אָנהייב און וועגן סוף — דאָס קען דעם מענטשן דערפירן צו משוגעת.

— מיר גיבן דיר אַ שאַנס — האָט געזאָגט צו מיר אַ מענטש אין אוזבע־קיסטאַן — דו ביסט טאַקע אַ שונא, אָבער מיר זענען פאַרנונפטיק, טו עפּעס, וואָס זאָל זיין נוצלעך.

— וואָס איז נוצלעך? — האָב איך געפרעגט, טראַכטנדיק וועגן עבר, וועגן מיין באַלעגאָליש פערדל, וועגן וואַקס און באַפּט, וועגן דעם יתומים־הויז וואָס מיין ערשטע פרוי האָט אויפגעבויט, וועגן צדקה, וועגן טראַנזאַקציעס און בערזעס, וועגן מיין יונגער שיינער, מיט וועלכער איך האָב חתונה געהאַט בכדי צו פאַרטרייבן די גרויסע איינזאַמקייט פון דער עלטער.

— גוצלעך איז צו פּאַשען שאָף — האָט געזאָגט דער אוזבעק — אַקערן די ערד, זייען הירזש אָדער פאַריכטן שטיוול צעריסענע, בכדי מענטשן זאָלן נישט אַרומגיין באָרוועס.

זייער שיין האָט ער דאָס געזאָגט.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין שאָטן פון ליימענעם שטיבל און איך האָב געגלעטעט שיך, איך האָב געוויקסט אַלטע שטיקלעך לעדער, זיי זאָלן זיין ווייך, כ'האָב צוזאַמענגעדרייט די דראָטווע און געניייט, אַריינגעשלאָגן פלעקלעך, כ'האָב געגלעטעט די לעכערדיקע צעריסענע ווירקלעכקייט.

פּאַוואָליע, טאָג נאָך טאָג האָב איך אָנגעהויבן אַלץ מער דערפילן דעם גייעם טעם פון צופרידנקייט און גליק. דאָס גליק איז געלעגן אויפן דנאָ פון דער שיסל, אָן אַנדערט מאָל האָט עס געשטעקט אין דעם פּענעץ פון נישט דערבאַקענעם קלעבעדיקן ברויט. און ביי נאַכט האָב איך געחלומט מיין פאַרגאַנגען לעבן, שטעט אין וועלכע איך בין אַמאָל געווען, מענטשן וואָס כ'האָב געקאָנט אַמאָל; פרויען וואָס האָבן אַמאָל געוועקט אין מיר וואַרעמע געפילן, כ'האָב געחלומט וועגן מיין אַמאָליקער פרייהייט, וועגן אַמאָליקן כוח — דאָס אַלץ איז שוין פאַרביי, נעלם געוואָרן — אַ בוך, וואָס זיינע בלעטער זענען שוין געל געוואָרן פון אַלטקייט און דאָך רופן זיי נאָך אַרויס אינגערלעכע געררירטקייט.

און אַזוי איז פאַרבליבן ביז היינט. איך בין אַלט דריי און אַכציק יאָר. זי, מיין שיינע איז נאָך אַלץ העלדיש לעבן מיר. מיר זענען אין אַ זקנים־הויז, זי אַרבעט דאָ, זי איז דאָ אַ קעכין און איך... זי ליידט אויף שלאָפלאָזיקייט. אויך איך שלאָף ווייניק. מיר קוקן אויף זיך, אָדער אויפן באַלקן אָדער אין אַ פענצטער — שווייגנ־דיק. מיר האָבן שוין נישט וועגן וואָס צו דערציילן איינער דעם צווייטן, מיר האָבן נישט וועגן וואָס צו רעדן. ווען איך בין אַלט געווען זיבעציק, איז זי אַלט געווען צוואָנציק. היינט בין איך עלטער פון איר מיט אַ גאַנץ יאָרהונדערט. ווען איך וועל שטאַרבן, וועט זי זיין פריי — עס קומט איר. אָבער ווען וועל איך שטאַרבן? דאָס, וואָס איז פאַר איר אַן אויסזיכט צו ווערן באַפרייט, דאָס וועקט אין מיר אַן אויס־טערלישן פּחד. איך וויל נישט שטאַרבן, כ'האָב מורא פאַרן טויט. טייל מאָל וועקט מיך פון שלאָף מיין אייגן געשריי, כסדר חלומט זיך מיר, אַז איך בין שוין נישטאָ.

איין מאָל — און דאָס איז געווען אין וואָר און נישט אין אַ חלום — האָב איך געפונען אויפן הויף אַ בויגן פּאַפּיר, דאָס איז געווען אַ פלאַנירונגס־פאָרמולאָר, וועלכן דער לייטער פון זקנים־הויז האָט געדאַרפט אויספילן, בכדי צו באַקומען דעם בודזשעט אויפן קומענדיקן יאָר. אין די קעסטעלעך האָט מען געדאַרפט אַריינשטעלן פאַרשידענע ציפערן: וויפיל זקנים עס זענען דאָ פאַראַן, ווי אַלט זיי זענען, און אויך די פאַרגעזעענע שטערבלעכקייט זייערע אין קומענדיקן יאָר. מסתמא האָט מען דאָ אויך מיך געמיינט.

איך האָב זיך אויסגעלערנט זיין אַליין צווישן מענטשן. לעבן דער פרוי — איך האָב זי מיר געקויפט אין די יאָרן פון גרויסקייט. היינט איז זי מיר פרעמד: אַ מאַרטירערין איז זי.

איינזאַמקייט. זי איז אַזוי גרויס, אַז אַ דאַנק איר פיל איך, אַז אויך איך בין גרויס. איך בין אַ גיבור, אַז איך קען זי טראָגן אין זיך, זי איז ווי אַ שווערער פעלדז און איך היט זי אָפּ, איך וויל נישט זי זאָל זיין קלענער.

טיילמאָל זע איך דעם בריווטרעגער, וואָס גייט אַריין מיט דער פּאָסט אין דער קאַנצעלריי פון זקנים־הויז — דעמלט טרעפט, אַז דאָס האַרץ הייבט אָן קלאַפּן אומ־אומרויקער: אפשר איז דאָס נישט אמת, אַז מיינע זון זענען אומגעקומען, אפשר לעבן זיי, אפשר וועט אין אַ געוויסן טאָג קומען אַ ידיעה פון זיי, אַ בריוו. כ׳וועל אים לאַנג וועגן אין דער האַנט, און איידער איך וועל אים עפענען, וועל איך דעם קאַנווערט צודריקן צו די ליפּן... אפשר וועט צו מיר שרייבן אַ בריוו יענער יונגער מענטש, וואָס איך האָב מיט אים אַמאָל שפּאַצירט איבער די געסלעך פון ירושלים, און ער וועט מיך פרעגן צי איך בין שוין גרייט צו פאָרן קיין ארץ ישראל?

קיינער וועט נישט אָנשרייבן. אויף אַלץ איז שוין צו שפּעט. און: צו וועמען וואָלט אַזאַ בריוו דערגרייכט? דער אַדרעסאַט איז שוין נישט פאַראַן, ער איז שוין נישט מער ווי אַ שאָטן, ווי זיין אייגענער שאָטן.

עס איז פאַראַן אַרום דעם דאָזיקן זקנים־הויז אַ קליינינקער סקווער: אַ פאַר־טרוקנטער פלידער־קוסט, עטלעכע דאַליעס, וועלכע וועלן אפשר אויפבליען אין האַרבסט, לעבן די דאַליעס האָט עמיץ פאַרזייט אַ ביסל פּעטרישקע. צווישן די דאַליעס און דער פּעטרישקע גייט אויף דאָס ווילדגראָז, בוזשאָן און קראָפּיווע. יעדן טאָג, גאַנץ פרי, נאָך איידער די זון גייט אויף, ווען די שיינע פרוי שלאָפט נאָך, גנבעט זיך אַרויס פון צימער דער אַלטער מאַן, ער באַוועגט זיך פאַרזיכטיק בכדי קיינעם נישט אויפצוועקן, דורך דעם הויף וואָס איז פאַרוואָרפן מיט פּאַפּיר־לעך, גייט ער צו צו דעם סקווער. ער שטעקט אַרויף די ברילן אויף דער נאָז און נעמט אַרויסרייסן די ווילדע גרעזער, וואָס זענען נאָך דעם רעגן אויפגעוואַקסן. ער טוט עס סיסטעמאַטיש, יעדן אין דער פרי, כאָטש ער ווייסט, אַז דאָס איז סיזיפוס אַרבעט, דער דאָזיקער סקווער וועט שוין תמיד זיין פאַרוואַקסן, דער הויף וועט תמיד זיין שמוציק און תמיד וועט שוין זיין אומעטיק דאָס דאָזיקע הויז פון אָרעמע זקנים, וואָס זייערע אויגן זענען געוואָנדן צום עבר.

די יידישע שרייבער־גרופּע און די רעדאַקציע פון "ירושלימער אַלמאַנאַך" דריקן אויס טיפסטן מיטגעפיל דעם שרייבער לייזער פּאָדריאַטשיק בשייכות מיטן פריצייטיקן און טראַגישן טויט פון זיין פרוי, דער באַ־קאַנטער יידישער און העברעישער וואָרט־קינסטלערין דינה רויטקאָפּ ז״ל.

עליעווערבלון

אויף די סטרונעס פון הארץ

א

ווי עס בייטן זיך די טעג!
ווי עס זאַמלען זיך די יאָרן!
כאָטש איך האָב זיי ניט געבעטן
זיינען זיי מיר אָנגעפאָרן!

ווּהין זיי ברענגען
אָט די יאָרן ענגע?
צו מיין ענד זיי פירן —
וואָס קען איך פאַרלירן?

ב

כ׳בין געגאַנגען מיין וועג ווי געווינלעך,
פאַרטאָן אין דעם האַרבסטיקן טאָג,
ווי די וואָלקנס האָבן פאַרשלונגען מיין הילך;
ווי די גרויקייט שווערט מיט איר וואָג;

איז זי אַרויס מיר אַנטקעגן,
פאַרשטעלט מיר מיין האַרבסט
און אַלע מיינע וועגן
מיט דער בייזער כמאַרע פון איר האַרץ —...
ניט געריכט האָב איך זיך אויף די נעגל...

ג

ס׳איז מיין וועלט אין אונטערגאַנג,
און דאַך, און דאַך — אַ מזמור אַ געזאַנג!
פלוידערסט מיטן ווינטערדיקן ווינט,
ווייל ניט פאַראַן אַרום קיין מענטשן־קינד.
און ביי נאַכט האָסט ליב צו הערן
ווי עס שווייגן, ווי עס שוויגן שטערן.

גאָט, מיין גאָט, אַזעלכע גרויסע וועלטן
און אַזוי שטיל...
קוים זיי צו דערהערן!

ד

די קוואַלן פון געפילן
לאָז זיי לויפן
פריי און הפקרדיק און רוישיק
אויף צעפּיקעניש די טעג
די שווערע,
וואָס שטעלן זיך אין וועג,
ווי אימהדיקע בערג!

ה

ווי גלוסט זיך אָפּט אַ שפּיי־טאָן טיף אין קאָסמאָס
דורך אַלע שטערן־וועלטן
ביז צום ווייטסטן הימל־דנאָ —

זאָל דאָרט פאַלן די פאַראַכטונג
פון מיין קליינקייט אויסגעלאַכטער.

*

דוד־הירש ראָסקעס

די באָסטאָנער

שבת פּרשת זכור איז געווען אַ מוראדיק קאַלטער טאָג. מע קען ניט זאָגן, אַז חברה איז אויפגעשטאַנען כעלות צו דינען דעם בורא. ערשטנס, ווייל שבת דאַווענט מען ערשט 10:30, און צווייטנס, ווייל אין שטוב איז וואַרעם און אין דרויסן — ניט. אמת, צום בית־מדרש איז ניט ווייט, גאַרניט ווייט. אָבער וואָס דאַרף מען זיך איילן? און אַז דער בעל־תפילה האָט ניט איין מאָל זיך פאַרשפּעטיקט און מ'האָט געמוזט אָנהייבן אָן אים, איז וואָס זשע? און אויב אין אַ וואָכעדיקן שבת קען אַזוינס זיך טרעפן, אַ פשיטא שוין שבת זכור, ווען עס קומען אָן געסט פון אומעטום לכבוד פּורים. פריייטיק־צו־נאַכטס איז מען דאָך געהאַט אָפּגעזעסן ביז שפּעט; זיך אָנגעהערט מיט תורה און מיט ניי־געשאַפענע ניגונים. נאָך אַ מינוט. עס ברענט ניט.

נאָר איינער, מוני מיט דער באַלאַלייקע, דרייט זיך אַרום אויף דער ברייטער מאַסאַטשוסעטסער עוועניו. צוליבן פראָסט איז ניטאָ וועמען אָפּצושטעלן אויף דער גאַס און פון האַרוואַרד סקווער איז פאַלג מיך אַ גאַנג. שפּעטער וועט ער וויסן, אַז מע קען מאַכן אַ קפיצת־הדרך דורכן איינקויף־צענטער און אַרויסקומען אויף דער צענטראַלער גאַס. אָבער דערווייל שלעפּט ער זיך נעבעך מיט דער באַלאַלייקע און דעם רוקזאַק און זוכט דעם אַדרעס: הונדערט דרייצן גאַס פונעם הייליקן גואל.

ביז וואָס־ווען איז שוין צען אַזייגער. סוף־כל־סוף דערקענט מוני די באַשיים־פּערלעכע סימנים פונעם אָרט — אויף יעדן טריט און שריט אַן אַנדער קלויסטער. באַבטיסטן פאַניבראַטעווען מיט מעטאָדיסטן און קריסטלעכע וויסנשאַפטלער מיט די פּשוטע, טאָגטעגלעכע קאַטאָליקן. און אַ טעמפּל פון די פריימאַערס איז אויך פאַראַנען. בלויז עפּיסקאָפּאַליערס פעלן דאָ אויס, ווייל צווישן שענק און פיצע־רעסטאָראַנען וועלן זיי זיך נישט געפינען.

מוני דערזעט אַ גרויס, דריי־גאָרנדיק הילצערן הויז אויסגעמאָלן געל מיט רויטע לאַדנס אויף די פענצטער, אַ גאָלדענע מזוזה אין אַ וואַלד מיט צלמים.

ער עפנט די טיר און גייט אַריין. לעבן רוקזאַק שטעלט ער פאַרזיכטיק אַוועק די באַלאַלייקע, טוט אויס דאָס לאַפּנהיטל, די יאַקע און די אָפּגעפרוירענע שטיוול. פון אינעווייניק הערט זיך ניט קיין פּיפּס.

אויפן דיל פון דאַוון־חדר ליגן אָנגעוואָרפענע קישנס. אַ ווייס געקאַלכטער צימער, אָן באַפּוצונגען. אַלץ איז דאָ ווי אין דער פאָטאָגראַפיע, וואָס מוני האָט בשעתו געזען אינעם יידישן סטודענטישן אַלמאַנאַך פון יאָר תשל״א: אויף דער מזרח־וואַנט אַ קויש — דער ארון־קודש; אַ נר־תמיד אין אַ ווייערעך־פּושקע וואָס

הענגט אויף אַ שטריקל און אינעווייניק זעט זיך ניט קיין ליכט. דער איינציקער חילוק איז, וואָס אינעם בילד זענען די קישנס געווען אויסגעלייגט שיין, אין אַ סדר.

מוני זעצט זיך אַוועק אויף אַ ליאַדע קישן און פאַרטראַכט זיך וועגן די לעצטע פּאָר טעג: וועגן דער געזעגעניש מיט הירש הערצבערגן אין דער בראָנקס, וועגן ליבעלען דער ווייטער קרובה און דער עיקר וועגן די ליובאַוויטשער חסידים אין דער באַן פאַרנדיק אַהערצוצו. כדי מונין צו באַנעמען ווי געהעריק, מוז מען דאָ דערקלערן, אַז ער איז גאַרניט דער געוויינלעכער העלד פון אַ יידישער מעשה. ס׳רוב העלדן וואָס מיר קענען פון די קלאַסישע ווערק, ווי אַ שטייגער מיכל מצבה פון ״דאָס שטערנטיכל״, הערשעלע פון ״דאָס ווינטשפינגערל״ און שלום נחום־וועוויקס פון ״פונעם יריד״, פאַרלאָזן דאָס קליינע שטעטל און פאָרן אינעם כרך, ווו זיי אַנטדעקן די גרויסע וועלט. געוויינטלעך פאָרן זיי פון מזרח אויף מערב. מוני, להיפוך, קומט פון דער גרויסער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס, וואָס געפינט זיך דווקא אויפן מערבדיקן בארטן, און זוכן זוכט ער דאָ אין מזרח דאָס אמתע יידיש־קייט. פון ניו־יאָרק, דעם אַמאָליקן שווערפּונקט פון יידישן לעבן, איז ער איצט געקומען קיין באָסטאָן, דעם צענטער פונעם באַנייטן יודאַיזם.

דערווײַלע קומען חברה אָן צו ביסלעך פון דרויסן. דאָ, אַ פּרוי אין די דרייסיקער מיט אַן אָפּגעלאָזענעם גוף און געקרייזלטע האָר. דאָ, אַ הויכער פליכעוואַטער בחור מיט ענגע וואָנצעס. שפּעטער אַ גאַנצע ריי באָבערדלטע בחורים אין מוניס עלטער מיט געשטריקטע יאַרמלקעס צוגעשפּיליעט צו אַ קאָפּ האָר. גוטמוטיקע מיידלעך — טייל מיט קינדישע כרובים־פּנימער — אָנגעטאָן אין פויערישע בלוזקעס און לאַנגע רעקלעך. ס׳איז אָבער שווער צו דערגיין וועד איז דאָ אָן אָפּטער איינגייער און ווער — אַ גאַסט. אַלע באַגריסן זיך אויף שטום־לשון, מיט אַ פאַרחלומטן, שיער ניט מעטאַפיזישן שמייכל.

און אָט דערזעט מוני אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך פריער וועגן דעם געהערט, אָבער קיין מאָל ביז איצט ניט געזען. די בחורים און מיידלעך צו גלייך נעמען אַרויס פון שיין־באַצירטע זעק גרויסע, פאַרביקע טליתים. איינער, אַ גרויסבייכי־קער, באַקומט צו ערשט די ציצית, מורמלט עפּעס שטילינקערהייט, און וויקלט זיך דערנאָך איין אין אַ געשפּרייטן טלית מיט אַלע הויפּטפאַרבן. לעבן אים, טוט אַ קליין מיידל זיך אָן אין אַ גאָלד געשטריקטן פּאַנשאַ־טלית. נאָך איינער איז איינ־געהילט אין רויטן, אַ דריטער — אין מלכיש־פּורפּור. די פּרוי אין די דרייסיקער מיט די געקרייזלטע האָר טראָגט אַ בלויען טלית באַצירט מיט גן־עדן־פייגעלעך.

ווען אַלע זענען שוין גרייט און זיצן מיט די פיס פאַרקאַטשעט אונטער זיך, מאַכט מען צו די אויגן און די אויבערגופן נעמען זיך שאָקלען הין און הער ווי די שוויבנווישערס פון אַן אויטאָ. נאָר מוני זיצט און קוקט און באַוווּנדערט אַלץ.

פלוצים דערהערט זיך אַן אַקאָרד: איינער גיט פון זיך אַרויס אַ הויכן לאַ בעמאַל. עס קומען צו נאָך טענער, מענלעכע און ווייבלעכע, וואָס איינער ראַנגלט זיך מיטן צווייטן. ס׳איז ווי עפּעס אַ מענטשלעכער אָרקעסטער וואָס סטרויעט זיך אָן. ביז סוף־כל־סוף גיסן זיך אַלע קולות צונויף אינעם לכתחילהדיקן לאַ בעמאַל,

נאר מיט אַ מער נידעריקער טאָנאַציע ווי פריער. מע ברומט דעם לאַ בעמאָל אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט מגולגל אין אַ סי די עז.

מיט אַ מאָל, ווי פון פריער אָפּגערעדט, שטרעקן אַלע אויס די הענט און, אַז אַ האַנט טרעפט אָן אַ צווייטע, פאַראייניקן זיי זיך ביידע. מוני דערפילט ווי מע טאַפּט אים די קני. דער בחור מיט די ענגע וואַנצעס און מיטן קורצן אַרומגעשאָרע־נעם פּליכעוואַטן קאַפּ גיט אים די האַנט.

אַלע הענט קייטלען זיך צונויף און אַלע קעפּ צעשאָקלען זיך אין איינעם. פונעם סי די עז רייסט זיך אַרויס אַ נייער אַקאָרד וואָס צו ערשט דערהערט מען אים קוים־קוים; אַ נידעריקער אַקאָרד, אַן אומזיכערער און אַן אויסגעצויגענער:

— צל־צ־לי... און נאָך אַ מאָל: — צל־צ־לי...

חברה כאַפּן אויף דעם נייעם קלאַנג. "צלצלי" גיט דעם סיגנאַל, אַז די ביז איצט בלויז מוזיקאַלישע תפילה זאָל אַריבערטרעטן די שוועל פון וואָרט. פונעם גאַנצן צימער אַרום קלינגט אָפּ: צל־צ־לי!

כוואַליעסווייז נעמען נייע געבעטווערטער אַרויסשווימען אויף דער הייך, ביז אַ צווייטע און דריטע פאַרשווינקען זיי.

— הללויה! — לאָזט אַ מיידלשע שטים הערן פון זיך.

עמעצער רופט זיך אָפּעט ריטמיש: הללויה־יה־יה!

— שאַ, שאַ, נע־שאַ־מאַ! — סאָפּעט אַ קול. קלאַנג און וואָרט גיסן זיך צונויף. די קולות פאַרמעסטן זיך נאָכצומאַכן די קלאַנגען פון די ווערטער גופא.

אַ תקיעהדיקער רוף: תיקע שופר!

אַ פּויק: תוף, תוף, תוף!

אַ גלעקל: מינים, מינים, מינים ועוגב!

אַ פידלשפּיל: כי־נור...

אַנשטאָט אָפּגעריסענע ווערטער, הערן זיך איצט גאַנצע פראַזעס פון דער תפילה:

— כל הנשמה... צלצלי אַרועה... בצלצלי שמע...

נאָך אַ ווײַלע שטילט זיך איין דער ים. דעמאָלט עפענען אַלע די אויגן און באַמערקן איינער דעם צווייטן כלומרשט צום ערשטן מאָל. דער פּליכעוואַטער שכן נעמט צו די האַנט און הייבט אָן רעדן שטיל:

— פון די פיר אותיות אין גאָטס נאָמען, י־ה־ו־ה, האָט נאָר איינער אַ באַ־טייטנדיקן קלאַנג, דער אות "ה" וואָס חזרט זיך צוויי מאָל איבער. און ווי זשע זאָגט מען אַרויס דעם "ה"? דורך אָטעמען. וואָס טיפער מען אָטעמט, אַלץ שטאַר־קער ווערט דער קלאַנג. הייסט עס, מיט יעדן אָטעם, מיט יעדן פולס פון די לונגען זאָגן מיר אַרויס גאָטס נאָמען. יעדער אָטעם איז אַ תפילה צו השם־יתברך. און דאָס איז דער מיין פונעם פסוק: כל הנשמה תהלל יה.

אַ פּאָר חברה הייבן אָן סאָפּען.

די פרוי איבעם גן־עדן־טלית נעמט איצט דאָס וואָרט:

— וואָס טוט אָבער דער "יה"? — פרעגט זי רעטאָריש. — מיר האָבן אים

יענע וואָך באַשריבן, ווי אַ גאָט, וואָס זיצט דאָרט אויבן אויפֿן כסא־הכבוד און קוים וואָס אונדזערע תפילות דערגרייכן צו אים. פֿאַראַן אָבער אַנדערע מינים פּאָזעס פֿאַר גאָט. נעמט בודהאַ, למשל. ער זיצט זיך ווי אַ היפּאָפּאָטאַמאָס אין אַ זומפּ און מע קען אים פֿאַר קיין שום פֿאַל ניט אַרויסשלעפּן פֿון דאָרט.

— בודהאַ איז דער זיצנדיקער גאָט פֿאַר עקסעלאַנס. אַחוץ אים זענען אָבער דאָ די הינדוסישע געטער. אַלע טאַנצן זיי. איטלעכער טאַנצט אויס עפּעס אַנ־דערש... דער — מיט די הענט. די — מיט די פֿיס. צי קען ניט געמאָלט זיין אַז אפֿילו אונדזער רבונו־של־עולם זאָל זיך אויפֿהייבן פֿון זיין טראָן און אויך נעמען טאַנצן? אַזאַ מין סימפֿאָניע, ווי די, וואָס דוד המלך האָט פֿאַר אים אָרקעסטרירט, די הללויה־סימפֿאָניע, צי הייבט זי אים ניט אויף פֿון אָרט?

— ניט נאָר דוד המלך — רופֿט אויס דער פֿליכעוואַטער מיט התפּעלות, — די מלאכים זינגען דאָך כסדר פֿאַרן רבונו־של־עולם! „וכולם פותחים את פיהם בשירה ובזמרה״!

— ווער דאַרף דען אָנקומען צו מלאכים? — צעשמייכלט זיך דער גרויס־בייכיקער. — מ י ר זענען עס די מלאכים. נאָך מער: מיר זענען אפֿילו די אותיות פֿון דער תורה! ווי אין זוהר שטייט געשריבן: די תורה באַשטייט פֿון זעכציק טויזנט אותיות, פּונקט די צאָל יידן וואָס זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני. צו איטלעכן פֿון די שישים ריבוא יידן געהערט אַן אַנדער אות פֿון דער תורה. דאָס פֿאָלק ישראל איז אַ גימטריא, אַ געטלעכער אַכראָסטיק. מיר שטייען אַלע אין שאָטן פֿון באַרג סיני. איטלעכער פֿון אונדז דאַרף זיין אַן אות. לאָמיר זיך פֿאָרטראַכטן. איך, איך אַ שטייגער, בין אַ שין.

דערמיט שטעלט ער זיך אויף די קני און הייבט אויף ביידע הענט, עלעהיי אַ פֿאַזירנדיקע באַלערינע. די הענט מיטן קאָפּ צוזאַמען פֿורעמען אויס אַ שין. רוקט זיך צו דאָס מיידל וואָס לעבן אים און, ווי זיך גרייטנדיק אויף אַ קאַזשלקע, בייגט זי טיף איין דעם רוקן איבער די קני. קלאָר: זי פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ מם.

שטייט אויף אַ מיידל, דין ווי אַ שפּענדל. אונטער איר רויטער אַראַבישער קלייד וואָס הענגט אויף איר גופֿל ווי אַ זאַק, צאַפּלען קליינע, עניוותדיקע בריסט. זי זעצט זיך לעבן מעם. דער רעכטער פֿוס גלייכט זי אויס אויפֿן דיל און מיט ביידע הענט האַלט זי די לינקע פֿוס אויסגעשטרעקט אין דער הייך.

זי שפּילט דעם עין.

ווי באַלד די אַרומיקע זעען דאָס צו, ווערט אַ געיעג, ווער קען פֿריער אויס־שפּילן זיין אותיקע ראָלע. ווי אַ צעשראָקענע טשערעפּאַכע נעמט די פֿרוי אין דעם מיט־פֿייגל־אויסגעניטן טלית און קאָרטשעט זיך צונויף. דאָס זאָל זיין דער יוד. אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידל מיט אַ לאַנגן צאָפּ שטעלט זיך אויף פֿאַר אַ שין, אָבער אַזוי ווי ביי איר איז דער האַלדז אַ לאַנגער, זעט איר שינישקייט אויס מער באַ־גלייבט ווי ביים ערשטן. דער פֿליכעוואַטער האָט קיין שווערע עבודה ניט. פּשוט, שטייענדיקערהייט, בייגט ער איין דעם אויבערגוף פּערפּענדוקולאַר צום דיל און פֿאַר אַלעמען באַווייזט זיך אַ ריש.

איצט שטעלט זיך אייגער אַוועק און הייבט אויף ביידע הענט: די לינקע האַנט גלייך און די רעכטע אויסגעדרייט מיט דער דלאָניע אַרויס. חברה צעשמייכלען זיך, אָבער מוני פאַררונצלט דעם שטערן; ער פאַרשטייט נישט וואָס איז דאָ צו לאַכן. פונקט ווי יענער, כאַפּט ער נישט, אַז אַ געשריבענער אלף אין איין ריי מיט פּיר־קאַנטיקע אותיות קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. דערווייל גיט דער ריש דעם אלף צו פאַרשטיין אויף שטום־לשון, אַז ער מוז זיך איבערפאַרמירן.

לסוף שטעלט זיך דער למד, קענטיק אַ בחור מיט טענצערישע פעיקייטן, ווייל פון זיינע גוף־קאָנטורן באַווייזט זיך ניט דער שטאָלצער, קלאַסישער למד, נייערט אַ למד אַ בען־שאַנישער.

ס׳איז שווער צו וויסן גענוי ווי מוני האָט זיך אָפּגערופן אויף דעם אַלעמען. פון איין זייט האָט ער זיך געשעמט פאַר דער עינטע, וואָס זי איז געזעסן מיט איין פוס אויסגעשטרעקט אין דער לופטן, אַזוי אַז מ׳האָט געזען די גאַנצע לענג פון אירע ביידע פיס אונטער איר רויט, אַראַביש קלייד (פאַר וואָס זעט זיך אַלץ אַרויס ביי איר, ביי אָט דער מיידל!), און פאַרן הויפּט־שין, וואָס ער האָט אויסגעזען אַזוי לעפּיש מיט די דיקע הענט אויפגעהויבן איבערן קאָפּ. פון דער צווייטער זייט האָט די סצענע אים דערמאָנט בילדער פונעם יידישן עקספּרעסיאָניסטישן טעאַטער, וואָס דער טאַטע פלעגט אים וויזן: די סטיליזירטע פּאָזעס פון אַ חתונה, פון אַ פּריי־לעכס. אַזאַ טאַבלאָ פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַ צוצי, אַ כוח, וואָס איז גרעסער פונעם סך־הכל פון די איינצלנע פיגורן.

מוני, וואָס ער האָט קוים געוווּסט ווי סע דאַווענען יידן פון אַ גאַנץ יאָר, איז אַוודאי ניט מסוגל געווען צו פסקענען אַהין אָדער אַהער. אין דערבייאיקן צימער זיצט אָבער איינער, שבתי ביים נאָמען, מיט אַ ווילדער טשופּרינע, וואָס ער האָט יאָ אַ קלאָרע מיינונג וועגן דער דאָזיקער סצענע.

— פון וואַנעם ווייסט מען — רופט ער אויס — אַז אין זוהר רעדט זיך וועגן פּירקאַנטיקע אותיות און ניט, לאָמיר זאָגן, וועגן קורסיוו, צי גאָר וועגן רש״י־כתב? אפשר איז דזשאַשעס אַלף טאַקע אויפן אָרט?

— ניט אומזיסט הייסטו שאַ־בע־טיי — רופט זיך אָפּ דער הויפּט־שין און לאָזט דערמיט אַראָפּ די הענט.

חברה שרעקן זיך איבער. זעלטן ווען זיק (דער הויפּט־שין) זאָל זיך בייזערן. די איבעריקע אותיות צעפאַלן זיך מיט אַ מאָל און אַ שווייגנדיקער אומרו נעמט איין דעם דאַוון־חדר. גדליה, דער פליכעוואַטער, פון תמיד אַן אַ מליץ־יושר, גיט אַ שטילן זיפץ און זינגט אויס צו די מתפּללים:

— צור ישראל, קומה בעזרת ישראל...

דער עולם שטעלט זיך צו ביסלעך אויף, אַלע אַחוץ זיק, וואָס ער זעצט זיך נאָר אַוועק אויפן דיל, הייבט פון דאָרטן אויף אַ ספר, און מיט אַ בייזן בליק איז אין אים מעיין.

דער פריערדיקער למד, שטייענדיק שמונה־עשרה, דעקט צו זיך און דאָס שפּענדל־דינע מיידל מיט זיין פורפורענעם טלית.

* * *

מע ברענגט אַריין אַ נידעריק טישל און מען שטעלט עס אַוועק אין מיטן חדר. אַ מיידל אין אַ פֿויערישער בלוזקע און רעקל גייט צו צום אָרון־קודש און מיט ציטערדיקע הענט הייבט זי אַרויס די ספר־תורה. מע וויקלט אויף דעם פּאַרמעט אויפֿן טישל און חברה צעזעצן זיך אַרום און אַרום. באַרוועסע פֿיס פֿאַרשווינדן ווידער אונטער פֿאַרביקע טליתים.

— היינט איז שבת זכור — זאָגט גדליה. — ווי געוויינטלעך, וועלן מיר נישט לייענען די גאַנצע פּרשה. מיר׳ן זיך אָפּשטעלן בלויז אויף מפטיר, וואָס געפֿינט זיך אין ספר דברים.

ערשט ווען די פֿונאַנדערגעוויקלטע תורה איז שוין גרייט צום לייענען, הייבט זיך אויף דעם קאָפּ. גדליה איז מעביר די סדרה און זיך, אויף אַ מאָדנעם רעטשי־טאַטיוו, לייענט פֿאַר אָן ענגלישן טייטש אין דער זעלבער צייט. "...תמחה את־זכר עמלק מתחת השמים; לא תשכח." דערנאָך וויקלט מען ווידער איין די ספר־תורה און מע ווענדט זיך צו מיר, צום נאַראַטאָר הייסט עס, אַז איך זאָל זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

דער נאַראַטאָר, אַ בחור מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פֿאַר מונין, מיט האָר ביזן אַקסל, פֿראַנצייזישע ברילן און צוויי חן־גריבעלעך, קוקט זיך אַרום אויף אַלע מתפּללים און זאָגט אַזוי:

— איכ׳ל אייך אָפּמשלען אַ משל, וואָס האָט אַ נאָענטן שייכות צו דער הייני־טיקער פּרשה. דעם משל האָב איך געהערט פֿון אונדזער רבין, וואָס ער האָט אים צוערשט פֿאַרציילט פֿאַר אַ גרופּע אויספּיר־באַאַמטע, גרויסע גוים ביי דזשענעראַל מאָטאָרס. די גוים האָבן אים געפֿרעגט: זאָגט אונדז, הרב העשל, פֿאַר וואָס ווילן די יידן נאָך אַלץ ניט מוחל זיין דאָס דייטשישע פֿאָלק? דערויף האָט הרב העשל געענטפֿערט:

אַ מאָל איז אַ ייד געפֿאָרן אין דער באַן. קומען אַריין צוויי פּאָליאַקן און זעצן זיך אַוועק אַנטקעגן אים. דערזען אַ פֿרומען ייד מיט באָרד און פּיאות, הייבן די פּאָליאַקן אָן צו טרייבן מיט אים קאַטאָוועס. דער ייד שוויגט. מע לייגט אים פֿאַר אַ שטיקל וווּרשט. ער שוויגט. מע נעמט צו ביי אים די צדה־לדרך. ער שווייגט נאָך אַלץ. מע חוזקט פֿון אים און דער ייד ענטפֿערט ניט קיין וואָרט. עס גייען אַזוי אַדורך עטלעכע שעה ביז מע קומט אָן אויף אַ סטאַנציע און אַלע דריי, דער ייד מיט די צוויי פּאָליאַקן, טרעטן דאָרט אַרויס.

פּלוצעם באַווייזט זיך אַ ריזיקער עולם, חסידים אין קאַפּאָטעס און שטריימלעך. זיי רינגלען אַרום דעם יידן פֿון אַלע זייטן און די שמחה איז אין־לשער. רבי! רבי! מע שרייט און מע ליאַרעמט.

דערזעען דאָס די צוויי פּאָליאַקן, ווערן זיי ניבהל־ונשתומם. זיי פּרוּוון זיך דורכ־רייסן צום רבין און רופֿן אויס צו אים: "פּאַני ראַבין, זייט אונדז מוחל! זייט אונדז מוחל!" דער רבי מאַכט זיך ניט הערנדיק און דער עולם מיט אים אין איינעם פֿאַר־לאָזן דעם וואָקזאַל.

אויף מאָרגן זיצט דער רבי ביי זיך אין הויף און דער גבאי קומט צו אים אַריין. וואָסי? צוויי פּאַליאַקן ווילן אים זען. זיי מוזן זיך איבערבעטן מיטן רבין. דער רבי וויל פון גאָרנישט ניט וויסן און שיקט זיי אַוועק. אויף מאָרגן ווידער דאָס זעלביקע. די צוויי פּאַליאַקן טענהן, אַז זיי וועלן נישט אַוועקפאָרן ביז וואַנעט דער רבי וועט זיי נישט מוחל זיין. און ער — שטאָל און אייזן. ער לאָזט זיי ניט צו. עס גייען אַזוי אַדורך צוויי וואָכן און יעדן טאָג חזרט זיך איבער די זעלבע זאַך. ביז, אויף דער דריטער וואָך, באַוויליקט דער רבי און לאָזט זיי אַריינפירן צו זיך. די פּאַליאַקן שטייען פאַר אים מיט געבראָכענע הערצער, אָבער דער רבי לאָזט זיי נישט אַרויסזאָגן קיין וואָרט.

— הערט זיך צו, וואָס איכ׳ל אייך זאָגן. איר ווילט זיך איבערבעטן מיט מיר. אַזאַ זאַך איז אָבער אוממעגלעך, ווייל ניט מיך האָט איר באַליידיקט, נאָר אַ צווייטן. בעטן מחילה דאַרפט איר ביי יענעם אָרעמאַן, ביי יענעם ייד אינעם וואַגאָן, וואָס איר האָט אים מבזה געווען. איך קען ניט, איך האָב ניט דאָס רעכט אייך מוחל צו זיין פון זיינעט וועגן.

— און אַזוי אויך — האָט הרב העשל פאַרענדיקט זיינע רייד — קענען מיר יידן נישט מוחל זיין די דייטשן, ווייל ניט קעגן אונדז האָבן זיי געזינדיקט.

דער נאַראַטאָר בלייבט שטיל און קוקט זיך ווידער אַרום. מ׳האָט נאָך קיין מאָל זיך נישט אָפּגערופן אויף זיינע רייד מיט אַזעלכע פאַרעוועטע בליקן, ווי אַצינד. קיינער רעדט נישט און קיינער רירט זיך נישט. קיינער, הייסט עס, אַחוץ מוני. פּלוצים שטעלט ער זיך אויף און גייט אַרויס פון צימער. דערווייל ווערן חברה אומרויק און ווייסן ניט ווי איבערצורייסן די שטילקייט. איז אָבער מוני שוין דאָ צוריק און טראָגט מיט זיך די באַלאַלייקע. ער זעצט זיך אַוועק אויף זיין פריערדיקן אָרט, נעמט ביי עמעצן אַ סידור, מישט אויף די זייטן און הייבט אָן שפּילן.

צו ערשט הערט זיך בלויז די מעלאָדיע, אַ מאַרש טעמפּאָ, מוטיק אויפגעפירט. איין מאָל אויסגעשפּילט ביזן סוף, הייבט ער אָן פון דאָס ניי און שטעלט צו די ווערטער פונעם קדיש: יתגדל ויתקדש שמי רבה. די מעלאָדיע איז אַ סלאַווישע, וואָס פּאַסט אַזוי גוט צום סלאַווישן אינסטרומענט. ס׳איז דער פּאַרטיזאַנער־הימן פון יווילנער געטאָ. חברה כאַפּן אויף דעם ניגון מיט חשק, כאָטש בלויז געציילטע ווייסן פון וואַנעט ער שטאַמט. אפילו שבתי אין צווייטן צימער זינגט מיט: בעלמא די ברא כרעותה וימליך מלכותה, ויצמח פורקנה, ויקרב משיחה...

דוד הירש ראַסקעס

דוד־הירש ראַסקעס, אַ געבוירענער אין מאָנטרעאָל אין 1948, האָט אָפּגעלעבט אַ שפּאָר ביסל יאָרן אין באָסטאָן, וווּ ער האָט זיך געלערנט יידישע און העברעישע ליטעראַטור אינעם בראַנדייס־אוניווערסיטעט. אין 1964 איז ער געווען איינער פון די מיטגרינדערס פון יוגנטרוף, אַ יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע פאַר יידיש.

יאָסל חריף

שמואל הנביא צוריק אין ירושלים

וימת שמואל ויקבצו כל ישראל
ויספדו לו בביתו ברמה.
און שמואל איז געשטאָרבן און גאַנץ ישראל האָבן זיך איינגעזאַמלט
און האָבן אים באַקלאָגט. (שמואל א, כ ה)

אַ העלער פרימאָרגן אין ירושלים. כ׳גיי מיט פּאַמעלעכע טריט, אַטעם איין אין זיך די שטילקייט פון אירע בלאָנקנדיקע שטיינער, קוק זיך איין אינעם צויבער פון די בערג, וואָס רינגלען זי אַרום. מיינע טריט זענען געווענדט צו אַלייען און גאַסן פון רמת־אשכול. פון צווישן די מאַסיווע מיט שטיין אויסגעצירטע הייזער קוקן אַרויס פּאַנאַנדערגעבליטע גערטנער.

אַנטקעגן, אויף די אַמאָליקע פּאַרשאַנצונגען פון ירדנישע לעגיאָנערן שפּרייט זיך אויס אַ צוואָקסענער פּאַרק. דאָ און דאָרט הייבן זיך אַרויס די ״זכרון־מצבות״ פאַר די, וואָס האָבן אַפּגעגעבן דאָס לעבן פאַר דער ווידער פאַראייניקטער ירושלים.

דער אויטאָבוס נ. 9, וואָס האָט יאָרן לאַנג געוואָרט אויסגעלייזט צו ווערן פון זיין שווייגעניש, באַוועגט זיך ווידער איבער די שדרות, וואָס זענען אויסגעלייגט ווי אַ טעפּיך אונטער זיינע רעדער, וועלכע פירן ווי אַמאָל צו דער באַנייטער אוני־ווערזיטעט אויפן הר־הצופים.

מענטשן באַוועגן זיך דאָ מיט שטילע טריט. פאַר די אויגן גייען אויף די יונגע פאַראַשוטיסטן וואָס האָבן מיט גבורה אָפּגעשטויסן די פיינדלעכע כוחות. דערפילט מען, ווי גרויס איז דער חוב, וואָס מיר זענען זיי שולדיק פאַרן פאַרלאָבן אונדז צוריק די גאַנצע פרייד פון ירושלים, וואָס באַנייט אירע מקדמדיקע טעג. איך ווענד מיין בליק צו די שיכונים, צו די פּרעכטיקע הייזער, וואָס שפּרייטן זיך אויס איבער בערג און טאָלן, וועלכע שניידן זיך אַריין ביז דעם קבר פון שמואל הנביא אין זיין היים רמה, וואָס האָט זיך ווידער צוגעטוליעט צו ירושלים. די מחשבות פאַרטראָגן מיך צו יענער תקופה, ווען דאָס פאָלק האָט זיך ביטער געראַנגלט קעגן די עמלקים, און דער נביא שמואל האָט מיט זיין צאָרנדיקן וואָרט געפאָדערט און געוואָרנט, אויסרייסן עמלקען ביז צום וואָרצל...

אויף מיין פרימאָרגן־שפּאַציר אַראָפּגייענדיק אין טאָל האָב איך אָנגעטראָפן אַ נייע אויסגעגראָבענע הייל, שטיינערנע איינגעווייידן ווייזן אַנטפּלעקטע קברים פון אַלטע צייטן, וואָס שטורמישע יאָרן און מלחמות האָבן זיי פאַרדעקט. דער

טויער, וואָס פירט צום אַריינגאַנג דערמאָנט מיט זיינע שטיינערנע זיילן די רוימישע הערשער, וואָס זענען פון דער ערד פאַרשוווּנדן. און מיר שטעלן דאָ פון ס׳ניי אונ־דזערע טריט... אויך דאָ איז שוין אויסגעוואַקסן אַ שיינער גאָרטן און פאַרשידענע וועגן פירן צו דער אַרכעאָלאָגישער אַנטפּלעקונג. אַ מאָדנער אויפגאַנג צו קבר־אבות אין חודש אלול תשל״ה. דאָס אַלץ, וואָס איך זע דאָ, דערוועקט פון ס׳ניי דעם גורל פון אונדזער פאָלק און מיינע נאָענטסטע, וואָס האָבן צו קבר־ישראל נישט זוכה געווען.

די זון האָט מיט אַ נייעם טאָג אויפגעלויכטן. דער הימל ווי אַ העל בלויער שלייער אויסגעשפּרייט איבער ירושלים, גייט דאָ אויף איבער אַלע שטערונגען.

כ׳קוק זיך איין אין דער שטאָט, ווי מען קוקט אין אַן אייביקייט. כ׳זע די טיילן פונעם פאָלק, וואָס כ׳וואָלט זיי אפשר קיין מאָל נישט געזען, וואָס בויט נישט נאָר הייזער, נייערט אויך זיך, וואָס גייט אויף פון מאָדערנע מדבּרס און זינגט זיין ליד, האָט זיין האָפענונג, מיט אַ תפילה אויף די ליפּן, מער נישט אָפּרייסן זיך פון דער דאָזיקער שטאָט, וואָס האָט איינגעזאַמלט אין זיך אַזויפיל ליבשאַפט און טריי־שאַפט דורך אַלע דורות.

האַרציק קוקן דאָ די שטיינער אויף אַלץ און אַלעמען, די סימעטרישע נייע גאַסן באַהעפטן זיך ווידער מיט דער פון דאָס ניי געבויטער אַלט־שטאָט און באַרירן ממש אירע מויערן, וואָס האָבן יאָרן לאַנג געוואַרט אויף ווידערבאַהעפטונג.

איך ווענד מיין בליק צו דעם טורעם, וואָס אויף דעם קבר פון שמואל הנביא, וועלכער האָט זיך אַזוי דערנענטערט, אַז אין דער שטילקייט הערט זיך ווידער דאָס וואָרט פון נביא קעגן הערשער און געוועלטיקער, ווערטער וואָס קאָנען אויך געהערט ווערן אין די היינטיקע טעג...

*

מע זאל עס דערציילן אין פריידן

אהרן מענדעלעוויטש

אין מאָסקווער ״עמעס״

(אַ קאַפּיטל זכרונות פון די דרייסיקער יאָרן)

מאָסקווע, 1934.

מיט וועגן און אומוועגן זענען מיר איצט אָנגעקומען פון ווילנע. איך און מיין פרוי גייען ווי פאַרשיכורט פון גליק איבער מאָסקווער גאַסן. זיך ענדלעך אַרויסגעריסן פון פאַשיסטישן פוילן, פון די ענדעקישע באַיוווקעס. מיר זענען סוף־כל־סוף אין אונדזער סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד. היינט זענען מיר געווען אויפן רויטן פּלאַץ, געווען אין לענינס מאַוזאָליי. האָב איך געקאָנט חלומען מיט אַ חודש צוריק, אַז איך וועל שפּאַצירן אויפן רויטן פּלאַץ ? עס גייען פאַרביי סאָוויעטישע בירגער, אָנגעטאָן אָרעם, גרוי. פויערים מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס, אין לאַפּטשעס, פאַרפולן די געשעפטן. זיי שטייען אין די רייען, אפשר וועלן זיי קאָנען עפּעס קויפן צום עסן, נאָר מען פאַרקויפט זיי ניט. זיי האָבן ניט קיין ״קאַרטאָטשקעס„ — קיין פּראָדוקטן־קאַרטעס. און אָן דעם קאָן מען קיין זאַך ניט קויפן. עס זענען פאַראַן געשעפטן ״טאָרגסינען״, נאָר דאָרט קאָן מען קויפן נאָר פאַר אויסלענדישער וואַליוטע און גאָלד. די פויערים האָבן עס אָבער ניט. נאָר ווער ווערט פון דעם נתפּעל ? מען בויט דעם סאָציאַליזם, אָן שוועריקייטן קאָן מען קיין זאַך ניט אויפטאָן. דאָס זענען די וווקס־ווייען, אַזוי לערנט אונדז דער ״כאַווער״ סטאַלין. איך נעם אָן די זאַך פאַר ליב. אמת, עס קומט מיר אויס מאָדנע, אַז פויערים פון דאָרף קומען קיין מאָסקווע קויפן ברויט. איך ווייס נאָך פון ווילנע, פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, אַז דער קאָלכאָזן־סיסטעם האָט געזיגט איין מאָל פאַר אַלע מאָל — אויף אייביק. טאָ ווי קומט עס אַזוינס? איך טייל זיך מיט מיינע ספיקות מיט מיין שוועסטער־קינד איליאַ, אַן אינזשעניער, אַן אַלטער קאָמוניסט פון 19טן יאָר, וואָס איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן פאַרלאָזט ווילנע. ער ראַט מיר ניט שטעלן קיין קלאָץ־קשיות. ווייניקער רעדן איז געזינטער. איך נעם עס אָן אויך פאַר ליב. אַזוי פאָדערט די רעוואָלוציע.

אויף די מאָסקווער גאַסן איז שווער דורכצוגיין. אַלץ איז צעגראָבן. דאָס בויט מען דעם מעטראָ. דער מאָסקווער מעטראָ וועט זיין דער שענסטער אין דער וועלט, אַזוי שרייבן די מאָסקווער צייטונגען. ניט נאָר דער שענסטער, נאָר אויך דער ביליקסטער. מען האָט צונויפגעיאָגט פויערים פון גאַנץ רוסלאַנד, און זיי אַרבעטן האַלב אומזיסט. זיי זענען צופרידן, וואָס

מען גיט זיי שפּייז־קאַרטלעך. אין די קאָלכאָזן האָבן זיי עס ניט. אַזוי זאָגט מיין קוזין איליאַ. ער אַרבעט אין אַ פאָרשעריש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. זיין פרוי איז אַ מעדיקער און זיי וווינען אין דחקות אין 2 קליינע צימערלעך. דאָס איז שוין אַ דערגרייכונג. זיי האָבן עס באַקומען ניט לאַנג. זיי האָבן 2 קליינע קינדער און זיי האָבן געהאַט איין צימער פון 14 קוו. מעטער. דער אינסטיטוט האָט זיי געגעבן די נייע דירה. איצט האָבן זיי אַ וווינונג פון 25 קוו. מעטער.

איך פאַרשטיי, אַז ער איז געכאַפּט אין דער מעשה. מסתמא, אַ טראָצקיסט. ער דערציילט מיר פאַרשיידענע מעשיות, וואָס עס טוט זיך אין די פאַבריקן, אין די קאָלכאָזן, אַז די האָר שטעלן מיר זיך קאַפּויער. איך בין אַ געטרייער סטאַליניסט, פיר איך מיט אים אַ דיסקוסיע, און פּרוּוו אים דערווייזן, אַז אָן שוועריקייטן קאָן מען קיין סאָציאַליזם ניט אויפבויען. ער הערט מיר אויס און זאָגט מיט אַ שמייכל: האָב אויף מיר קיין פאַריבל נישט, נאָר קיין שכל האָסטו ניט. וועסט דאָ לעבן לענגער, וועסטו קומען צום שכל.

דעם 1טן דעצעמבער 1934 איז דערמאָרדעט געוואָרן קיראָוו — דער ערשטער פּאַרטיי־סעקרעטאַר פון לענינגראַד. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון שרעקלעכן מאַסן־טעראָר, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט אין 1953 מיט סטאַלינס טויט. אין דעם זעלבן חודש איז אַרעסטירט געוואָרן מיין קוזין איליאַ און איז פאַרשוווּנדן אויף אַלע מאָל.

איך האָב געענדיקט די ווילנער יידישע רעאַל־גימנאַזיע, און דערנאָך פּעדאַגאָגישע קורסן. איך בין געווען אין פּוילן אַ לערער אין די ציש״אָ־שולן. איז ווו זשע גייט מען אַרבעטן? קיין יידישע שולן זענען אין מאָסקווע ניטאָ. עס זענען פאַראַן נאָר צוויי ערטער, ווו אַ יידישער בחור ווי איך קאָן אַרבעטן: אין דער יידישער ביבליאָטעק, אָדער אין ״עמעס״.

די ביבליאָטעק האָט זיך געפונען אויף דעם פּאָליטעכנישן געסל, קעגן דעם גרויסן פּאָליטעכנישן מוזיי. די גאַנצע ביבליאָטעק איז באַשטאַנען פון 3 קליינע צימערלעך מיט איין ביבליאָטעקאַר פאַר יידישע ביכער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז קיין ביבליאָטעקאַר דאַרף מען ניט האָבן. עס זענען פאַראַן ווייניק יידישע לייענער. איך פלעג אָבער דאָרט אָפּט אַריינגיין, דורכבלייטערן אַ יידיש בוך. איין מאָל קומענדיק אַהין, האָב איך געטראָפן 5 יידישע בחורים. זיי אַלע זענען איצט געקומען פון פּאַלעסטינע און זיי פאָרן איצט קיין ביראָבידזשאַן. פאַר מיר איז עס געווען אַן אומדערוואַרטע באַגעגעניש. איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געזען געקומענע פון פּאַלעסטינע. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז אין ארץ ישראל איז שלעכט, מען הונגערט. זיי זענען פאַרפאָלגט געווען דורך דער בריטישער מאַכט און אַלס יידישע קאָמוניסטן האָבן זיי באַשלאָסן צו בויען אין ביראָבידזשאַן די יידישע מלוכה. דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד וועלן זיי זיך קענען אויסלעבן סיי אַלס יידן און סיי אַלס קאָמוניסטן.

אין 1956 האָב איך געטראָפן איינעם פון די דאָזיקע בחורים. ער האָט זיך געדאַרפט רעפּאַטריאירן קיין פּוילן, לויטן פּאַס איז ער געווען אַ פּוילישער בירגער. ער האָט מיר דערציילט, אַז קיין ביראָבידזשאַן זענען זיי בכלל ניט אָנגעקומען. מען האָט זיי געשיקט אַרבעטן אין קאַזאַכסטאַן, און דאָרטן זענען זיי אין 1937טן יאָר אַלע אַרעסטירט געוואָרן. ער איז דער איינציקער, וואָס איז געבליבן לעבן נאָך 20 יאָר שווערער תפיסה.

נאָך אַרומדרייען זיך אַ פּאָר וואָכן אין מאָסקווע, האָב איך באַשלאָסן גיין אין ״עמעס״. יידיש האָב איך געקענט גוט, איך בין געווען אַ לערער פון יידישער ליטעראַטור, און פלעג אַמאָל אויך זינדיקן מיט דער פען. איז מיר געבליבן דער איינציקער אָרט דער ״עמעס״. דער ״עמעס״ איז פאַר דער יידישער קאָמוניסטישער יוגנט אין פּוילן געווען דער סימבאָל פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער פּרעסע, דער צענטער פון דער יידישער סאָוויעטישער קולטור.

איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער "עמעס" געפינט זיך אין אַ שיינעם גרויסן בנין, ווי אַ שטייגער דער בנין פון "איזוועסטיאַ". אַ קלייניקייט — דער צענטער פון דער יידישער פרעסע.

איך זוך די גאַס, ווו עס געפינט זיך דער "עמעס". הייסן, הייסט זי "סטאַראָפאַנסקי פערעאולאָק". הייסט עס, ניט קיין גאַס, נאָר אַ געסל. קיינער ווייס ניט גענוי, ווו דאָס איז. סוף־כל־סוף האָב איך עס געפונען. אַ צוויי שטאָקיקער אָפּגעדריבעטער בנין. עס הענגט אַ קליין שילדל — רעדאַקציע און פאַרלאַג "עמעס". איך גיי אַרויף אויף אַ פּאָר טרעפּלעך אין אַ טונקעלן קאָרידאָר.

די גאַנצע רעדאַקציע פון דער צייטונג און פון פאַרלאַג באַשטייען פון אַ פּאָר קליינע צימערלעך. דאָס איז געווען מיין ערשטע אַנטוישונג.

די סעקרעטאַרין פירט מיך אַריין צום הויפּט־רעדאַקטאָר משה ליטוואַקאָוו. אַ צווייטע "אַנטוישונג". איך האָב זיך געריכט זען אַ פעסטן הויכן מאַנספּערשוין מיט אַ לייבן־קאָפּ. איז געשטאַנען פאַר מיר אַ קליין דאַר יידל מיט אַ גרויסן פּליך, מיט אַ פּאָר שאַרפע בייזע אויגן. מיר האָבן זיך צערעדט. ער האָט מיר גענוי אַלץ אויסגעפרעגט, ווער בין איך, פון וואַנען איך שטאַם, ווי קום איך קיין מאָסקווע, געהייסן מיר אויספילן אַן אַנקעטע. און צום סוף פאַרגעלייגט מיר די אַרבעט פון אַ סטיל־רעדאַקטאָר אין דער צייטונג, אויב, פאַרשטייט זיך, די קאַדערן־אָפּטיילונג וועט מיר באַשטעטיקן. איך בין געווען פאַרוווּנדערט, וואָס אַ הויפּט־רעדאַקטאָר דאַרף האָבן די באַשטעטיקונג פון זיינס אַן אָפּטיילונג, כדי אָננעמען אַ מיטאַרבעטער. איך האָב נאָך דאַן ניט געוווּסט, אַז דער פאַרוואַלטער פון די קאַדרען אָפּטיילונג, ניט נאָר אין "עמעס", נאָר אין אַלע סאָוויעטישע אָרגאַניזאַציעס איז פאַרבונדן מיט דער ג.פּ.או. און אָן זיין הסכמה, קאָן מען ניט ווערן אָנגענומען אויף קיין אַרבעט.

איך האָב די אַרבעט באַקומען. איך האָב מיך געפילט ממש גליקלעך. פאַר אַזאַ יונגען בחור ווי איך, אַרבעטן אַלס סטיל־רעדאַקטאָר אין "עמעס" איז עס געווען ניט פון די קליינע זאַכן. אין גיכן איז אָבער געקומען די דריטע און אמתע אַנטוישונג : די אַרבעט איז געוואָרן נודנע. דער "עמעס" איז געווען אַ בוכשטעבלעכע איבערזעצונג פון דער "פּראַוודאַ", און חוץ אַ פּאָר קאָרעספּאָנדענצן פון דער פּראָווינץ, איז ממש נישט געווען וואָס צו לייענען אין דער צייטונג. אַן אויסנאַם איז געווען די זונטיקדיקע ליטעראַרישע ביילאַגע, ווו עס האָבן זיך געדרוקט די בעסטע יידישע שרייבער. דערצו איז די שפּראַך פון "עמעס" געווען אַזוי האַמעטנע און שאַבלאָן, אַז ס'איז שווער געווען עפּעס צו פאַרשענערן און ענדערן. איך בין געווען צוגעוווינט צו דעם שיינעם און זאַפטיקן יידיש פון "ווילנער טאָג", וואָס איז געווען רעדאַגירט פון אַזאַ מומחה פון יידיש ווי זלמן רייזין. קלאָר, אַז משה ליטוואַקאָוו איז אויך געווען אַ גלענצנדער שפּראַך־קענער, נאָר וואָס האָט ער געקאָנט אויפטאָן. דער צייטונגס־מאַטעריאַל איז נודנע, מען מוז איבערזעצן פון רוסיש בוכשטעבלעך, ניט ענדערן קיין אויסדרוק. איך האָב אַ מאָל געמאַכט אַ חשבון, אַז אין איינעם אַ לייט־אַרטיקל איז 30 מאָל געווען דאָס וואָרט "שלאָגלער", 10 מאָל "סטאַכאַנאָוו־בריגאַדע" און אָן אַ צאָל "סאָצפאַרמעסטונגען".

איך האָב אַ מאָל זיך אָנגענומען מיט מוט און איין מאָל, שפּעט ביינאַכט, ווען ליטוואַקאָוו איז געקומען אין דער רעדאַקציע דורכקוקן די לעצטע קאָרעקטור פון דער צייטונג, האָב איך פאַרזיכטיק אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג. ער האָט מיר רויק אויסגעהערט און צום סוף אַ זאָג געטאָן : ליבער חבר, איר זענט נאָך יונג און דערצו זענט איר ניט לאַנג געקומען פון אַ לאַנד, ווו אין דער פרעסע הערשן באַלעבאַטישע און קלייןבירגערלעכע באַגריפן. אונדזער פרעסע איז אַ טיף־פּאַרטייאישע, און זי איז פּונקט ווי די סאָוויעטישע ליטעראַטור סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם. ער האָט מיר אָפּגעהאַלטן אַ לעקציע פון

אַ האַלבער שעה. מער האָב איך מיט ליטוואַקאָוון אויף דער טעמע קיין מאָל ניט גערעדט. אָבער ביז היינטיקן טאָג ווייס איך ניט, צי ער האָט עס אַלץ געמיינט ערנסט, צי ער האָט עפּעס געהאַט אַנדערש אין זינען. צו קלוג איז ער געווען, ער זאָל מיך וועלן איבערצייגן מיט אַזאַ שאַבלאָנער לעקציע.

אויב אויף פּאָליטישע טעמעס האָב איך מיט אים שוין מער ניט גערעדט, האָבן מיר געשמועסט אָפט — דער עיקר אין די נאַכט־שעהן ביים מאַכן די 4טע זייט פון דער צייטונג — אויף ליטעראַרישע טעמעס. דאָ האָט ער גערעדט זייער גערן. אינטערעסאַנט איז, אַז זיינע פּריוואַטע געשפּרעכן זענען ניט שטענדיק צונויפגעפאַלן מיט זיינע געדרוקטע קריטישע אַרטיקלען. ער האָט אַזוי, למשל, ניט ספּעציעל געהאַלטן פון פּרץ מאַרקישן. ער פלעגט זאָגן: מאַרקיש איז אַ קאָסמאָגראַפישער פּאָעט. ער האָט געמיינט צו זאָגן אַז מאַרקיש איז אַבסטראַקט, שוועבט צו פיל אין די הימלען. ס'איז ניטאָ אין זיינע לידער עפּעס ממשעסדיקס. איציק פעפערן האָט ער מבטל געמאַכט. דאַקעגן האָט ער געלויבט קוויטקאָן, איזי כאַריקן און משה קולבאַקן. ער האָט געזאָגט, אַז קולבאַקס „זעלמעניאַנער" איז אַ גרויסער ביישטייער אין דער יידישער ליטעראַטור. איך האָב געקוואָלן. משה קולבאַק איז געווען מיין באַליבטער פּאָעט.

יאָר 1935.

צוויי עפּיזאָדן זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון פון יענעם יאָר. די פּרעמיערע פון „קעניג ליר" אין „גאָסעט" און אַ ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט אהרן קושניראָוון. „קעניג ליר" איז געווען איינע פון די גרעסטע טעאַטראַלע דערגרייכונגען אין „גאָסעט", אייגנטלעך ניט נאָר אין „גאָסעט" נאָר אפילו אין רוסישן טעאַטער בכלל. דער באַוווסטער ענגלישער טעאַטער־קריטיקער קרייג, וואָס איז געקומען ספּעציעל פון לאָנדאָן זען די פאָרשטעלונג, האָט געזאָגט, אַז דאָס איז די בעסטע שעקספּיר־אויפפירונג, וואָס ער האָט ווען עס איז געזען בכלל. גלענצנד זענען געווען מיכאָעלס און זוסקין אין די ראָלן פון קעניג ליר און דעם לץ. איך האָב, דעם אמת זאָגנדיק, ניט ספּעציעל סימפּאַטיזירט דעם סטיל פון „גאָסעט", וואָס איז געווען אַ מין סטיליזאַציע נוסח מייערהאָלד און איז געבליבן אַ זכר פון געוועזענעם רעזשיסער פון „גאָסעט" גראַנאָווסקי. אָבער „קעניג ליר" איז שוין געווען אין גאַנצן אַנדערש. אַ טיף רעאַליסטישע רעזשי און שפּיל אין בעסטן זין פון וואָרט. אויף דער פּרעמיערע איז געקומען די גאַנצע עליטע פון דער מאָסקווער הויכער געזעלשאַפט. עס זענען בייגעווען: די מיטגלידער פון דעם פּאָליט־ביוראָ יענוקידזע און קאַהאַנאָוויטש, מאַרשאַל טוכאַטשעווסקי, וואָס איז מיט אַ יאָר שפּעטער דערשאָסן געוואָרן, די באַוווסטע רעזשיסערן, סטאַניסלאַווסקי און נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ, אַקטיאָרן פון מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער (מכאַט), פון מאָסקווער מאַלי טעאַטער און נאָך אַנדערע גדולים.

דער צווייטער עפּיזאָד, וואָס איז מיר געבליבן אין זכרון פון יענעם יאָר, איז דער ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט דעם דיכטער קושניראָוון. געבליבן איז ער מיר אין זכרון דערפאַר, וואָס אויף דעם אָוונט האָט ליטוואַקאָוו שטאַרק אָנגעגריפן דוד בערגעלסאָנען. געווען איז די זאַך אַזוי: קושניראָוו האָט אָנגעשריבן אַ דראַמאַטישע פּאָעמע „דער אורטייל קומט". דאָס איז אַן עפּיזאָד פון אויפשטאַנד פון עסטרייכישע אַרבעטער אין 1934 יאָר. היות ווי די טעמע איז געווען אַן אַקטועלע, ס'איז סך־הכל אַריבער איין יאָר פון אויפשטאַנד, און אין מאָסקווע זענען געווען אַ סך פּליטים פון עסטרייך, וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין אויפשטאַנד און וואָס זענען אגב־אורחא שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן אין די ווייטע מקומות, האָט דער „עמעס" באַשלאָסן איינאָרדענען אַ ליטעראַרישן אָוונט געווידמעט דעם דאָזיקן ווערק. צווישן די שרייבער, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן איז אויך געווען משה ליטוואַקאָוו. נאָך דעם ווי ער האָט געמאַכט אַ פּאָר קאָמפּלימענטן קושניראָוון

האָט ער דעם עיקר פון זיין רעדע געווידמעט בערגעלסאָנען. בערגעלסאָן האָט מיט אַ געוויסער צייט צוריק פאַרעפנטלעכט אין דער ליטעראַרישער צייטונג "ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" אַן אַרטיקל, וווּ ער האָט צווישן אַנדערן אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז פּרץ מאַרקיש און דוד האָפשטיין זענען די גרעסטע פּאָעטן און דער שטאָלץ פון דער יידישער דיכטונג. איך געדענק שוין ניט, וואָס פאַראַ שייכות האָט עס געהאַט צו קושניראָוון, נאָר ליטוואַקאָוו האָט זיין גאַנצן צאָרן אויסגעלאָזן צו בערגעלסאָנען. מיט וואָס פאַר אַ רעכט, האָט געטענהט ליטוואַקאָוו, האָט בערגעלסאָן די העזה צו קרוינען די אָדער יענע דיכטער (ליטוואַקאָוו האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן, אַז קרוינען שרייבער איז זיין חזקה). וועמען קען עס ברענגען נוצן און ווער באַדאַרף עס, האָט ער געטענהט. מאַרקיש און האָפשטיין זענען טאַקע גוטע פּאָעטן, אָבער די גרעסטע, דאָס איז געוואַלטיק איבערגעטריבן. און אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער שרייבער ווי בערגעלסאָן האָט עס ניט געדאַרפט שרייבן. בערגעלסאָן, האָט אים קיין זאַך ניט געענטפערט. ער האָט זייער מורא געהאַט פאַר ליטוואַקאָוון. ליטוואַקאָוו איז נאָך דאַן געווען דער שעף־רעדאַקטאָר פון "עמעס" און דער אידעאָלאָג פון דער "יעווסעקציע".

יאָר 1936

איך אַרבעט אין "עמעס" שוין באַלד 2 יאָר. די אַרבעט גופא איז אַ גאַנץ שאַבלאָנע, זענען אָבער די באַגעגענישן מיט פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן זייער אינטערעסאַנטע, דער עיקר די פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט די קאָריפייען פון דער יידישער סאָוויעטישער ליטעראַטור. איך טרעף זיך אָפט מיט פּרץ מאַרקישן, מיט שמואל האַלקינען, מיט דוד בערגעלסאָן, מיט דעם נסתר. דאָרט אין פּוילן זענען זיי פאַר מיר געווען לעגענדעס. זייערע ווערק האָבן מיר געלערנט אין רעאַלגימנאַזיע. דאָ זע איך זיי יעדן טאָג, שמועס מיט זיי. מיין פרוי, וואָס אַרבעט אין פאַרלאַג אויך אַלס סטיל־רעדאַקטאָר, באַקומט צו רעדאַגירן זייערע כתב־ידן און אין שטוב טיילן מיר זיך מיט די איינדרוקן. מיין פרוי אימפּאָנירט שטאַרק פּרץ מאַרקיש. ער אימפּאָנירט אַלע פרויען. ער איז הויך און שלאַנק, זיין פּנים איז ווי געטאָקט. אַ זעלטענער סינטעז פון אינערלעכער און אויסערלעכער שיינקייט. די פרויען, וואָס אַרבעטן אין "עמעס" זענען אַלע אין אים פאַרליבט. נאָר איינער קאָן קאָנקורירן מיט מאַרקישן. דאָס איז שמואל האַלקין. שיין געבויט, מיט אַ לייבן־קאָפּ. ביידע גייען אָפט אַריין אין קאָרעקטור־אָפּטיילונג, ווו עס אַרבעטן הויפּטזעכלעך מיידלעך, אַבסאָלווענטינס פון יידישע מיטל־שולן און אינסטיטוטן. זיי נוצן אויס די געלעגנהייט אַ פלירטעווע צו טאָן מיט די צוויי שיינע פּאָעטן.

בכלל האָבן זיך די שרייבער שטאַרק געשראָקן פאַר די קאָרעקטאָרן. זיי קאָנען אַריינברענגען אין גרויסע צרות. אין רוסלאַנד קאָן דער קלענסטער אומשולדיקסטער דרוק־פעלער אָנטאָן גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן. האַלקין דערמאָנט זיך דעם פאַל, ווען ער האָט רעדאַגירט די איבערזעצונג פון ראָמען ראָלאַנס "זשאַן קריסטאָף". אין איינעם אַן אָרט שרייבט דער מחבר וועגן דעם נייעם אָן ביינערדיקן טעסטאַמענט. געמיינט האָט ער די קריסטלעכע ביבל. וואָס טוט די קאָרעקטאָרשע? ניט וויסנדיק, וואָס איז אַזוינס טעסטאַמענט (פון וואַנען קאָן זי עס וויסן, אַז אין די שולן לערנט מען עס ניט און מען דערמאָנט עס ניט) מעקט זי אויס, אָן חכמות, דעם וואָרט טעסטאַמענט און שטעלט אַריין דעם וואָרט טעמפּעראַמענט, און עס באַקומט זיך: דער נייער, אָן ביינערדיקער טעמפּעראַמענט. וויי, וויי, וואָס עס האָט זיך געטאָן! אַזוי, ווי עס איז געווען אַ קאָנטראָל־קאָרעקטור, ד.ה. די לעצטע קאָרעקטור פאַר געבן אין דרוק, האָט מען געמוזט רייסן אַ גאַנצע זייט פון יעדן עקזעמפּלאַר און עס געבן אויסזעצן פון אָנהייב. פון יענעם פאַל אָן, פלעגט מען די קאָרעקטאָרן, וואָס פלעגן דורכלאָזן גרייזן, רופן "אָנביינערדיקער טעמפּעראַמענט."

פאַר אונדז ווילנער האָט מען געהאַט דרך ארץ. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס מיר זענען געקומען פון קאַפּיטאַליסטישן פּוילן, האָט מען אָבער פאַר ווילנע, די שטאָט פון יידישע גימנאַזיעס, לערער־סעמינאַרן און דער עיקר פון ייוואָ געהאַט אַ באַזונדערן אָפּשיי. — זאָגט נאָר, ווי זאָגט מען עס באַ אייך אין ווילנע? פלעגט פרעגן פּראָפעסאָר פאַלקאָוויטש, אַ באַוווסטער שפּראַך־פאָרשער, וועלנדיק אויפקלערן אַ געוויסן וואָרט.

פּרץ מאַרקיש האָט באַקומען דעם לע־נין־אָרדן. פון די יידישע שרייבער האָט דער איינציקער מאַרקיש באַקומען דעם דאָזיקן העכסטן אָרדן פון ראַטנפאַרבאַנד. מען האָט געמאַכט אַ ביבקע, מען האָט געהאַלטן רעדעס, עס זענען געקומען אַלע מאָסקווער יידישע שרייבער, עס איז אויך געקומען פעדין און ברונאָ יאַסענסקי.

אַלע זענען געווען אין אַ געהויבענער שטימונג און בגילופנדיק. איין בערגעל־סאָן איז געווען פאַרומערט און נידערגע־שלאָגן און אַלע האָבן עס געפילט. מען האָט זיך געריכט, אַז אויך ער וועט קריגן אַן אָרדן, נאָר ער האָט קיין זאַך ניט באַ־קומען. ווייזט אויס, אַז מען האָט ניט פאַרגעסן, ניט קוקנדיק אויף זיין "ביים דניעפּער" אַז ער איז דער מחבר פון "אָרום וואָקזאַל" און "נאָך אַלעמען", די דעקאַ־דענטישע און קליינבירגערלעכע ליטעראַ־טור.

*

מאָסקווע פייערט דעם 100 יאָריקן גע־בוירן־טאָג פון מענדעלע־מוכר־ספרים. די פייערלעכע אַקאַדעמיע קומט פאָר אין "קאָלאָני זאַל דאָמאָ סאָיוזאָוו", אין דער געביידע פון די מאָסקווער פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס איז אַ מאָל געווען פאַר דער רעוואָלוציע דאָס הויז פון די רוסי־שע אַדל־לייט. אויף די גאַסן ליגט אַ טי־פער שניי. דער פראָסט איז איבער 30 גראַד. אַ גרויסע ריי שטייט צו דער קאַסע קריגן אַ בילעט. מיר שטופּן זיך ווי עס איז אַריין. אין פּרעזידיום זיצן אַלע גדו־לים פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור, פאַדייעוו, אַלעקסי טאָלסטאָי, איינער פון די הויפּט־רעדנער איז קאַרל ראַדעק, וואָס איז אין אַ יאָר אַרום געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק אין זעלבן זאַל. די גאַנצע פייערלעכקייט ווערט געפירט אין דער רוסישער שפּראַך, אָבער עס מאַכט אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק. יידן פילן זיך דערהויבן. די אָפיציעלע מאָסקווע גיט אָפּ כבוד דעם זיידן פון דער יידישער ליטע־ראַטור.

נאָך אַן עפּיזאָד פון יענעם יאָר. איך קום איין מאָל אַ פרימאָרגן אין דער רע־דאַקציע. די צימערן זענען פול מיט אָפי־צירן און העכערע קאָמאַנדירן. כ'האָב זיך דערשראָקן. וואָס איז געשען? ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס זענען אַלע יידן. ליטוואַ־קאָוו האָט איינגעלאַדן אין דער רעדאַק־ציע אַ גרופּע יידישע קאָמאַנדירן, איינגע־אָרדנט פאַר זיי אַ גלעזל טיי. ס'רעדט זיך נאָר טיי! ס'איז געווען אויף די טישן פול מיט משקה. נאָכן מאַכן אַ גוטן טרונק, האָט דער פּאָטאָ־רעפּאָרטער אַלע־מען אויסגעזעצט, פאָטאָגראַפירט און אויף מאָרגן איז אַרויס דער "עמעס" מיט אַ גרויסן פּאָטאָ פון די יידישע קאָמאַנ־דירן מיט אַ גרויסן קאָפּ אויף דער ערש־טער זייט: "די בעסטע זין פון יידישן פאָלק". ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט מען באַשולדיקן ליטוואַקאָוון מיטן דאָזיקן נומער פון דער צייטונג אין נאַציאָנאַליזם, שאָוויניזם און נאָך אַנדערע חטאים. וואָס האָט באַוויגן ליטוואַקאָוון פלוצלונג אַזוי, אין מיטן דע־רינען אַנגאַזשירן זיך אין אַזאַ מין "נאַ־ציאָנאַליסטישער" מעשה? שפּעטער זענען מיר געוואָר געוואָרן דעם אונטערשלאַק פון דעם ענין.

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין דער מאָסקווער "פּראַוודאַ" אַ בריוו פון סטאַלינען און זשדאַנאָוון, וווּ זיי האָבן שאַרף קריטי־קירט דעם אופן פון לערנען געשיכטע אין די סאָוויעטישע שולן, אין דער ערשטער ריי, דאָס לערנען פון דער רוסישער גע־שיכטע. זיי האָבן באַשולדיקט דעם בילד דונגס־קאָמיסאַריאַט, אין שפּיץ פון וועלכן עס איז דאַן געשטאַנען בובנאָוו, וועלכער

איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן, און געווי־
סע היסטאָריקער, דער עיקר פּראָפּ׳ פּאָק־
ראָווסקין, וועלכער איז צו זיין מזל גע־
שטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר פריער, אַז מען
לערנט ניט אין די שולן די רומפולע גע־
שיכטע פון רוסישן פאָלק, זיין פאַרגאַנגענ־
הייט, זיין אַלטע ליטעראַטור, אַז דער היס־
טאָרישער מאַטעריאַליזם, וואָס ווערט גע־
לערנט אין די שולן איז אַ וווּלגאַרער, ניט
קיין וויסנשאַפטלעכער.

נאָכן דאָזיקן בריוו איז פאַרעפנטלעכט
געוואָרן אין דער פרעסע אַ באַשטימונג
פון דעם צ.ק. פון דער פּאַרטיי אין גייסט
פון סטאַלינס און זשדאַנאָווס בריוו. עס
הייבן אָן אַרויסגיין נייע לערנביכער פון
דער רוסישער געשיכטע. מען הויבט אָן
לערנען אין די שולן דעם באַוווסטן עפּאָס
„סלאָוואָ אָ פּאָלקו איגאָרעווע" וואָס איז
פריער פאַרשריגן געוואָרן אַלס נאַציאָנאַ־
ליסטישע ווערק. אַלעקסיי טאָלסטאָי לאָזט
אַרויס זיין ראָמאַן „פּיאָטר דער ערש־
טער", ווו דער רוסישער קייסער ווערט גע־
שילדערט אַלס אַ פּאָזיטיווער און אַ פּראָ־
גרעסיווער טיפּ. ליטוואַקאָוו האָט אָבער
ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז נוגע
נאָר דער רוסישער געשיכטע און אַז די
יידישע געשיכטע, דער יידישער נאַציאָ־
נאַלער געדאַנק איז ווייטער געבליבן
טרייף פּסול.

יאָר 1937.

עס קומט אָן דאָס שרעקלעכע יאָר. דער
מאַסן־טעראָר הייבט זיך אָן נאָכן פּע־
ברואַר־פּלענום פון צ.ק. פון דער פּאַרטיי,
ווו סטאַלין איז אַרויסגעטראָטן מיט דער
טעזע, אַז וואָס ווייטער מען גייט צום
סאָציאַליזם, ווערט שטאַרקער דער קלאַסן־
קאַמף און אַז דער קלאַסן־שונא וועט
פאַרשאַרפן זיין קאַמף קעגן דיקטאַטור
פון פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז געווען גע־
נוג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע
וואַקכאַנאַליע. עס איז כמעט ניט געווען
קיין איין משפחה, ווו עס זענען ניט גע־
ווען קיין אַרעסטירטע. אַלע נאַכט קומט
מען מיט דער שוואַרצער קאַרעטקע און
מען פירט עמעצן אַרויס. אין „עמעס"
דערוואַרט מען יעדן טאָג, אַז עפּעס דאַרף
געשען. ערשטנס, אַרבעטן אין „עמעס"
אַ סך אויסלענדער, דער עיקר מיטגלידער
פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי. צווייטנס,
זענען די אַלטע מיטאַרבעטער מעגלעך
אויך ניט גענוג כשר. „בדיטעלנאָסט",
„בדיטעלנאָסט", וואַכזאַמקייט, וואַכזאַמ־
קייט פאַרן קלאַסן־שונא. אָט דער דאָזי־
קער רוף שרייט אויס יעדן טאָג פון די
צייטונגען, פון ראַדיאָ־הילכער, פון די
אַרבעטס־פאַרזאַמלונגען, פון די פּלאַקאַטן.
מען קאָן משוגע ווערן. דער גאַנצער קאָ־
לעקטיוו פון „עמעס" איז געשפּאַנט. קיי־
נער ווייזט עס ניט אַרויס, מען מאַכט זיך
אַרבעטנדיק נאָרמאַל, נאָר דאָס האַרץ ביי
יעדן פאַלט איין, ווען אַ מיטאַרבעטער
ווייזט זיך אַ טאָג ניט צו דער אַרבעט.
ענדלעך פאַלט דער ערשטער קרבן. דאָס
איז צוקערמאַן, אַ רעדאַקציע־מיטגליד,
פּאַרטיי־פּסעוודאָנים מייסקי. אַן אַלטער
קאָמוניסט, אַ פּאָליט־עמיגראַנט פון פּוילן.
ער זיצט אָפּ ביז 1955 יאָר, ווערט רעהאַ־
ביליטירט נאָך סטאַלינס טויט און קומט
קיין וואַרשע, אַן אַלטער צעבראָכענער
אינוואַליד. גלייך נאָכן אַרעסט פון מייסקי
איז צוניפגערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע
פאַרזאַמלונג פון אַלע מיטאַרבעטער פון
„עמעס", סיי פון רעדאַקציע און סיי פון
פאַרלאַג. דער ערשטער איז אַרויסגע־
טראָטן שלמה ראַבינאָוויטש, ליטוואַקאָווס
שטעלפאַרטרעטער, אַ בור און אַן עם הארץ,
וואָס האָט רעכט קיין יידיש ניט געקאָנט.
געווען פאַרבונדן מיט דער נ.ק.וו.ד. און
איז נאָך די מלחמה־יאָרן געווען מיטאַר־
בעטער פון דער פרעסע־אַגענץ „נאָ־
וואָסטי". ראַבינאָוויטש שטעמפּלט מייסקין
אַלס שפּיאָן, אַלס פאַרעטער פון פּראָלע־
טאַריאַט און שונא פון פאָלק. נאָך אים
טרעט אַרויס ליטוואַקאָוו, וועלכער חזרט
איבער די זעלבע דרשה און פּאָדערט פון
קאָלעקטיוו רעוואָלוציאָנערע וואַכזאַמקייט
קעגן די שונאים פון פאָלק. דאָס דאָזיקע
ווערטל „שונאים פון פאָלק" ווערט שטאַרק
פּאָפּולער אין גאַנץ רוסלאַנד. די צווייטע
וואָך איז פאַרשוווּנדן געוואָרן ליטוואַקאָוו.
ער איז געווען דער צווייטער קרבן. דער

"עמעס" האָט באַקומען אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ. עס טרעט ווידער אויף שלמה ראַבינאָוויטש און איצט שטעמפּלט ער שוין ליטוואַקאָוון אַלס שונא פון פאָלק. עס פאַרשווינדן נאָך מיטאַרבעטער. ביבער און געס, ביידע מיטגלידער פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי. פון די אויסלענדער בלייבן סך הכל 4 מענטשן. איך, מיין פרוי, בלומע קאַטיק, די סעקרעטאַרין פון פאַרלאַג און דער ליטווישער קאָמוניסט ביעלאָוויטש, פאַרטיי־פּסעוודאָנים סאַרין. אויב איך האָב קיין טעות ניט, זענען מיר די 4 געוועזענע אויסלענדער די איינציקע, וועלכע זענען געבליבן גאַנץ נאָכן פּאָגראָם אין "עמעס". פּ'איז פּשוט געווען אַ צופאַל, וואָס מען האָט אונדז ניט צוגענומען. בלומע קאַטיק, וואָס האָט די לעצטע יאָרן געאַרבעט אין "סאָוועטיש היימלאַנד" איז געשטאָרבן מיט איר נאַטירלעכן טויט. ביעלאָוויטש איז איצט אַ מיניסטער אין דער ליטווישער רעגירונג און איך מיט מיין פרוי זענען דאָ אין ישראל.

אַ גרויסער קלאַפּ איז פאַר מיר געווען דאָס אַרעסטירן משה קולבאַקן. משה קולבאַק איז געווען מיין לערער פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער ווילנער רעאַל־גימנאַזיע. ער איז געווען דער ליבלינג ניט נאָר פון זיינע שילער, נאָר אויך פון דער ווילנער יידישער יוגנט. ער פלעגט פאַר אונדז שילער לייענען זיינע ווערק, וואָס ער האָט נאָר וואָס אָנגעשריבן. מיר האָבן די ערשטע געהערט פון אים לייענענדיק די פּאָעמע "ווילנע", זיין ראָמאַן "מאָנטיק", "בוניע און בערע אויפן שליאַך". ער איז אויך געווען אַ גלענצנדער רעזשיסער. ער האָט געשטעלט מיט די שילער פון רעאַל־גימנאַזיע שעקספּירס "יוליוס צעזאַר", וואָס האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג ניט נאָר אין ווילנע, נאָר אויך אין וואַרשע. קולבאַק איז אַוועקגעפאָרן פון ווילנע אין 1928 יאָר קיין מינסק.

די ערשטע צייט איז ער נאָך פאַרבונדן מיט ווילנע (ער האָט דאָרט איבערגעלאָזן זיין ווייב און זון). ער שרייבט צו אונדז, זיינע געוועזענע תלמידים און פריינט. ער שיקט צו אַ ליד פול מיט בענקשאַפט צו זיין משפחה:

אַ טיף אויסגעשטערנטער הימל,
אַ מעסער אַ ווינט!
איבער הונדערטער מייל
לייגט מיין פרוי איצטער שלאָפן מיין קינד.
עס שפּילט אַ פידל אַ בלאָע
אין אַ שנייאיקער ווילאַנטשעל,
סאַראַ נאַכט!
איבער הונדערטער מיילן
זעט מיין קינד מיר אין חלום און לאַכט.

מיט קולבאַקן האָב איך זיך געטראָפן אין מאָסקווע אין 1937 יאָר ערב דער פּרעמיערע פון זיין "'בויטרע' אין "גאָסעט". ער איז געווען שטאַרק נידערשלאָגן. ער האָט שוין געשפּירט, אַז זיינע טעג זענען שוין געציילטע.

איך האָב אים געפּרוווט טרייסטן. דער בעסטער סימן, אַז ביי אייך איז אַלץ אין אָרדענונג, האָב איך אים געזאָגט, וואָס מען שטעלט "בויטרע" און נאָך ווו, אין "גאָסעט". ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז זיין סוף איז נאָענט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט מען אים צוגענומען. עס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דער באַוווּסטער קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער מאַקס עריק, מיין לערער פון דער פּוילישער ליטעראַטור, דער דיכטער איזי כאַריק, דער פּוילישער שרייבער ברונאָ יאַסענסקי, באַריס פּילניאַק און אַ סך אַ סך אַנדערע. אַלע שפּיאָנען, שונאים פון סאָוויעטישן פאָלק.

אין יענע גרויליקע יאָרן, יאָרן פון שרעקלעכן מאַסן־טעראָר, זענען מיר נאָך אַלע געווען אַזוי פאַרבלענדט, אַז מיר האָבן געהאַלטן, אַז סטאַלין איז ניט שולדיק, ער ווייס ניט וועגן דעם אַלץ, אַז נאָר יעזשאָוו איז דער רוצח, אַז נאָר ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַלע מעשים. ערשט אין 10 יאָר אַרום, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע פאַזע פון מאַסן־מאָרד, און דאָס מאָל זענען די קרבנות געווען אויסשליסלעך יידישע שרייבער און קולטור־טוער, האָבן מיר שוין

פאַרשטאַנען, ווער עס שטייט הינטער דעם אַלעמען.

פון מיינע פּערזענלעכע חברים און באַקאַנטע איז כּמעט קיינער נישט פאַרבליבן. די גאַנצע ווילנער קאָלאָניע, וואָס איז געקומען אין אַנהייב פון די דרייסיגער יאָרן איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין משך פון איין חודש.

אין איין העלן פרימאָרגן, האָט מען אונדז אַלע פאַרבליבענע אויסלענדער אַריינגערופן אין קאַדרען־אָפּטיילונג און אָן אַ פאַרוואָס און פאַרווען אַנטזאָגט פון דער אַרבעט און אַלע געהייסן זיך גלייך אָפּטראָגן פון "עמעס". דאָס איז געוועזן אייגנטלעך אונדזער מזל. ווען מיר בלייבן אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, וואָלטן מיר געטיילט דעם זעלבן גורל פון די איבעריקע. אין אַ יאָר אַרום איז די צייטונג פאַרמאַכט געוואָרן.

אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַלטן ביים ענדיקן דעם מאָסקווער יורידישן אינסטיטוט, בין איך אַוועק אַרבעטן אַלס סטאַזשער אין מאָסקווער שטאָט־געריכט. ביים אָנקומען דאָרט האָב איך אויספּילנדיק די אַנקעטע אין גאַנצן פאַרשוויגן, אַז איך בין געקומען פון אויסלאַנד. קומען פון אויסלאַנד איז געווען דער גרעסטער חטא. נאָך דער מלחמה איז נאָך צוגעקומען דער ענין פון 5טן פּאַראַגראַף אין דער אַנקעטע — דער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַם. נאָר דאָס איז שוין אַ באַזונדערער קאַפּיטל פאַר זיך.

*

נייע ווערק

"ביים קוואַל פון קאָצק"

אין פאַרלאַג "ישראל־בוך" (תל־אביב, 1975) איז דערשינען אַ ניי בוך פון י. ח. **בילעצקי — די פאָעמע "ביים קוואַל פון קאָצק"**, אַ בוך פון פאַרטיפטע פּאָעטישע רעיונות און קלאָרע רייד, וואָס ציען זייער יניקה פון די חסידיש־פאָלקסטימלעכע קוואַלן. אַרויסגעגעבן מיט געשמאַק. 120 זייטן.

"יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד"

אין דעם רוסישן פאַרלאַג ביבליאָטעק "אליה" (ירושלים) איז דערשינען אַ נייע זאַמלונג פון דער סעריע "געשיכטע" "יידן אין סאָוועטן־רוסלאַנד (1917—1967)" — פאַקטיש אַן איבערזעצונג פון דעם ענגלישן בוך מיט דעם זעלבן נאָמען אונטער דער רעדאַקציע פון **לאַיאָנעל קאָטשיין** אין פאַרלאַג "אָקספאָרד אוניווערסיטי פּרעסס" לאָנדאָן—ניו־יאָרק—טאָראָנטאָ אין יאָר 1970. שפּעטער דערשינען אויף פראַנצויזיש.

אין דער זאַמלונג קומען אויך אַריין די אַרבעטן פון **פּראָפ' חנא שמערוק** "די יידישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד" און יהושע גילבוע "די ליטעראַטור אויף העברעיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד". דאָס בוך אַנטהאַלט 273 זייטן.

אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן

אין אָנדענק פון איציק קיפּניס

1

באַבי־יאַר

אין זיין „באַבי יאַר" דערהויבט זיך קיפּניס אויפן העכסטן שטאַפּל פון גרעניצלאָזער ליבע צו זיין פּילגעליטענעם יידישן פאָלק. זיינע געפילן קען ער נישט און אפשר וויל ער אויך איצט נישט פאַרהוילן אפילו פאַרן אַלמעכטיקן.

„גלאַווליט" (פּאָליטישע צענזור)

איציק איז נאָר וואָס געווען צוריקגעקומען פון דער עוואַקואַציע קיין קיעוו און דאָ דערזען דעם שרעקלעכן חורבן — די אויסגעליידיקטע פון יידן אוקראַינישע הויפּטשטאָט, — ס'איז 29 סעפּטעמבער 1944. מיט דריי יאָר צוריק האָט מען דאָ אויסגעשאָכטן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, און ער — איינער פון די ניצול־געוואָרענע — גיסט זיך צונויף מיט דער גאַנצער עדה יידן, וואָס קלייבן זיך היינט אויף קבר אבות. ער רופט זיי: „לאָמיר גיין אַהינצו צופוס, וואָרום... אין די טראַמוואַיען איז עפּעס די לופט צו וואָכעדיק, צו פאַרשטיקט און... אַ פרעמד אויג קאָן אַמאָל אומגערן זיך גראַב אָנרירן אין מיין ווונד. יאָ, גראַב, און עס טוט שרעקלעך וויי, די ווונד איז נישט קיין פאַרהיילטע".

קיפּניס וואָגט צו געבן אָנצוהערן דאָס, וואָס נישט יעדער סאָוועטיש־יידישער שרייבער וואָלט זיך דערלויבט: „ס'זענען דאָ געוויסע עוולות פון אייגענע, וואָס דאַרפן נישט צעקלונגען ווערן, וואָס דאַרפן געלייזט ווערן אָן רעש, ווי אַזעלכעס, וואָס צווישן אייגענע דאַרף עס בלייבן"...

איצט שטייט ער צוזאַמענגעגאָסן מיט דער פאַריתומטער עדה קיעווער יידן ביים באַוואַקסענעם מיט ווילדגראָז ברידער־קבר באַבי־יאַר. „אַלע אויגן זענען רויט פון טרערן. די הערצער אָנגעהיצט פון געוויין. און מען וואַרט, מען וואַרט, מען וויל נישט אַוועקגיין. אפשר וועט עמעצער קומען זיך אָנרופן צום פאָלק מיט אַ וואָרט..."

ווער איז דער „עמעצער"? אויף וועמענס טרייסט־וואָרט וואַרטן איצט די פאַראַבלטע יידן ביים גרוב פון זייערע זיבעציק טויזנט פאַרפּייניקטע ברידער און שוועסטער?

דער „עמעצער„ דאָס מיינט — די באָלשעוויסטישע פירער פון אוקראַאינישן פאָלק, די „אייגענע", וועמענס זין און טעכטער האָבן מיט אַזאַ לייכטער האַנט

מיטגעהאָלפֿן די דייטשע רוצחים אויסראָטן די, וואָס ליגן דאָ באַגראָבן אָן אַ מצבה.
אָבער קיינער קומט נישט.

דער "עמעצער", אויף וועמענס טרייסט־וואָרט מען וואַרט דאָ, איז דער צענ־טראַל־קאָמיטעט פֿון דער קפּב(או). אָבער ער קומט נישט, וואָרום ער איז איצט פֿאַרנומען מיט פֿיל וויכטיקערע זאַכן — מיטן אָננעמען דעם באַשלוס צוריק אַריינ־צולאָזן פֿון דער עוואַקואַציע קיין אוקראַינע ווי מעגלעך ווייניקער אירע געוועזענע יידישע תושבים כדי "נישט צו רייצן די נאַציאָנאַלע געפֿילן" פֿון דער באַפֿעלקערונג. דאָס שיקן אָהער אַ פֿאַרשטייער וואָלט דאָך געווען אין סתירה מיט דער גאַנצער ליניע פֿון די סאָוויעטישע מושלים. און קיינער פֿון דער מאַכט קומט טאַקע נישט!...

קלאָגט קיפּניס אויפֿן חורבן צוזאַמען מיט אַלע, פֿון וועמען ער איז "לייב פֿון זייער לייב און בלוט פֿון זייער בלוט..."; "מיין הארץ וויינט אין אַלע צעלעכ־לעך..."; "מיינע ברידער און פֿריינד, מיר פֿאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, מיר קאַטשען זיך אין אַש, מיר שלאָגן זיך קאָפּ אין דער וואַנט, מיר ווערן צעגאַנגען אין טרערן. און צי קען עס דען אַנדערש זיין, צי קען עמעצער קומען און זאָגן, אַז ס'איז צופֿיל אַזוי זיך קלאַפּן מיטן קאָפּ אין דער וואַנט אויפֿן גרויסן בראָך, זיך צעקראַצן דאָס געזיכט מיט די דערנער און שטעכלקעס (וואָס וואַקסן דאָ ביי די זייטן גרוב) ביז בלוט, ביז ווייטיק, ביז גרויס געשריי..."

קיפּניס איז אָבער אַ גרויסער בעל־בטחון, און אַפֿילו איצט — אין אָט דער שרעקלעכער שעה פֿון אבֿילות, נעמט ביי אים די אויבערהאַנט דער גלויבן אין דער מעכטיקער גייסטיקער קראַפֿט פֿון זיין פֿאָלק, וואָס איז אומשטערבלעך. און ער ווענדעט זיך צו אים, צו זיין פֿאָלק טאַקע דאָ, ביים שלעכט צוגעדעקטן, האַלב־אָפֿענעם, געשענדעטן ברידער־קבֿר אין באַבי יאַר: "און דאָך, מיינע לייבלעכע פֿריינד, ווילט זיך מיר אַריינרוימען יעדן פֿון אונדז:

"יידן, טייערע ברידער, לאָמיר זיך אויפֿהייבן פֿון דער ערד, לאָמיר זיך אַרומ־טרייסלען פֿון אַש און אויפֿשיינען מיט דער גאַנצער ליכטיקייט, וואָס אונדזער פֿאָלק פֿאַרמאָגט אין זיך... אַ מענטש, ביי וועמען מען האָט אָפּגעריסן אַ פֿוס אָדער אַ האַנט, אָדער אַפֿילו אַ פֿינגער איינעם, ווערט מיט עפּעס געמינערט און ווינציקער, ווי ער איז געווען... נאָר אַ פֿאָלק... אַ פֿאָלק, ווען ס'רייסט זיך אויס אויף אים אַ קלאָג, ווי ס'איז צו אונדז פֿאַרגאַנגען, אַ פֿאָלק, אַז מען פֿאַרטיליקט עס אויף האַלב און דריי־פֿערטל איז ווי אַ טראָפּן וואַסער, ווי אַ קיילעכל קוועק־זילבער. דו שטשיפּעסט אָפּ פֿון אים אַ העלפֿט, נאָר די צווייטע העלפֿט פֿאַרקיילע־כיקט זיך, פֿילט זיך אָן און ווערט צוריק גאַנץ. נאָך מער — די אָפּגעשפּליטערטע זאַמדעלעך לויפֿן זיך צונויף, גיסן זיך צוזאַמען, ווערן צונויפֿגעפּאַרט און באַהעפֿט צווישן זיך".

און קיפּניס רופֿט צו זיין צעפּערטלט פֿאָלק ווי אַ פּראָפֿעט: "לאָמיר'זשע אויפֿשטיין פֿון דער ערד, לאָמיר זיך אויסגלייכן און טראָגן הויך די פֿאָן אונדזערע.

און ער וואָגט אויפצושרייען שוין גאַרנישט מיט קיין עזאָפּישער שפּראַך: ״פעלקער געניסן נאָך איצט אויך פון אונדזער ליכט!״ און ווייטער: ״איר וועט זען, לייט וועלן אונדז נאָך ערלעך האַלטן אויך פאַר אונדזער ע ר ד י ש ע ר ק ר אַ פ ט!״ — אַזוי ווי ער וואָלט דאָרט, הינטער זיבן אייזערנע פאָרהאַנגען — שוין דעמאָלט, אין יאָר 1944, גלייך נאָך דעם שרעקלעכן חורבן, נביאיש פאָרויס־געזען, אַז אינגאַנצן מיט 3—4 יאָר שפּעטער, וועלן די זין און טעכטער פון צע־פּייניקטן, צעפּערטלטן יידישן פאָלק באַווייזן דער גאַנצער וועלט אויך זייער ע ר ד י ש ע ק ר אַ פ ט — און אַ דאַנק איר וועט געבוירן ווערן איינע פון די וווּנ־דער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — מדינת ישראל.

קיפּניסעס ווערטער: ״איר וועט זען, לייט וועלן נאָך אונדז ערלעך האַלטן אויך פאַר אונדזער ע ר ד י ש ע ר ק ר אַ פ ט״ — קלינגען נביאיש איבערהויפּט היינט — אין די גרויסע יידישע טעג, ווען אונדזער צה״ל האָט מיט זיין ערדישער און גייסטיקער קראַפט אויף דער יבשה, אין די הימלען, אויפן וואַסער און אונטערן וואַסער באַדעקט מיט אייביקן רום אויך די פיזישע גבורה פון יידישן פאָלק.

ס׳איז גענוג אפילו נאָר אַ קליין ביסל צו זיין אָריענטירט אין דעם, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער שווערער דרוק פון דער וואַכזאַמער סאָוויעטישער צענ־זור, כדי צו באַנעמען וויפל פּערזענלעכן מוט און שרעקלאָזיקייט קיפּניס האָט אַרויסגעוויזן שרייבנדיק אין יאָר 1944 די דאָזיקע שורות.

2

אויף די הייליקע ערטער

צי האָט איר באַמערקט, ווי אָפט קיפּניס לויפט צו זיין בוזין אויף איר קבר? ״דאָרט איז מיר ליב און היימלעך, ביי בוזיעלען אויפן קבר... ס׳איז נישט קיין פוסטער גאַנג...״ ערשט מיט יאָרן שפּעטער זאָגט ער אייך אויס דעם סוד פון זיינע יונגע סלאָוועשנער צייטן: אפילו ווען ער שפּאַצירט מיט אַ מיידל, וואָס איז אים ליב אין אָט דער מינוט, גייט ער מיט איר אויף... ב ו ז י ע ל ע ס קבר: ״איר (זיין בוזין הייסט עס) וועט זיין ליב, זי וועט זיך נישט בייזערן״ — (״אונטער־וועגנס״). און איר מעגט אים גלויבן — דאָס ווייסט איציק אויף געוויס.

איר וווּנדערט זיך? נישטאָ וואָס זיך צו וווּנדערן, וואָרום דער גוטמוטיקער איציק, וועלכער איז שטענדיק גרייט מיט אייך אַ שטיף צו טאָן, איז דאָך מיט דעם בית־עולם — פאַרברידערט געוואָרן נאָך דעמאָלט, ווען ער איז אָרום און אָרום אַלט געווען אַ ביסעלע מער ווי צוואַנציק — נאָך בעת די בעסטיאַלישע אוקראַיני־שע פּראָגראַמען, ווען ס׳האָבן זיך אַזוי גיך געמערט די ״שטיבלעך״ אויפן סלאָ־וועשנער בית הקברות. תמיד רופט ער די קברים פון די דאָזיקע קדושים ״שטיבלעך״. און ער פאַרשעמט דאָרט קיינעם נישט — פון איין שטיבל גייט ער צום צווייטן,

יעדן, וואָס רוט דאָרט, גיט ער אַפּ שלום, פאַר יעדן פאַרפייניקטן האָט ער אַ גוט וואָרט.

'''"לעבן, שטאַרבן, שטאַרבן, לעבן. איך ווייס שוין נישט אַקוראַט, וואָס דאָס איז. און אָט איז פון יענער זייט טייכל דער באַרג מיט ביידע היילי קע ערטער. דאָרט שלאָפט בוזיעלע מיינע מיט אַ זיסן שלאָף און דאָרטן איז איר מאַמע נאָענט און נאָך אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט און געדאַרפט לעבן". ("אונטערוועגנס").

אָבער די טויטע זיינע רוען זיך אַרומגערינגלטע אין שלווהדיקן לעבעדיקן גרינס פון בית־הקברות. זיי לעבן זיך דאָ זייער אייגענעם לעבן, זעצן פאָר דעם ערדישן קיום זייערן, נישט מער — זיי גייען זיך אויף אַנדערע, ווי ער, וועגעלעך און שטעגעלעך — אַזוי דוכט זיך אים, קיפּניסן: "און ווייל עס וואַקסן אַרום זייערע קברים אַ סך גרעזער,ביימער און קרייטעכצער, ווערט ביי מיר אויסגעוועבט די גאַנצע גרוילקייט פונעם וואָרט "טויט", און סע קרענקט מיך נישט פאַר מיינע נאָענטע. מיר דאַכט זיך, אַז זיי האָבן זיך זייער לעבן. סע נאָר, וואָס מיר גייען נישט אויף איין סטעזשקעלע, מיר זיצן נישט ביי איין טיש און מיר טרעפן זיך נישט אין דעם זעלבן קלוב, צי אין דעם זעלבן בית־המדרש". ("אומטערוועגנס").

ווען איציק אַנטלויפט פון מענטשן, ווען ער פילט זיך מיט זיי שלעכט און ווערט פאַרשעמט דורך זיי, לויפט ער אויפן בית־עולם, ער לויפט אַהינצו אפילו אין אַ ווילד־פרעמדער שטאָט (קראַסני), ווהין ער קומט צום ערשטן מאָל אין לעבן. ("אונטערוועגנס"). דאָרט ווערט איציקן גרינגער, דאָרט איז ער נישט אַזוי געפּאַלן ביי זיך ווי צווישן די לעבעדיקע, וואָס קוקן אויף אים ווי אויף אַ לײדיק־גייער. (אגב, אַזוי דאַכט זיך אים כמעט זיין גאַנץ לעבן).

דעמאָלט, אין די צייטן פון זיינע "חדשים און טעג", ווען ער איז נאָך יונג און קרעפטיק געווען, און אפילו שפּעטער, אין די דרייסיקער יאָרן זיינע, פּרוווט ער די אָפּטע באַזוכן אויפן בית־עולים פאַרשווייגן פאַר זייטיקע און אַמאָל אויך פאַר די סאַמע נאָענטסטע. ער שעמט זיך. און בלויז דער שטויב אויף זיינע פיס זאָגט עדות פון וואַנען איציק קומט אַזאַ איינגעשטילטער.

אָבער איצט, נאָך דעם שרעקלעכן חורבן אונדזערן, טוט ער עס און שעמט זיך מער ניט. אַנדערש וואָלט ער דאָך וועגן דעם זיך נישט מודה־געווען אין זיינע דערציילונגען פון דער צווייטער העלפט פערציקער יאָרן אין זיין "אונטערוועגנס" (ניו־יאָרק, 1960). און ער וואָלט אויך וועגן דעם נישט דערציילט אין זיינע בריוו צו מיר פון קיעוו קיין ירושלים — אין די יאָרן 1964—1969.

אין ראַטנפאַרבאַנד ווערן די יידישע בתי קברות פון יאָר צו יאָר אַלץ שרעקלעכער פאַרוויסט און פאַראיינזאַמט, און אפשר דערפאַר זענען זיי איצט פאַר קיפּניסן נאָך נעענטער און היימישער ווי די אַמאָליקע, די געפּלעגטע און געפּוצטע. איז ער עולה רגל צו זיי אָפּטער ווי פריער.

מיר ביידע פּאַרמאָגן מיט קיפּניסן אויפן קיעווער בית־הקברות אַ היפּש ביסל בערגעלעך,אונטער וועלכע עס רוען אונדזערע געמיינזאַמע פריינד. מיט עטלעכע

יאָר צוריק, ווען איך בין שוין געווען ווייט פון ראַטנפאַרבאַנד, איז דאָרט צוגעקומען אַ ניי "שטיבעלע" — דער קבר פון מיין נאָענטער פריינדין, ווען כ'האָב פאַר־יתומט מיט מיין פאַרלאָזן סאָוויעטרוסלאַנד — מרים כמיעלניצקי. (דאָס איז די געטרייע לערערין צווערשט פון די וואַרשעווער ציש"אָ־שולן, דערנאָך פון די סאָוו־יעטיש־יידישע שולן אין קיעוו). אַן אַרומגערינגלטע מיט וואַרעמקייט פון מיינע איבערגעבליבענע חברים, איז זי אויף זייערע הענט אויסגעגאַנגען.

ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסן גוטן פריינד, ווי נאָר איציק איז מסוגל צו זיין, פאַרגעסט ער אויך איצט נישט מיין האַרץ־פריינדין און ער איז זיך מטפל מיט מרימס אָנדענק אויף זיין אייגענעם קיפּניסישן שטייגער.

"...אַז איך קום באַזוכן מרימס פּלאַץ, האָב איך אייך ביי זיך אין האַרצן" — שרייבט ער צו מיר מיט ניסנען אין אַ בריוו, און דאַטירט אים "תשרי תשכ"ו". נישט אַנדערש, נאָר דוקא מיט אונדזער אייגענער דאַטע, "תשרי תשכ"ו".

..."כ'בין נעכטן געווען לעבן מרימען, איך בין אַן אָפּטער איינגייער דאָרטן...", (ג' באלול תשכ"ו).

ער ווייסט ווי טייער פאַר מיר וועט זיין דער אָנבליק פון איר "שטיבעלע" און ראש השנה תשכ"ו שיקט ער מיר אים צו מיט עטלעכע פּשוטע ווערטער: "אַ חבר האָט געמאַכט אַ פאָטאָ פון מרימס איצטיקער רו. ס'איז געווען אַ טונקעלער טאָג". און ווייטער גייט אַ צושריפט "איצטער איז ליל־הקדש החג. איך הער אין ראַדיאָ יום־טובדיקע ניגונים, ברכות לשנה טובה..."

איך פיל: דאָס מתייחד זיין זיך מיט זיינע טויטע איז ביי קיפּניסן פון זינט די יונגע יאָרן זיינע אַן אָרגאַנישע באַדערפעניש, אַ שטיק פון זיין לעבעדיק לעבן.

ווען איציק קומט אויפן קיעווער בית־הקברות, פאַרגעסט ער אויך איצט נישט (פּונקט ווי אַמאָל אין זיינע יונגע יאָרן) צו באַזוכן אַלטע גוטע פריינד און אפילו די פריינד פון זיינע פריינד. אָפּטמאָל טוט ער עס — דער בן שבעים — נישט געקוקט אויפן שווערן וועטער, הגם זיין געזונט איז נישט אַזוי איי־איי און "ער וואָלט זיך" — לויט דעם, ווי עס שרייבן מיר זיינע פריינד — "באַדאַרפט אַ ביסעלע מער אָפּהיטן".

"...פאַראַכטאָגן זונטיק בין איך געווען לעם מרימען אויפן הייליקן אָרט. ווינטער גיי איך ניט אַזוי אָפּט. דער זונטיק איז געווען אַ נאַסער, אַ קאַלטער. ס'איז אויסגעקומען צו וואַרטן לאַנג אויף אַן אויטאָבוס. און דאָך בין איך ניט געווען מיד און געפילט עפּעס אַ היימישקייט, אַזוי ווי די, צו וועמען איך בין געקומען, ווייסט און איז גערן פון מיין וויזיט. בכלל האָב איך אויפן הייליקן אָרט פאַרבראַכט מער פון אַ שעה. געווען לעבן דער... (די פאַמיליע איז נישט לעזבאַר — א.ר.ש.)

מיטן מאַן, לעם שרה ר' שלומקה'ס [1], לעבן פּרצן [2], לעם חצקל טאַבאַטשניקאָווס אַלטער מוטער [3], לעם אלמוני, לעם זיין איידעם... [4] שבת, פּרשת ויחי ט"ז בשבט תשכ"ז".

דאָס דאָזיקע קאַרטל זיינס איז פון קיעוו אַרויס דעם 9טן יאַנואַר 1967, אָנגעקומען איז עס דעם 1־טן פעברואַר 1967, געווען אין וועג צוויי און צוואַנציק מעת־לעת.

אין זיין קאַרטל, דאַטירט פון ה' תמוז תשכ"ז, וואָס איז אָנגעקומען גראַד היינט, דעם 28סטן יולי 1967, ווען איך גרייט דאָס דאָזיקע קאַפּיטעלע צום דרוק, שרייבט קיפּניס "גאָט זאָל געבן אַ פעסטן שלום, געזונט און גוטס יעדן איינעם. כ'בין געווען לעם מרימס קבר, דאָרט זענען שוין פאַרזעצט בלומען און די מצבה איז אַ בשותפותדיקע — איינע פאַר ביידן". (פאַר מרים כמעלניצקי און פאַר ריקעלע ביאַליק — ביים לעבן געווען צוויי נאָענטע חברטעס). "בין אויך געווען לעם ברוך מרדכיס קבר, ס'איז נאָענט". [5]

דעם אַדרעס מיינעם שרייבט קיפּניס אויף זיין קאַרטל ווי שטענדיק אויך דאָס מאָל, אין עברית.

---

[1] דעם טשערנאָבילער רבינס אַ טאָכטער — שרהלע טווערסקי, — איר געטויע געגעאָלאָגיע האָב איך שוין פאַרגעסן.

[2] פּרץ איז קיפּניסעס שוואָגער — דער מאַן פון זיין שוועסטער, דער יידיש־סאָוויעטישער פּאָעטעסע דינע ליבקעס, וועלכע איז פריער געווען די פרוי פון יונג־פאַרשטאָרבענעם יידיש־סאָוויעטישן פּאָעט מוניע שאַפּיראָ.

[3] חצקל טאַבאַטשניקאָוו איז אַ יידיש־סאָוויעטישער שרייבער.

[4] "אלמוני" — מחמת קאָנספּיראַציע, געמיינט ברוך ווייסמאַנען, אונדזער געמיינזאַמען גוטן פריינד, און זיין יידישן איידעם — דעם ערשטן מאַן פון ווייסמאַנס באַליבטער טאָכטער שרה. איר איצטיקער מאַן איז אַן אוקראַאינער.

[5] ברוך מרדכי, אויך דאָ געמיינט ברוך ווייסמאַן, דעם אויטאָר פון בוך "אל אחי במדינת ישראל, מכתבים עבריים מברית המועצות בלי צנזורה", וואָס איז דערשינען אין ירושלים אין 1957—תשי"ז אונטערן פּסעוודאָנים "יהודי סובייטי אלמוני", און האָט אַ קאָלאָסאַלן נאַציאָנאַלן און היסטאָרישן ווערט. דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז פאַקטיש אַן אוניקום, איז אויפסניי אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ פאַרגרעסערטער אויפלאַגע מיט פיל דערגאַנצונגען.

זאַמי פעדער

"דיערעוואָ נאַ דיערעוויע" — האָלץ אויף האָלץ

(אַ בילדל פון לאַגער)

געווען איז עס אַרום 1944 אין קאַצעט־לאַגער "בונצלאַו", מיר האָבן געאַרבעט אין דער דאָרטיקער האָלץ־פאַבריק פון הובערט־לאַנד, ווו עס זענען פון האָלץ, צווישן אַנדערע זאַכן, אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן באַראַקן און פאַלשע עראָפלאַנען, "אַטראַפען" — גענוי נאָכקאָפירט די דייטשע "מעסערשמידט"־קריגס־עראָפלאַנען.

די דאָזיקע "אַטראַפען" האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט אויף ספעציעל נאָכגעמאַכטע פלי־פלעצער, עטלעכע קילאָמעטער ווייט פון די ריכטיקע פלי־פלעצער, כדי דעם שונא אַריינצופירן אין אַ טעות — ער זאָל באָמבאַרדירן דעם פאַלשן מיליטערישן פלי־פלאַץ — אַנשטאָט דעם ריכטיקן.

ביי אונדז איז אַרומגעגאַנגען אַ "ווערטל", צי דאָס איז געווען אמת, אָדער אַ וויץ, ווייס איך נישט — די רוסן זאָלן האָבן אַראָפגעוואָרפן אויפן פאַלשן פלי־פלאַץ הילצערנע באָמבעס מיט דער אויפשריפט: "דיערעוואָ נאַ דיערעוויע" — "האָלץ אויף האָלץ".

ווייל איך האָב באַהערשט די דייטשע שפראַך אין וואָרט און אין שריפט, בין איך מיט נאָך דרייסיק חברים געוואָרן צוגעטיילט צו דער דאָזיקער אַרבעט פון בויען עראָפלאַנען אַטראַפען. אין דער זעלבער אָפטיילונג האָבן אויך געאַרבעט דייטשע פרויען און אַלטע דייטשע מענער, וועלכע זענען געווען באַפרייט פון מיליטער־דינסט.

די אייגנטלעכע "מאַכט" אין דער דאָזיקער אָפטיילונג האָבן מיר, די יידישע קאַצעטלער, געהאַט און נישט די דייטשע אַרבעטער. אין וואָס איז באַשטאַנען די דאָזיקע "מאַכט"?... נעגל, שרויפן, פאַרב, דיקטן א.א.וו., האָט מען אין דער דעמאָלטיקער צייט אין דייטשלאַנד פאַר קיין געלט נישט געקאָנט קויפן, ווייל אַלץ איז געגאַנגען פאַר דער קריגס־אינדוסטריע. די פאַבריק־לייטונג האָט געוווּסט, ערשטנס, אַז מיר קאַצעטלער ווערן געהיטן ביי טאָג און ביי נאַכט און מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט עפעס אַרויסצושמוגלען פון דער פאַבריק, כדי צו פאַרקויפן, ווי די דייטשן האָבן דאָס פריער געטאָן — געגנבעט נעגל און ביי די פויערים אין דאָרף אויסגעטוישט אויף לעבנסמיטל. צווייטנס, צו וואָס באַדאַרפן זיי, צוליב "סאַבאָטאַזש", אויפהענגען אַ דייטש, ווען אויף דעם אָרט קאָנען זיי אויפהענגען אַ ייד — האָבן זיי אויסגעקליבן אַ חבר פון אונדז ער זאָל זיין דער פאַראַנטוואָרטלעכער פון מאַגאַזין.

אין דער פרי, ווען מיר זענען געקומען צו דער אַרבעט, האָט דער מאַגאַזינער באַקומען דעם שליסל פון מאַגאַזין און ער האָט אויסגעטיילט נעגל, שרויפן, דיקטן א.א.וו. יעדער איינער האָט געמוזט אונטערשרייבן: וויפל נעגל און שרויפן ער האָט באַקומען. אין אָוונט האָט ער געמוזט צוריקגעבן די איבערגעבליבענע און אויך די צעבראָכענע נעגל און שרויפן. מען האָט גענוי געוווּסט, וויפל שרויפן און נעגל, יעדער טייל באַדאַרף האָבן — אַלע דריי צענטימעטער אָפגערוקט האָט באַ־

דאַרפן זיין אַריינגעקלאַפּט אַ נאָגל.

פון צייט צו צייט איז פון דער "עס־אַ"־לייטונג געוואָרן נאָכקאָנטראָלירט, צי מיר האָבן נישט געמאַכט קיין "סאַבאָטאַזש". און דאָך האָבן זיך חברה געגעבן אַן עצה און געהאַנדלט מיט די דייטשן — נעגל פאַר ברויט, שרויפן פאַר וורשט א.א.וו.

איין מאָל איז צו מיר געקומען אַ דייטש און מיר געוויזן, אַז ער האָט אַ סידורל, און ער וויל דערפאַר 25 נעגל. מיר האָבן באַזאָרגט די 25 נעגל און ביי אים אָוועקגענומען דאָס סידורל.

אייניקע טעג שפּעטער קומט צו מיר אַ חבר, וועלכער האָט באַשפּריצט מיט פאַרב די דאָזיקע עראָפּלאַנען זיי זאָלן אויסזען ווי עכט, און ער דערציילט מיר, אַז ער האָט יאָרצייט, ער וואָלט געוואָלט מנחה דאַווענען מיט אַ מנין און קדיש זאָגן — בעט ער מיך, אַז איך זאָל אים געבן דאָס סידורל.

איך האָב געענטפערט: — הער צו, אַברהמל! איך גיב דיר דאָס סידורל; באַלד וועט זיין די צען־מינוטיקע פּויזע, נעם נאָך ניין חברים אַריין צו דיר אין דער שפּריצעריי — דאָרט קאָנט איר דאַווענען און זאָגן קדיש, נאָר געדענק — לאָזט אייך נישט כאַפּן!... ווײ וועט זיין צו דיר און צו אונדז, אויב מען וועט געפינען ביי דיר דאָס סידורל! — ער האָט מיר פאַרזיכערט: אַז איך דאַרף נישט מורא האָבן — עס וועט זיין גוט.

אין דער פּויזע זענען אייניקע חברים אַריין אין דער שפּריצעריי — דאָרט געדאַווענט. פּלוצעם — אַ רעש מיט אַן אויסגעשריי: "זאַכן־קאָנטראָלע!... אַלעס בלייבט אויף דען פּלעצען!" — מיר זענען אַרומגערינגלט פון "עס־אַ" און "עס־עס". ביי יעדן אייניציקן ווערט געזוכט אין די טאַשן און אין זיינע זאַכן: צי ער האָט באַהאַלטן נעגל אָדער שרויפן — דערווייל, צי יאָ שולדיק צי נישט שולדיק — כאַפּט מען פּעטש, קלעפּ און קאָפּעס.

אין דער שפּריצעריי כאַפּט מען די גאַנצע חברה ביים דאַווענען — אַברהמלען ביים קדיש זאָגן. מען האָט ביי אים צוגענומען דאָס סידורל מיט אַן אויסגעשריי: "שאַוט מאַל הער!... די יודען מאַכען איינע געהיימע פערזאַמלונג!"

מען רופט מיך, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכן, איך זאָל דערקלערן: סאָראַ געהיימע פאַרזאַמלונג עס קומט דאָרט פאָר... מיט שווערע מי איז מיר געלונגען זיי צו איבערצייגן: אַ "די יודען מאַכען דאָס טאָטען־געבעט". אויב אַזוי — וויל ער וויסן: פון וואַנען מיר האָבן דאָס סידורל?... איך זאָג אים: אַז איך האָב עס געפונען אויפן וועג פון לאַגער צו דער אַרבעט.

זיי האָבן געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. דעם פּראָטאָקאָל צוזאַמען מיטן סידורל, זאָגן זיי, וועלן זיי אָוועקשיקן קיין בערלין און דאָרט וועט מען באַשטימען, וואָס פאַר אַ שטראָף איך דאַרף באַקומען. דערווייל, האָבן זיי געגעבן דעם הויפּט־מייסטער צו באַהאַלטן דעם "קאָרפּוס־דעליקטי" — דאָס סידורל.

איך האָב געזען ווי דער הויפּטמייסטער נעמט דאָס סידורל, גייט אין זיין ביוראָ און שליסט עס איין אין זיין ביוראָ־טיש.

אין אָוונט, ביים אַריינמאַרשירן אין לאַגער, ווען מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט צום אַפּעל — לייענט מען אונדז פאָר דעם "פאַרברעכן", וואָס מיר זענען היינט באַגאַנגען, און מען רופט מיך אַלס פאַראַנטוואָרטלעכן צום הויפּט־קאָמענדאַנט פונעם לאַגער.

דער הויפּט־קאָמענדאַנט איז געווען (אַן אויסנאַם) אַן אָרנטלעכער מענטש; ער איז טאַקע געווען אַן "עס־עס־האַופּטשטורמפירער", אָבער ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל אים רופן אויף זיין "עס־עסישן"־טיטל: "האַופּט־שטורמפירער", נאָר אויף זיין מיליטערישן — "ריטמייסטער"; און ווען מען האָט געזאָגט: "הער האַופּטשטורמפירער!" — פלעגט ער שטענדיק מיט געבייזער ענטפערן: "ריטמייסטער, פערשטאַנדען!".

דער ריטמייסטער פרעגט מיך איך זאָל זאָגן: פון וואַנען איך האָב דאָס סידורל?

... און צוגעגעבן: ״מענטש, דאָס איזט איינע פאַרדאַמט דומע זאַכע!...״.

דער ריטמייסטער, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אייניקע לאַגערן און צווישן זיי אויך אונדזער לאַגער, האָט נישט גוט געלעבט מיט דער ״עס־אַ״, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער פאַבריק. אים איז געגאַנגען אין לעבן, אַז דער פּראָטאָקאָל, וועלכער איז מער געווען אַ מסירה אויף זיין לאַגער־אָנפירונג, ווי אויף אונדז, זאָל נישט קאָנען אַוועקגעשיקט ווערן קיין בערלין; און ער זאָגט צו מיר: ״וואַרום האַבט איר אייך ערווישן לאַסען?...״ — און ער פרעגט ווייטער — ״נאַ, און פאָן וואָהער האַבט איר דאָס געבעט־בוך?...״ — איך דערצייל אים אַ האַלבן אמת און אַ גאַנצן ליגן: אַז ווו איך אַרבעט, האָב איך אין מיין שענקל געפונען דאָס סידורל מיט אַ בריוול — דאָס בריוול אויס מורא, אַז מען קען עס ביי מיר געפינען, האָב איך באַלד צעריסן. אין בריוול איז געווען געשריבן: אַזוי ווי אַ יודע האָט מיר געגנבעט 25 נעגל, נעם איך מיר צוריק ביי דיר די 25 נעגל און גיב דיר דערפאַר דאָס געבעט־בוך, וואָס ליגט שוין לאַנג ביי מיר.

דער ריטמייסטער פאַרמאַכט אַן אויג און זאָגט: ״זאָל איך איבען דאָס גלאַובען?...״ — און זאָגט ווייטער: אַז ער וועט מיר גלויבן, ווען איך וועל אים ברענגען דאָס סידורל. איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט און איך האָב אים געענטפערט: ״יאַוואָל! הער ריטמייסטער״. — איך בין אַרויס צוריק אויף מיין באַראַק.

ביי אונדז אין לאַגער איז געווען אַ לאַגערשרייבער, אַן עסטרייכישער העפטלינג — נישט קיין ייד. ער האָט געשטאַמט פון ווין. די זעלבע וואָך, ווען ער האָט געזאָלט חתונה האָבן, האָבן די דייטשן אים פאַרשיקט אין קאַצעט־לאַגער ״בונצלאַו״. זיין כלה, וועלכע האָט געוואָלט זיין נאָענט פון אים, האָט זיך געמאָלדן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד און זי האָט אַזוי מאַנעווערירט, אַז זי איז געקומען, אַלס סעקרעטאַרין, צו אונדזער הויפטמייסטער קיין בונצלאַו — קיינער האָט נישט געטאָרט וויסן, אַז זי האָט אַ שייכות צום לאַגער־שרייבער.

איין מאָל האָט זי מיך געבעטן: איך זאָל מיטנעמען אַ בריוול פאַרן לאַגער־שרייבער — איך האָב עס געטאָן. דער לאַגער־שרייבער האָט מיר אָנפאַרטרויט, אַז דאָס איז זיין ״ווייב״ און אַז קיינער טאָר דאָס נישט וויסן — ווייל, מען קאָן זי אויך פאַרשיקן אין אַ לאַגער; אַזוי בין איך געוואָרן דער פאַרבינדונגס־מאַן צווישן אים און זיין פרוי.

ביים איבערגעבן אַ בריוול, האָב איך איר קורץ דערציילט וועגן סידורל. און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און זי האָט פון הויפטמייסטערס שיפלאַד אַרויסבאַקומען פאַר מיר דאָס סידורל.

איך האָב עס אַריינגעשמוגלט אין לאַגער און איבערגעגעבן דעם ריטמייסטער. דער ריטמייסטער פרעגט מיך: נאַ, ווי האַבען זי דאַס געמאַכט?...״ — איך ענטפער אים: ״איך האַבע ניכטס געמאַכט — פלעצליך לאַג עס אין מיינען שפינד (שענקל)״ — וואָס איז אויך געווען אמת. איך הייב אויף מיין האַנט, שטרעק אויס צוויי פינגער און זאָג: ״איך קאַן דאַראַוף שווערן.״ — דער ריטמייסטער האָט ווידער צוגעקוועטשט אַן אויג און געזאָגט: ״נאַ, שאָן גוט — פערשווינדען זי!״ — איך בין אַוועק צוריק אויף מיין באַראַק.

*

מיר יידן האָבן געמוזט צושטעלן יעדן טאָג אַרבעט אויף אַ ווערט פון צוואָנציק טויזנט מאַרק. דער עראָפּלאַן איז געווען צעטיילט אויף חלקים. ביי יעדן חלק האָבן געאַרבעט צוויי אָדער פיר חברים: צוויי חברים האָבן שטענדיק געמאַכט נאָר לינקע פליגל, צוויי נאָר רעכטע, פיר דעם בויך, צוויי נאָר רעדער; למשל: אַ פליגל האָט געקאָסט צוויי הונדערט מאַרק, אַ ראָד: 50 מאַרק, אַ בויך: 500 מאַרק א.א.וו. — און טראָצדעם, וואָס עס האָט יעדעס מאָל אויסגעפעלט אַן אַנדער מאַטעריאַל, האָבן מיר געמוזט צושטעלן צו

דער צייט, דעם פּאַר אונדז באַשטימטן ״פּענזום״: די סומע פון 20,000 מאַרק.

די ״עס־עס־לייטונג האָט געדראָט דעם מייסטער, אַז זיי וועלן אים שיקן אויפן ״אָסט־פראָנט״, און אונדז צו שווערער אַר־בעט: האַקן שטיינער און אויפלאָדענען ליים; נישט איינמאָל, זענען מיר שטיין געבליבן און נישט געוווּסט וואָס צו טון: וויאַזוי צו מאַכן דעם באַשטימטן פּענזום — מיר זענען געווען פאַרצווייפלט.

מיר האָבן נישט געזען קיין אויסוועג. נעגל האָבן שטענדיק אויסגעפעלט און עס איז געווען אוממעגלעך צו מאַכן דאָס קוואַנטום. מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק — איך בין אַריין צום מייסטער אין זיין ביוראָ און האָב אים געזאָגט: אַז סיוויי האָבן מיר רעדער און פליגלען מער ווי בייכער, לאָמיר היינט אַלע מאַכן בלויז בייכער; אַזוי ווי אַ בויך קאָסט 500 מאַרק, וועלן מיר לייכט קאָנען מאַכן די סומע פון 20,000 מאַרק. דער מייסטער האָט אויף מיר רעזיגנירט אַ קוק געטאָן און געזאָגט: ״מאַכען זי וואָס זי וואָלען, אונד ווען עס נישט קלאַפּט, קאָם איך צום ״אָסט־פראָנט!...״ — פון דעם שאָג אָן האָב איך געפירט דאָס רעדל און נישט דער מייסטער.

מיר האָבן צוגעשטעלט יעדן טאָג די באַשטימטע סומע — נאָר ווי וואָלט צו אונדז געווען, ווען מען וואָלט געמאַכט אַ קאָנטראָל אויף דער צאָל עראָפּלאַנען, וואָס מען קאָן צוזאַמענשטעלן — דעמלט וואָלט זיך אַרויסגעשטעלט: אַז מיר האָבן מער לינקע פליגל ווי רעכטע, מער בייכער ווי רעדער, נאָר אַזוי ווי עס האָט פון צייט צו צייט אויסגעפעלט אַ באַשטימטע מאַ־טעריאַל, איז אונדז אייניקע מאָל געלונ־גען אונטערן דאָזיקן ״אויסרייד״ זיך אַרויס־צודרייען, און דערווייל געליפערט אַ קלע־נערע צאָל עראָפּלאַנען. מיר האָבן געוואַרט אויף אַ נס — וואָס זאָל אונדז אַרויספירן פון דער ״פאַרכישופטער״ ראָד.

איין מאָל קומט צו מיר דער מייסטער אַ טויט־בלאַסער, ער רופט מיך אין זיין ביוראָ און זאָגט צו מיר מיט אַ הייזעריקער שטים: ״עס איז נישט גוט!... מאָרגען קאָמט צו אונדז דער ריסטונגס־ און אַמוּ־ניציאָנס־מיניסטער, פּראָפעסאָר אַלבערט שפּעער — ער וויל זיך די פלוגצויג־אַט־ראַפּען אַנזעהען״ — און גיט צו: ״יעצט איזט שלוס!... יעצט צי איך אין דען קריג — אונד איר?... ווייס דער ליבע הער גאָט!...״ — דער מייסטער איז שטיל געוואָרן און געבליבן זיצן אַ ״טוי־טער״. פונקט האָבן אויסגעפעלט נעגל, האַקעס און שרויפן און גראַד היינט האָט מען געליפערט אַלע עראָפּלאַנען, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט צוזאַמענשטעלן. נישטאָ קיין איין שרויף, קיין איין האַק, מען זאָל קאָנען אפילו איין עראָפּלאַן צוזאַמענ־שטעלן. דער מייסטער קוקט אויף מיר פאַרצווייפלט און מיט געבעט, ווי איך וואָלט געווען דער מיניסטער און אים גע־קאָנט ראַטעווען. איך זאָג צו אים: ״הער מייסטער, האָבן זי קיינע אַנגסט — עס ווערט שאָן אין אָרדנונג זיין!״ — נאָר ווי אַזוי, האָב איך אַליין נישט געוווּסט.

די אַרבעטסצייט איז געענדיקט. מיר מאַרשירן אַריין אין לאַגער. אַריינמאַר־שירנדיק, טראַכט איך מיר: ״אַ שאָד אַ גוטע אַרבעט געווען,ווינטער אונטער אַ דאַך און נישט אין דרויסן, אויף דעם פראָסט. מיט דעם מייסטער זענען מיר שוין באַקאַנט — ״ער איז אין אונדזערע הענט״. די חברים האָבן זיך געקאָנט אַר־גאַניזירן פאַר נעגל — אַ ביסל עסן. וועגן סידורל האָט מען שוין פאַרגעסן. איצט ווער ווייס וואָס מאָרגן וועט זיין?...

אין לאַגער נאָכן אַפּעל גיי איך צו מיינע חברים, וועלכע האָבן מיט מיר געאַרבעט ביי די אַטראַפּן און איך דערצייל זיי די געשיכטע: אַז דער ריסטונגס־ און אַמוּני־ציע־מיניסטער אַלבערט שפּעער קומט מאָרגן וויזיטירן די פאַבריק — ער וויל זען אַ מעסערשמידט יו־52 עראָפּלאַן, און מיר האָבן נישט קיין נעגל, קיין שרויפן, קיין האַקנס — מיר קאָנען נישט אפילו קיין איין עראָפּלאַן צוזאַמענשטעלן — דאָס וועט זיין פאַר אונדז אַ קאַטאַסטראָפע.

מיר האָבן זיך באַראָטן און באַשלאָסן,

אַז מיר מוזן באַזאָרגן נעגל און שרויפן אויף מאָרגן, מען דאַרף זען ראַטעווען די לאַגע — אַ שאָד אַזאַ גוטער אַרבעטס־פּלאַץ.

צומאָרגנס מיר קומען צו דער אַרבעט. יעדער חבר האָט אַרויסגעזוכט פון זיין באַהעלטעניש — נעגל און שרויפן. נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר געהאַט כמעט 25 קילאָ נעגל. יעדער האָט באַקומען אַ קנאַפּן קילאָ נעגל. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געקלאַפּט מיטן האַמער אין לערן האַלץ אַריין אַן נעגל. מיט נעגל קלאַפּן האָבן מיר געוואַרט ביז דער מיניססטער וועט קומען.

מיר האָבן אויפגעשטעלט אַן עראָפּלאַן. נאָר אַזוי, ווי מיר האָבן נישט געהאַט קיין שרויפן און האָקעס, האָב איך ביי די פליג־לען, ווו עס האָבן באַדאַרפן זיין האָקעס, געלאָזט אָנקלאַפּן צוויי לאַנגע שטאַנגען און אין בויך פון עראָפּלאַן אַריינגעזעצט צוויי יונגע חברים, וועלכע האָבן אינעוויי־ניק פעסטגעהאַלטן די פליגלען. אַלע אַנ־דערע זאַכן, ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט, האָט מען פאַרקלאַפּט מיט נעגל אַנשטאָט האָקעס — דער עראָפּלאַן איז געשטאַנען.

פונקט צען אַזייגער אין דער פרי, קומט דער הויפּטמייסטער אַריין אין אונדזער אַרבעטס־זאַל מיט אַן אויסגעשריי: "אַכ־טונג, זעקס!!!..." — "זעקס" איז גע־ווען אונדזער געהיימער "פּאַראָל", ווען מיר האָבן זיך געהיטן פאַרן שומר אונ־דזערן אָדער מייסטער — מען זאָל אונדז נישט כאַפּן ביי אונטערהאַלטן זיך אָדער נישט אַרבעטן. דער הויפּטמייסטער האָט דעם "פּאַראָל" דערשנאַפּט און נישט איין מאָל אונדז דערפאַר באַשטראָפט; היינט איז ער אַריין צו אונדז מיט אונדזער פּאַ־ראָל: "אַכטונג, זעקס!... וואָס האָט גע־הייסן: אַרבעטן — ער קומט!

שוין הערן מיר אַ גערודער — און ביי אונדזער חברה הייבט זיך אָן אַט דאָס פון מיר איינרעזשיסירטע "טעאַטער": עס ווערט אַ געקלאַפּעריי און טאַקע מיט נעגל, טויב צו ווערן — עס רודערט זיך. חברה האָבן נאָך קיין מאָל נישט אַזוי

שנעל און אַזוי גוט געאַרבעט ווי איצט. צוערשט גייט דער שעף פון דער פאַבריק, אַן "עס־אַ"־מאַן אין הויכן ראַנג פון אַ שטורמבאַנפירער. נאָך אים גייט דער מי־ניסטער אַלבערט שפּעער (אויב דאָס איז באמת געווען אַלבערט שפּעער, ווייס איך ביז היינט נישט), און נאָך אים אַ גרופּע פון "עס־עס־מענער" אויך פון הויכן ראַנג. אונדזער מייסטער ציט זיך שטייף אויס און אויסשטרעקנדיק די רעכטע האַנט, שרייט אויס: "הייל היטלער!!!" — וואָס צוליב אונדזער געקלאַפּעריי, האָט מען גאָרנישט נישט געהערט. דער מייסטער פירט אַרום דעם מיניסטער און זיין סוויטע און דער־קלערט אים: ווי אַזוי די עראָפּלאַנען ווערן געבויט. דער מיניסטער פרעגט דעם מייס־טער: אויב אַלץ קלאַפּט אין אָרדנונג און צי דאָס רוי־מאַטעריאַל ווערט פּינקטלעך צוגעשטעלט. דער מייסטער ענטפערט אים: "יאָ, איינגערמאַסען, אָבער מאַנכעס מאָל — נישט גענוגענד."

איצט זענען זיי אַרויס אין הויף אָנקוקן דעם עראָפּלאַן. ביי אונדז אַלעמען קלאַפּן די הערצער שטאַרקער. דרויסן איז אַ גרוי־סער פראָסט — צען גראַד אונטער נול. די יונגע חברה זיצן שוין צוויי שעה אינעם עראָפּלאַן און ווערן געפרוירן — וועלן זיי אויסהאַלטן?... וועט דער עראָפּלאַן, ביים אויספּראָבירן זיין פעסטקייט — נישט צו־זאַמענפאַלן — די שפּאַנונג איז געווען גרויס.

נאָך צען מינוט קומען זיי צוריק אין אַר־בעטס־זאַל אַריין. איך הער בלויז, ווי דער מיניסטער זאָגט: "זייער שיין!" — דער מייסטער אונדזערער שיינט אויפן גאַנצן פּנים — ער גיט זיך אַ שטעל גראָד, ציט זיך נאָך שטייפער אויס ווי פריער, שטרעקט אויס די רעכטע האַנט און ריט־שעט אַרויס: "דאַנקע הער מיניסטער, הייל היטלער!!!"

דער מיניסטער און זיין סוויטע מיטן הויפּטמייסטער זענען אַוועק — און אין דעם מאָמענט, ווי די גאַנצע גרופּע מיטן מיניסטער זענען אַרויס פון אַרבעט־זאַל, — זענען די רעשט נעגל פאַרשוווּנדן גע־

וואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. דער עולם האָט געקלאַפּט אין לערע ברעטער און נעגל — אַבי אָנגעמאַכט אַ רעש, אַז מען אַרבעט. דער מייסטער אונדזערער איז געווען צופרידן — מיר אויך.

צימאָרגנס איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט מיט נעגל און שרויפן. מיר האָבן ווייטער געמאַכט עראָפּלאַנען און חברה האָט ווייטער זיך אָרגאַניזירט פאַר נעגל — עסוואַרג. אויב מיר האָבן נישט געהאַט דאָס ״פּענזום״, האָבן מיר זיך ווייטער אַרויסגעהאָלפן מיט מאַכן בייכער — אַבי אין אָוונט זענען געווען די ״צוואַנציק טויזנט מאַרק״.

ווי וואָלט צו אונדז געווען און אויך צום מייסטער, אויב עס וואָלט געקומען אַ קאָנטראָל און געפאָדערט צוזאַמענצושטעלן אַלע עראָפּלאַנען — עס וואָלט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס זענען דאָ איבער הונדערט בייכער, דאָקעגן נאָר 70 רעכטע פליגל, 50 — לינקע, 150 פּראָפּעלערס א.א.וו. — ווער ווייס, וויפל פון אונדז צוזאַמען מיט אונדזערן מייסטער וואָלטן פאַר ״סאַבאָטאַזש״ אויפגעהאָנגען אָדער דערשאָסן געוואָרן — אַ מזל האָבן מיר געהאַט, וואָס דער רוסישער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו אונדז און די ״עס־עס״ איז געווען געצוווּנגען אונדזער לאַגער צו עוואַקואירן — מען האָט אונדז געטריבן אויפן באַרימטן ״טויטן־מאַרש״ קיין בערגען־בעלזען.

מאַרשירנדיק אויפן וועג, האָבן מיר געזען שטיין פאַרלאָזט צענדליקער לאַסט־אויטאָס מיט ״אונדזערע״ עראָפּלאַן־אָטראַפּן.

✶

צו דער ערשטער יאָרצייט פון ירחמיאל בריקס ז״ל

דאָנערשטיק, דעם 18טן סעפּטעמבער תשל״ו איז געוואָרן אַ יאָר זינט ס׳איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין ירושלים אויפן הר הזיתים, דער באַוווּסטער יידישער שרייבער **ירחמיאל בריקס** ז״ל.

בריקס, וועלכער האָט אַליין דורכגעמאַכט דאָס נאַציסטישע גהינום פון געטאָס און טויטלאַגערן און איז געווען איינער פון די ווייניק געראַטעוועטע, האָט נאָך דער באַפרייונג געלעבט אין ניו־יאָרק און אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי וואָגיקע פּראָזע־ווערק וועגן חורבן, וועגן פּיין און אומקום פון די געטאָ־יידן און קאַצעטלער.

אַזעלכע ווערק זיינע ווי ״אַ קאַץ אין געטאָ״, ״די פּאַפּירענע קרוין״ און אַנדערע זענען ברייט באַוווּסט געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור. אייניקע פון זיינע שאַפונגען זענען אויך איבערזעצט געוואָרן אויף אַנדערע שפּראַכן.

אויפן הר הזיתים איז פאָרגעקומען אַן אזכרה לזכר דעם פאַרשטאָרבענעם. ס׳איז געקומען די אלמנה פרוי הינדע בריקס מיט אירע צוויי טעכטער.

צווישן די אָנטיילנעמער אין דער אַזכרה האָבן זיך געפונען אַ גרופּע יידישע שרייבער און קולטור־טוער פון תל־אביב און חיפה, קרובים, פריינט און פאַרערער פון באַרימטן שרייבער.

אין דער טרויער־דעלעגאַציע פון דער ירושלימער יידישער שרייבער־גרופּע האָבן זיך באַטייליקט — **זיאַמע טעלעסין, פּראָפ׳ סאָל ליפּצין, זאַמי פעדער, יוסף קערלער, לייב ראָכמאַן** און **אפרים שעדלעצקי**.

מיט קורצע אָנדענק־ווערטער וועגן ירחמיאל בריקס ז״ל און וועגן דער באַדייטונג פון זיין ליטעראַרישער ירושה זענען אַרויסגעטראָטן דער דיכטער **יוסף קערלער**, דער פאַרזיצער פון חיפהער דאָקומענטאַציע־אינסטיטוט **טוביה פרידמאַן** און דער שרייבער **א. ווערטהיים**.

יוסף בריקס, דער ברודער פון ירחמיאלן, האָט געזאָגט קדיש.

שרייבער און ווערק

לייב ראָכמאַן

דער יידישער שרייבער דאָ און דאָרט

דעם 30סטן יוני 1975 איז אין וואַן־ליר־אינסטיטוט אין ירושלים פאָר־געקומען די יערלעכע פאַרטיילונג פון פרס ראש־ממשלה פאַר יידישער קולטור־שאַפונג וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן היי־יאָר צום דריטן מאָל פאַרן שרייבער לייב ראָכמאַן. געעפנט דעם אָוונט האָט אין נאָמען פון קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל יצחק קאָרן. די מאָטיוון פון זשורי האָט געלייענט דער שרייבער משה יונגמאַן. באַגריסונגס־רעדעס האָבן געהאַלטן: שר החינוך והתרבות אהרון יאַדלין, וויצע־שטאָט־פרע־זידענט ד״ר י. גאָלדשמידט און ד״ר גרשון וויינער — אין נאָמען פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים. דאָס שלוס־וואָרט האָט געהאַלטן גאָלדע מאיר, וואָס האָט געגרינדעט די פרעמיע בעת איר קאַדענץ אַלס פרעמיער. מיר ברענגען ווייטער פראַגמענטן פון דער רעדע וואָס דער לאורעאַט פון דער פרעמיע האָט געהאַלטן ביי דער גע־לעגנהייט.

די יידישע שרייבער זענען אפשר די איינזאַמסטע מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום צווישן אונדז. זייט דער שואה דויערט ער אַזוי, דער פאַרגאַנג פון דאַזיקן שבט. קיינער וואַרט נישט אויף זייערע שורות. נישט בלויז וואָס עס איז שוין באַלד נישטאָ ווער עס זאָל לייענען זייערע שאַפונגען, נאָר שוין נישטאָ באַלד ווער עס זאָל לייענען זייערע שאַפונגען, נאָר שוין נישטאָ באַלד וועמען צו שיקן זייערס אַ בוך. אויך קינדער קאָנען נישט די שאַפונגען פון זייערע עלטערן. יידישע ביכער ווערן פון די יורשים אַרויסגעוואָרפן, פשוט — ווייל זיי קאָנען אין זיי נישט לייענען. יידיש ביבליאָטעקן ביי מענטשן זענען ווי יתומים. נישטאָ וועמען זיי איבערצוגעבן. זייערע רוקנס זענען פאַרשעמט אויסגעדרייט אין די ספרים־שענק. זקנים דרייען זיך אַרום און זוכן וועמען איבער־צולאָזן זייערע יקר־המציאותן; זיי האָבן זיי געזאַמלט אַ לעבן.

אָפט מאָל דאַכט זיך, אַז זיי, די יידיש־שרייבער, זענען ווי עלטערן, וואָס זענען איבערגעבליבן נאָך דער שואה — אַליין, אָן קינדער. זיי זענען דערגאַנגען צו דער מדרגה וואָס קיין שום שרייבער איז צו איר נישט דערגאַנגען. זיי שאַפן בלויז, ווייל זיי מוזן, פאַר דער גניזה. זיי באַשרייבן די סודות פונעם אונטערגאַנג. זיי פילן, ווי בעת דער שואה וואָלט גאָט זיי אַנגערירט, אַנגענומען פאַרן קאָלנער, צוגעפירט צום פענצטער פון דער וועלט, און געזאָגט:

— זע!

דער וואָס זעט דאָס איין אויגנבליק, קאָן מער נישט לעבן.

איצט, ווען מיר האָבן זוכה־געווען און פאַר אונדזערע אויגן ווערט מקויים דער חזון אחרית הימים פון יחזקאל, ווען די ביינער נעמען דאָ אויף זיך אָן הויט און לייב — זענען די יידישע שרייבער עדות, זיי זענען דעם חזון. זייערע אויגן ווערט אויפגעריסן, זיי האָבן זוכה־געווען דאָס צו זען!

אָפט מאָל איז פאַראַן דאָס געפיל, אַז זיי טוען זאַכן, וואָס מען טאָר נישט, ווייל — פונקט ווי מען טאָר נישט דערציילן סודות פון דער בריאה, פון מעשה מרכבה — טאָר מען אויך נישט דערציילן סודות פונעם פאַרלענד, פון כליון. מיר זענען געווען עדות פון דעם. גאָט האָט נישט ליב דעם, וואָס קוקט אים אויף די פינגער. זיי שרייבן און ציטערן, אַז זיי פאַרשווועכן, מען טאָר נישט. זיי שרייבן ווייטער בדחילו ורחימו, ברענגען אַרויס ווערטער, מיטן געפיל פון אַנטדעקן דעם שם המפורש.

איך וויל דאָ דערציילן אַ סוד, אַז נאָר שרייבן וועגן דעם אויף יידיש, איז אפשר אַ געוויסע פאַרלייכטערונג, אַן איינשטילעניש פונעם געמיט, אַ פאַרגראָבן זיך טיפער. עס דאַכט זיך, אַז נאָר אין יידיש מעג מען אפשר אַרויסברענגען די אַלע סודות. זי ווערט די ערד אין וועלכער מען איז קובר די אַלע זעאונגען. יידיש איז ווי גווילין, פאַרמעטס. די סודות ווערן נישט אַנטדעקט. אדרבה, זיי פאַרהיטן זיך אין דער שפּראַך.

יעדנפאַלס, ווען מען קומט מיט אַ מאָל און מען טיילט־צו דעם פרס ראש ממשלה דווקא דיר, — איז דאָס גורם אַ טאָפּלט געפיל. פון איין זייט ווערט שטאַרקער די מורא; עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ טעות; מען זעט דיך — און — פון דער צווייטער זייט איז דאָס זיכער דער גרעסטער זכות.

און איצט נאָך אַ פּאָר ווערטער:

יידן ווערן פון תמיד אָן גערופן עם הספר. מיר זענען דער עם הספר — נישט בלויז ווייל מיר האָבן געשאַפן און דער וועלט געגעבן דעם תנ״ך; נישט בלויז צוליב דעם, וואָס שוין מיט ניין הונדערט יאָר צוריק, בעת אַנדערע פעלקער האָבן נאָך נישט געקאָנט שרייבן — האָבן מיר שוין געהאַט אַזאַ מאָדערנעם דיכטער ווי יהודה הלוי, נאָר אפשר בעיקר ווייל מיר האָבן געגלייבט, אַז אַ וועלט אָן תורה, אָן מאַראַל קאָן נישט האָבן קיין קיום.

מיר האָבן געוווּסט, כל עיר שאין בה עשרה בטלנים נידון ככפר.

אַ שטאָט אין וועלכער עס זענען נישטאָ קיין צען, וואָס לערנען תמיד תורה, איז ווי אַ דאָרף.

דער סימן היכר פון אַ שטאָט, איז אויך, אַז עס איז אין איר דאָ אַ מלמד תינוקות. אַנדערש, טאָר מען אין איר נישט וווינען.

מיר האָבן געגלייבט, אַז עס לעבן פאַרבאָרגן ל״ו צדיקים. אויף זיי שטייט די וועלט.

יעדעס אָרט אין מזרח-אייראָפּע איז פול געווען מיט בתי מדרשים, אין וועלכע פשוטע יידן, בעלי-מלאכות האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די פאַרנאַכטן און איינער האָט מיט זיי געלערנט, איינגעזונגען די מזמורים פון תהילים. פון די שולן אין שטעט און שטעטלעך האָט זיך געטראָגן דער ניגון, און אויך דער פון משניות, עין יעקב און מדרש.

דער פענאָמען איז, אַז אין פוילן: קראָקע, ווילנע, לובלין, וואַרשע, פּיעטרע-קאָוו, זשולקעוו, און אין אַנדערע שטעט, — יעדע פון זיי — אַן עיר ואם בישראל — האָט מען געדרוקט ספרים פון ספרדישע גדולים אין פּראָוואַנס, איטאַליע, שפּאַניע, די גריכישע אינדזלען. מען האָט געדרוקט דעם זוהר, דעם אלשי״ך, שערי דורא, רבנו בחיי, דעם שערי אורה, דעם פּרדס רימונים, ר׳ אליהו מזרחי אויף רש״י, דעם ספר יוחסין — שלשלאָ קבלה, ספר הגלגולים פון ר׳ חיים וויטאַל, דעם עקידת יצחק און ממש אַ ים, אַ ים מיט ספרים.

און מען מוז געדענקען, אַז די דרוקערייען האָבן געדרוקט פאַר יידן, וואָס האָבן קוים זיך דערוואָרט. די דרוקערייען זענען געווען אַרומגערינגלט פון קונים, יידן, וואָס האָבן מעיין-געווען און געקאָנט די ספרים.

אָבער — זיי, אונדזערע שונאים, האָבן געוואָלט אַ וועלט אשר לא יזכר שם ישראל עוד; אַ וועלט אָן תורה. יאָרן, בעת דער מוראדיקער אויסראָטונג, איז אייראָפּע טאָקע געווען פאַרשטילט. מען האָט אין ערגעץ נישט געהערט דאָס קול פון לומדים.

מיר האָבן געוווסט: אַזאַ וועלט קאָן קיין קיום נישט האָבן.

אויך בעת דער שואה האָבן מיר געגלייבט, אַז ערגעץ מוזן זיצן צען יידן, עשרה בטלנים, און געהיים, אין קעלערן, עוסק-זיין אין תורה. אַנדערש וואָלט די וועלט אונטערגעגאַנגען.

באַלד נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה איז די יידישע וועלט געוואָר-געוואָרן, אַז זייטן יאָר 1941, ד.ה. אין סאַמע מיטן פון דער שואה, איז אין בעלגיע, אין בריסל, געזעסן אין אַ באַהעלטעניש דער ייד נתנאל לעווקאָוויטש, צוזאַמען מיט הרב שמואל היבנער, און זיי האָבן איבערגעזעצט דעם תלמוד אויף יידיש זיי האָבן צוגעגעבן ניקוד, אָפּשטעל-צייכנס, קאָמענטאַרן. זיי האָבן מורא-געהאַט, אַז נאָך דער מלחמה וועלן נישט בלייבן קיין יידן, וואָס וועלן קאָנען דעם אָרי-גינאַל. עתידה תורה להשתכח מישראל.

בעת דער שואה, אין געטאָס און באַהעלטענישן, זענען יידן געזעסן, אומע-

טום, אין גסיסה־שרעק און פאַרשריבן לדורות יעדן פּרט. ז י י וועלן נישט לעבן, אָבער דער פּאַלקס־פּינקס דאַרף אָנגיין.

יידישע שרייבער האָבן דעמאָלט געשריבן, געשאַפן זייערע ווערק, זייענדיק זיכער אַז זיי אַליין וועלן נישט לעבן, אָבער דער ניצוץ האָט אויף קיין איין רגע, אויך דעמאָלט, זיך נישט אויסגעלאָשן. פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה ביז היינט זענען געשריבן געוואָרן הונדערטער און הונדערטער ווערק, נישט בלויז וועגן די רגעס פון יציאת נשמה, נאָר וועגן יידישן לעבן, בעת עס האָט גע־שפּרודלט ביי די טייכן פון אייראָפּע.

יידן, ווו זיי האָבן געוואַנדערט, אין אַלע שרפות, פּאָגראָמען, גירושים, נאַכט־אומגליקן, האָבן קודם געראַטעוועט, גענומען אויף די אַקסל, דעם ספר און אַנטלאָפן. מיר קאָנען אומצאָליקע בילדער פון וואַנדערנדיקע — מיטן ספר אויף די פּלייצעס.

און אפשר האָבן זיי, אונדזערע שונאים, געוואָלט אונדז אָפּמעקן פון איבערן פּנים פון דער ערד טאָקע צוליבן ספר? מיר זענען דאָך געווען די, וועלכע האָבן אויסגעקריצט אויפן לוח פון אונדזער הארץ דעם געבאָט פון "אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד". דאָס איז געווען דער דין אפילו לגבי שטומע בהמות.

דער גאַנצער כלל ישראל איז אַזוי געגאַנגען: אותו ואת בנו — ביום אחד!

און איצט — ווער פאַרשטייט די וועגן פון דער השגחה! אפילו ספר תורה שבהיכל צריך מזל. גראָד מיר, איינער פון אַ משפּחה, צוויי פון אַ שטאָט, זענען געבליבן; גראָד אויף אונדז איז אויסגעפאַלן, ווי מיר וואָלטן באַקומען אַ באַפעל, זיך צו ראַטעווען, און אויפצוגייען אַהער. גראָד פון אונדז דאַרף זיך אָנהייבן דאָס נייע יידישע פאָלק! איך האַלט דאָס — אי פאַר אַ גזירה; אויף אונדז איז געפאַלן דער גורל, אי פאַר אַ גרויסע זכיה. איך מוז זאָגן, צו צוויי זאַכן האָב איך זוכה געווען וואָס לאו כל אדם זוכה. איך בין אפשר געבוירן געוואָרן אין דעם גרעסטן פון אַלע צייטן יידישן דור. איך האָב געהאַט דעם זכות צו זיין מיט מיין פאָלק אין דער שואה! וואָס וואָלט איך געטון, ווען בשעת מעשה, בעת אַלע יידן זענען געגאַנגען אויף די וועגן פון אייראָפּע, אין דעם טויט־מאַרש, וואָלט איך נישט געווען מיט זיי? און איצט איז מיר אויסגעפאַלן דער זכות צו לעבן מיט מיין פאָלק אין גרעסטן געשעעניש פון דער יידישער געשיכטע — אין מדינת ישראל; אין סאַמע די טעג, בעצם היום הזה!

אונדזער רוקן איז אויסגעגלייכט, מיר קאָנען ווידער אויפהייבן דעם פּנים.

דאָ איז דער צענטער, נישט בלויז פון היינטצייטיקן יידישן לעבן, נאָר דער צענטער אויף וועלכן אַלע דורות האָבן געבעטן.

איך האָב זוכה געווען צו לעבן מיט מיין פאָלק אין זיין שפל המדרגה, און איצט אין זיין גרעסטער עליה.

און — איך לעב אין ירושלים.

אַזוי ווייניק מענטשן פון אַלע דורות האָבן זוכה געווען דורכצוגייען דאָ זייער לעבן.

און אפשר נאָר מיט אַזאַ גרויס פֿאָלק ווי דאָס יידישע פֿאָלק — האָבן געקאָנט געשען — פֿון איין זייט, די פּאַרטיקייטן פֿון דער שואה און פֿון דער אַנדערער זייט, די תקומה!

איך וויל אָבער, ביי דער איצטיקער געלעגנהייט, ווייטער רעדן, נישט וועגן אונדזער באַשערטקייט בכלל, נאָר וועגן גורל פֿון יידישן ספר. מיר האָבן זיך גע־ראַטעוועט אַהער, נישט סתם. נישט בלויז מיטן נפש, וואָס דאָס אַליין איז אפשר די גרעסטע שטערונג, און זי וואָלט געוועזן גענוג, נאָר בעיקר — מיטן ספר. מיט אונדזער שטייגער, מיט אונדזער מסורה. פֿון תמיד אָן האָט דער שונא אויסגעלאָזט זיין כעס קודם צום יידישן לעבנסגאַנג. עס איז אַ פֿאַקט, נישטאָ קיין וואַסער אין וועלכן מען האָט נישט געוואָרפֿן דאָס יידישע ספר; נישטאָ קיין פֿייער אין וועלכן מען האָט אונדזערע ספרים נישט געברענט. אָנהייבנדיק פֿון ר׳ חנינא בן תרדיון, וועלכן מען האָט פֿאַרברענט, וספר תורה עמו, ביז היטלערס חיילות, וואָס האָבן אויסגעלאָזט קודם צום יידישן גייסט, צו דער יידישער מאָראַל, צו די יידישע מידות, צו אַלע וואָס האָט זיי, די שונאים, דערמאָנט אין אלוהי ישראל. דאָס אַלץ צוזאַמען מיט דער יידישער אמונה האָבן זיי געוואָלט פֿאַרלענדן. אַלץ האָט געדאַרפֿט בלייבן — יעזוס, מאַכמעד, בודהאַ, אַלע געצן, אָפּגעטער, אַלץ, אַלץ, נאָר נישט דער אלוהי ישראל.

איך בין זיך מודה, אַז איך בין אַ מאמין דווקא, ווייל איך וויל עס זאָל זיין לעולם ועד דער אלוהי ישראל.

און איצט — ב״ה זענען מיר דאָ. מיר זענען געבאָטן צו געדענקען, אַז מיר זענען אַהערגעקומען קודם ראַטעווען אונדזער יידישקייט. מיר פֿלעגן דעם עבר אין דער מיט לאַנד, און אונדזערע קינדער היטן אָרום און אַרום, די גרענעצן. זיי היטן בעיקר אונדזער אייגנאַרטיקע יידישע שעפֿערישקייט, ווייל — מען דאַרף פֿאַר־שטיין — לאָמיר אויף אַ רגע וועלן ווערן אויס, ווערן אַ שטייגער מוסולמענער, — איז אויף אייביק אויס מלחמות.

מיר זענען אַהערגעקומען, ווי יענע מאַמע אין געטאָ.

איך געדענק ביי אונדז אין געטאָ, אין אַ שפּעטן אָוונט, אין אַ שניי־שטורעם, ווינט, גליטש, ווען אַלץ האָט געשמיסן אין פּנים — האָט אין דער ״סאָציאַלער שוץ״ זיך אויפֿגעפּראַלט די טיר; עס איז אַריינגעפֿאַלן אַ מאַמע מיט צוויי קינדער. איינס ביי דער ברוסט, פֿאַרוויקלט אין אַ פּאַטשיילע, און דאָס צווייטע פֿון בערך צען יאָר — ביי דער האַנט. זי מיט די קינדער זענען געווען פֿאַרפֿרוירן. זי איז מיט זיי געלאָפֿן איבער פֿעלדער הונדערטער קילאָמעטער אָן אָטעם, ביז זי איז געקומען צו אונדז. זי האָט באַוויזן אַ זאָג־צו־טון: — כ׳האָב אייך געבראַכט די קינדער. נעמט זיי צו. ראַטעוועט זיי!

און זי איז געפֿאַלן, מער נישט געוועזן.

אַזוי האָבן מיר אונדזער פֿרישן דור געבראַכט אַהער. אין דער יידישער מדינה, מיר האָבן אים דאָ איבערגעגעבן. עד כאן. ביז דאַנען!

מער טראָגן מיר פֿאַר זיי נישט די זאָרג!

מיר מוזן פאַרשטיין, אַז אַ פאָלק מיט אַזאַ דערפאַרונג, מיט אַזאַ נסיון, מוז מיט זיך טראָגן דעם אלף־בית פון ״והגדת לבנך!״, איבערגעבן אונדזערע קינדער. זיי האָבן דעם זכות, די פריווילעגיע, צו וויסן. עס קומט זיי! עס קומט זיי, אַז מיר זאָלן זיי מאַכן ירשענען אונדזער דורותדיקן נסיון, כדי זיי זאָלן וויסן ווי צו לעבן. ער, דער דור, זאָל די טעותים פון דורות יונגע יידן נישט מאַכן. אַנדערש, זענען מיר מתחייב בנפשו.

ווי געזאָגט, האָבן מיר געראַטעוועט אַהער נישט בלויז אונדזער פיזישע עקזיס־טענץ, נאָר בעיקר אונדזער אייגנאַרט. מיר שטעלן דאָ אויף פון דאָס ניי אַלע שטייגערס.

מיר דרוקן יזכור־ביכער, צענטליקער און צענטליקער — פון פאַרגעסענע יידישע קהילות אומעטום.

אונדזערע געלערנטע שאַפן און רעקאָנסטרואירן דאָס יידישע גייסטיקע, מאָראַ־לישע און עקאָנאָמישע לעבן. מען פאָרשט די אינקוויזיציע, יידישע מאכלים, קליי־דונג — אין אַפגאַניסטאַן, בראַזיל, מזרח־אייראָפּע, צפון־אַפריקע, א.א. אונדזערע שליחים פאָרן איבער ביבליאָטעקן אין דער וועלט. מען ברענגט כתב־ידן, פאָטאָס, אויפנאַמעס פון דאָקומענטן, ספרים, בתי מדרשים, בית עולמס. אַ וועלט ווערט דאָ צוריקגעשטעלט. גייסטו שפּעט ביי נאַכט אין ירושלים, זעסטו פענצטער באַלויכ־טענע, צימערן מיט ספרים־שענק, און פאָרשער זיצן אָנגעלענט איבער טישן, זיי שרייבן, שטעלן אויף פון דאָס ניי, די יידישע געשיכטע ביז די היינטיקע טעג.

דער שרייבער פון דער שואה ווייסט, אַז נסים קאָנען מיט אונדז געשען נאָר דאָ, און נישט ערגעץ אַנדערש. ווי פאָרשער וועלכע זענען איבערגעבויגן טיף אין פאַרהוילענע קעלערן און ביי אַ קליין ליכט דעשיפרירן זיי דאָקומענטן פון פאַר־גאַנגענע צייטן, זיצן שרייבער פאַרבאָרגן און ווילן באַנעמען דעם אומקום פון קהילות, פון דורות יידן וואָס זענען אָפּגעהאַקט געוואָרן אין אייראָפּע, פון לעצטע וועגן — פון וועלכע זיי זענען געווען עדות. זיי האָפן, אַז זייערע שאַפונגען וועלן אַריין אין אוצר פון פאָלק! די מדינה וועט זיי זיך צו אייגענען.

יעדנפאַלס איז זייער אַרבעט שלא על מנת לקבל פּרס. זיי טאָרן דאָס נישט. נישט צוליב דעם איז אויף זיי אָנגעשטעלט געוואָרן דער פינגער, זיי זאָלן זיין צווישן די איבערבלייבענישן פון זייער פאָלק, וואָס עס איז אויף אים נגזר־געוואָרן:

כי ממנו יקרא לך זרע!

ער, דער יידישער שרייבער, וועט זיין צווישן די וואָס פון זיי וועט זיך אָנהייבן פון דאָס ניי דאָס יידישע פאָלק אויף דער ערד פון זיין נסימדיק, דורך דורות אויס־געבעטן לאַנד.

מיר דאַרפן דאָס ווערט זיין. צו וויפל הכנעה איז אונדז דאָס מחייב?!

דב סדן

צווישן באַטייט און שפּיל

א

עס איז אַ קיימא־לן, אַז אַ וואָרט האָט גאָר אָפט נישט בלויז איין באַטייט נאָר עטלעכע באַטייטן, און עס געהער צום שפּראַך־ און ליטעראַטור־גאַנג דעם באַטייט־שפּיל, לשם הומאָריסטישן עפעקט אויסצונוצן. צומייסטן געשעט עס מיט ווערטער, בעיקר סובסטאַנטיוון און ווערבן, וואָס פאַרשיידענע פּרעפיקסן זענען גורם צו אַן אינטערעסאַנטן, צומאָל גאָר פּיקאַנטן באַטייט־וואַנדל. אַזוי, אַ שטייגער, געפינען מיר ביי שלמה עטינגער אַ פראַגמענט, וואָס קלינגט אַזוי צו זאָגן: "דער סוחר פּאַרזעצט די פּערל און זיצט אויף קיין לייפּסק און נעמט סחורה אויפגעזעצט און קומט אַ היים און קען זי נישט אָפּזעצן, ווייל מען האָט אים איבערגעזעצט, מוז ער אָנזעצן; הייסט דאָס געזעץ, מען זאָל אים איינזעצן, כדי ער זאָל אָפּזיצן וואָס ער האָט אָנגעזעצט; מוז ער פון האַנדל אויך אָפּזעצן, ווייל ער האָט שוין נישט וואָס איינצוזעצן" (כתבים אויסגאָב מאַקס ווײַנרײַך, 1925, באַנד 2, ז. 547).

אַז מיר קוקן זיך איין אין די ווערבן זעען מיר, אַז פאַראַן צווישן זיי, וואָס לעבן עד־היום אין דער שמועס־ און ליטעראַטור־שפּראַך אין די דאָ אָנגענומענע באַטייטן (פּאַרזעצן, אָנזעצן, געזעץ, אָפּזיצן), פאַראַן וואָס ווערן דאָ געבראַכט אין צוויי באַטייטן (איינזעצן) און בלויז איין באַטייט איז שכיח (איינזעצן אין טורמע, געפּענקעניש, קרימינאַל), בשעת דער אַנדערערער באַטייט (איינזעצן = אינוועסטירן) איז שוין גאָר־גאָר זעלטן; פּונקט ווי עס זענען פאַראַן ווערבן, ווו מיר האָבן בלויז אין אַנדערן זינען (איבערגעזעצט מיינט דאָ פאַרקאָנקורירן סחורה־פּרייזן, בשעת מיר, אין היינטיקן באַנוץ, ווייסן בלויז וועגן אַ תלמיד וואָס דער לערער האָט אים איבערגעזעצט אין אַן אַנדערער באַנק וכדומה, און בעיקר וועגן אַ בוך, וואָס מען האָט איבערגעזעצט פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער), שוין אָפּגעשמועסט פון ווערטער, וואָס ווערן כמעט נישט מער באַנוצט (אויפזיצן אין זינען פון לאָזן זיך אין וועג אַריין, דעמאָלט פּער אַקס, היינט מיט דער באַן, אויטאָ, אַוויאָן וכדומה).

ענלעך אָפּזעצן, אין זינען פון זיך דערווייטערן, (פאַר וועלכן מיר האָבן היינט געוויינטלעך: אָפּשטיין), אָדער אַ ווערב וואָס ווערט שוין היינט כלל נישט פאַרשטאַנען, לויט דעם שרייבערס כוונה: נעמען סחורה אויפגעזעצט, וואָס פאַרדינט אַ באַזונדערן אויפמערק.

ב

שוין פון עטינגערס קאָנטעקסט איז קלאָר אַז אויפזועצן איז דאָ אַ סוחרים־טערמין, און ער איז טאַקע שכיח אין די תקנות, פּונקט ווי עס זענען אַנדערע טער־מינען, וואָס מיר האָבן אין אונדזער פראַגמענט. אַזוי לייענען מיר אין פּויזנער פּינקס: „בדבר הסרסרי׳ [=מעקלערס] — גם זיין זיא זעלברט [=אַליין] סוחרים, קויפין סחורה אַזוי מקודם [=איידער] ער זיא צאַלט פר זעצט ער דיא סחורה״ („פנקס הכשרים של קהילת פוזנאַ״, סי׳ קצ״ג, אויסגאַבע דב אברון, תשכ״ז); „שיתנו השגחות פרטיות על הגנבים ומסירי׳ וחברי גנבי׳ ועל אותן אנשי׳ שלקחו סחורה אויף גי׳זעצט מבעלי בתים סוחרי׳ ואינן יכולין להוציא ממנם [=מהם] (דאָרט, סי׳ אַשט״ו); „נשמע אשר עומדים אנשי׳ וקונאי׳ [=וקונים] ריאַלין טלר [=טאַלער] זיופי׳ אונ׳ ליזין דיא אויש זיצן אונ׳ גיבן דאַ אויש אונ זיינן זיך מסכן אונ׳ הקהלה הקדושה יצ״ו [=ישמרהו צורו וגואלו] (דאָרט, סי׳ אַש״כ); „גם ישגיחו אותן ג׳ אנשי׳ הנ״ל אויף גיזעצטי זכין [=זאַכן] בכל החומרות שבעולם״ (דאָרט, סי׳ אתר״ל); „צעקת רבים גדלה וקובלי׳ על הרצים כשנוטלין סחורות אויף גיז׳עצט מן החנווני׳ אינן משלמי׳ כל המעו׳ [=המעות] מה שמגיע כנגד הסחורה״ (דאָרט, סי׳ אתמ״ה).

ווי מיר זעען, איז אויפזועצן סחורה, לויט די תקנות, אַן איסור חמור, און איז נישט מעשה סוחר, וואָס פירן זיך ווי אַ לייט אלא גיכער מעשה מעקלער אָדער לייפער, וואָס פאַרזיכערט זיך מיט דער סחורה, מכוח אַ צוזאָג, אַן אָפּמאַך, אַ משכון, וואָס ער לייזט שפּעטער אויס און דאָס לרוב מיטן געלט פון רעכטן סוחר, וואָס איז אָבער שפּעטער געקומען און אויך געפונען אַן אָפּגעמאַכטן עסק.

אוודאי האָט שלמה עטינגער ווייט נישט אויסגעשעפּט אַלע שפּיל־מעגלעכ־קייטן, וואָס שטעקן אין די ווערבן: זיצן און זעצן, ווייל ער האָט זיך באַנוגנט מיטן סוחרישן תחום. אָבער אויך די פון אים באַנוצטע ווערבן לאָזן אַ פריי פעלד פאַר כלערליי קאָמבינאַציעס, און בעיקר דאָס פּאָרל: פאַרזעצן און אָנזעצן.

ג

וואָס שייך פאַרזעצן האָבן מיר עס פון דייטשיש, און מיר וועלן ברענגען בלויז איין דוגמה — קאָרטום, אין זיין הומאָריסטישן עפּאָס, שרייבט („יאָב־סיאָרע״ 1, XIII, 17):

Kleider und Bücher hat er *versetzen*
Und sich dafür mit Schmausen *ergötzen*

משמע: קליידער און ביכער טוט ער פאַרזעצן; און דערפאַר דעלעקטירט ער זיך מיט געשמאַקע סעודות. מיר דערמאָנען דאָס, ווייל פּויליש הייסט עס zastawic, וואָס האָט נישט צו טאָן מיטן בילד פון זעצן נאָר גאָר פון שטעלן, אָבער אין עלטערן פּויליש איז אויך געווען zasadzic, וואָס מיינט בפירוש פאַרזעצן, און אַזוי, אַ שטייגער, טייטשט וו. אַ. מאַטשעיאָווסקי, אין זיין געשיכטע פון די סלאַווישע לעגיסלאַטורן, אויס דאָס וואָרט zassadzijl אין אַ פּסק דין פון יאָר 1397 (2טע אויפלאַג, 1855, באַנד 6, ז. 8). אָבער אַ משכון, סיי לשם הלוואה

סיי לשם געוועט, הייסט פויליש zastaw, ווו מיר האָבן, ווי געזאָגט, דאָס בילד פון שטעלן, אי zakład ווו מיר האָבן דאָס בילד פון לייגן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער באַנוץ פון פאַרזעצן איז אַן אָפטער אורח, און מיר וועלן טאַקע אָנהויבן מיט שלמה עטינגער: ״אַ משכון זאָל מען פאַרזעצן און קלוג זאָל מען זיין — אַצינד וועט זיך מיר דאַ ערשט אַ וועלט עפענען״ (כנ״ל, באַנד 2, ז. 352); ווייטער ליאָן־דאָר: ״געגאַנגען פרזעצין פענדער (משכנות), רופען דעם דאָקטאָר״ (בריוונשטעלער, 1851, 76). בדרך כלל דינען ווי אַ משכון (אָדער אַ פאַנט) תכשיטים, וואָס אי זיי זענען טייער אי מען קען זיך, בשעת הדחק, באַגיין אָן זיי, — ווידער אַמאָל שלמה עטינגער: ״און חוץ איר אייגן צירונג, האָט זי נאָך זייער אַ סך, וואָס עס ליגט ביי איר פאַרזעצט״ (כנ״ל, ז. 358); אַן אַנאָנימוס: ״הט [=האָט] זיא גיהאָפט דאָס גאַנצו זולבר [=זילבער] מוטן צורינג אונ האָט פר זעצט און האָט אים אָוועקגישוקט (״זיינבאָלע, דער בראָדער בעל עגלה״, וואַרשע, 1873, ז׳ 14); א. מ. דיק: ״אונזער יודען וואַרען דאַן דאָרט גרויסע פראַצענט־ניקעס, עס וואַר ביי זיי פאַרזעצט די טייערסטע קליינאָדן [=תכשיטים] פון די גרעסטע לאָרדען (גראַפען), פון די מיניסטאָרן״ (״דער אָרויס גיטריבענער און באַלד ווידער צוריק גירופענער יאָזעף״, ווילנע, תרל״ז, ז. 3).

אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַרנעמט אַ תכשיט, וואָס האָט אַן אינטימע שייכות צום באַזיצער; אַזוי איציק מאַנגער: ״מאַכט דאָס האַרבאַטע שניידערל באָם / און שיקט דעם לערן־יונג / איינס און צוויי אין לאָמבאַרד אַריין / פאַרזעצן דעם קידושין־רינג״ (״שטערן אין שטויב״, 1967, ז. 51); ״היינט האָב איך דאָס לעצטע רינגל / פאַרמשכונט אין לאָמבאַרד״ (דאָרט, ז. 54).

ד

שאַרפער האָבן מיר עס ביים פאַרזעצן על דבר שבקדושה, מיט וועלכער אַן ערלעכער ייד טאָר זיך נישט שיידן — ווי אָבער אַמאָל שלמה עטינגער: ״גייט דיר דאָס שטיקל טלית פאַרזעצן / מען זאָל דיר דרויף כאַטש פיר גילדן לייען״ (כנ״ל, באַנד 1, ז. 203); ענלעך: ״דאָס מחזור וואָס איך האָב ביי אייך פאַרזעצט בין איך אייך נאָך איין גילדן שולדיק (דאָרט, ז. 240). אַזוי אויך אברהם גאָלדפאַדן: ״ער האָט שוין פערזעצט די מחזירים [=מחזורים] / און ער הולעט און שיכורט מיט אַלע שיכורים״ (״דיא יודענע״, אָדעס, 1872, ז. 28); אָדער: ״ער האָט שוין פאַרזעצט די מחזורים און סידורים / און ער הוליעט און שכורט מיט אַלע שכורים״ (דאָרט, ז. 31). בדומה לזה נאָך פריער יוסף פערל: ״האָב איך גמוסט נעהמין דיא יד אונ׳ דיא בלעך פון דער ספר תורה אונ׳ האָב זייא פרזעצט בייאם לישניצי פר פיר רענדליך״ (יידישע כתבים, אויס־גאַב ישראל ווינלעז, ווילנע, 1937, ז. 15).

אַ גאָר פיקאַנטע דוגמה — ר׳ יצחק בער לעווינזאָן (ריב״ל) פאַראָדירט דאָס לשון קודש פון אַ חסיד: ״מכבר חשבתי להוציא המעות הזה על דבר מצוה

ואין לך מצוה גדולה מזו בודאי ועוד עומד בבית אורחים פישקע ואמצא שם ג״כ [=גם כן] לכל הפחות ארבעה זהובים ואם עוד לא יספיק יש לי עטרה על הטלית ואישב אותה — — אפילו שני קוורט יתנו לי אצל השענקערין דוואַרצי. כי שכבתי אצלה עוד במוצאי שבת במשכן כמה יריעות מספר תורה״ (״דברי צדיקים״, אָדעס, תרכ״ז, ז. 32). טייטש: איך האָב שוין לאַנג, געקלערט, דאָס געלט אויסצוגעבן אויף אַ דבר־מצווה וואָס אַ גרעסערע מצווה פון איר איז אוודאי נישט פאַראַן, און עס שטייט נאָך אין הקדש אַ פושקע און איך וועל דאָרט אויך געפינען לפחות פיר גילדן, און אויב דאָס וועט נישט סטאַיען, האָב איך אַן עטרה אויפן טלית און איך וועל זי פאַרזעצן — — אפילו צוויי קאָרט וועט מען מיר געבן ביי דער שענקערין דוואָרטשע [=דבורה]. דען איך האָב ביי איר אויף אַ משכון געליען נאָך מוצאי שבת, עטלעכע יריעות פון אַ ספר־תורה.

ווי מיר זעען, מיינט דאָ: ואישב אותה — איך וויל זי פאַרזעצן, און שכבתי אצלה — איר האָב ביי איר געליען (וואָליניש־גאַליציש: געליגן), און דאָס איז, כידוע, דער פאַראַדיסטישער דרך פון ריב״ל, פערל און שפּעטער לינעצקי, מענדעלע און אַנדערע. אָבער עס איז אַן אַלטער, אויך ערנצטער דרך און מאַקס ווײַנרײַך האָט שוין אָנגעוויזן, אַז מערב־יידיש האָט דאָס פאַר־ישבנט אין זינען פאַרזעצט.

און דער ענין איז אַריין אין ווערטל, און אַזוי האָבן מיר ביי בערנשטיין־זעגל, סי׳ 2975: אַז מען פאַרזעצט דעם טלית, איז שוין סימן דלות; און סי׳ 2976: אַז מען פאַרזעצט דעם טלית, ווערט נאָך גרעסער דער דלות.

ה

אָבער די אָביעקטן פון פאַרזעצן גייען נאָך ווייטער און קענען אַריינעמען דאָס גאַנצע ביסל אָרעמקייט, ווי מיר האָבן עס ביי א. מ. דיק: ״עס וואַר אַלעס וואָס נור אין שטוב פון ווערטה פערקויפט, פערזעצט, אום דאָס נאַקעט לעבן צוא ערהאַלטין״ (״אַלטע ליבע וכו׳״, ז. 71). און וואָס מען טוט פאַר נויט, טוט מען אויך פאַר שווילטאַג — עס הייבט זיך טאַקע אָן מיטן ווייבס מלבוש, ווי מיר האָבן עס, אַ שטייגער, ביי יוסף פערל: ״בין איך געך [=גיך] אהיים גילאַפן אונ׳ האָב מיין ווייבס יופּקעל — — פרזעצט״ (״מעשיות ואגדות״, אויסגאַב ווערסעס־שמערוק, תש״ל, ז. 165), אָבער עס פאַרנעמט זיך אויפן ווייב גופא און אפילו אויף די קינדער: זע, אַ שטייגער, נ. מ. יאַסנאַגורסקי: ״טאָ האָטש פאַרזעטץ ווייב און קינדער, ניטאָ ביי קיינעם אַ פּרוטה ביי דער נשמה״ (״דער ערשטער זיווג״, תרע״ד, ז. 19) און אַ ייִנגערע דוגמה — מנחם באָריישאָ: ״וואו זאָל איך נעמען אַ גאָלדענעם זייגער? גיין דאָס ווייב פאַרזעצן אפשר״ (״דער־גייער״, 1943, באַנד 1, ז. 88). און דער מענטש האָלט זיך נישט אָפּ פון זיך גופא — יוסף פערל: ״איך מוז זעהן — — דעם רשע דאָס מויל פרשטאָפּן. איך וועל מיר דעם קאָפּ פרזעטצען אוהם צו צאָהלין״ (כנ״ל, ז. 58), דעסגלייכן יצחק באַשעוויס: ״דיין געלט

איז קוראַנט, איכ׳ל דעם קאָפּ פּאַרזעצן און דיר אָפּגעבן ביז דער לעצטער פּעני״ (״בונטאַרן״, פאָרווערטס, 23 נאָוועמבער 1973). ענלעך אנשל שאָר: ״נעהם דיין פּנים און פּערזעץ עס און פּערליער די שיין״ (״שיר השירים״, וואַרשע, אָן דרוקיאָר, ז. 17). מעגלעך, אַז ער האָט דעם קערן פון בילד פון פּערדינאַנד ריימונד וואָס ברענגט, אין זיין דראַמע, איינעם וואָס פאַרוואַנדלט זיך אויפן דאַך אין אַ פויער און רופט אויס:

Alloh ! Jetzt bin ich wieder in mein[em] Element ! Mein[e] Schönheit war im *Versatzamt,* jetzt haben sie's *ausgelöst.*

טייטש: אַללאַ, איצט בין איך ווידער אין מיין עלעמענט, מיין שיינקייט איז געווען אין פאַרזעץ־אַמט [=לאָמבארד] איז האָבן זיי עס אויסגעלייזט.

אין דער מאָדערנער ליטעראַטור איז דער אָביעקט דער גאַנצער קאָסמאָס — זע רחל קאָרן: ״ס׳האָט מיך באַשערטקייט איינגעאָדערט מיט אַ וואָר, / וואָס האָט פאַרזעצט דעם הימל און די שטערן, / פאַר אַ שיבוש ביי אַ צייט, וואָס שרפהט, סדומט אַריין / אין טעג און נעכט מיר הפקרדיק געלעכטער״ (״די גנאָד פון וואָרט״, תשכ״ח, ס׳ 26).

ו

וואָס שייך אָנזעצן אין זינען פון באַנקראָטירן איז עס אויך אַן אַפּטער אורח — ר׳ יוסף פּערל רעכנט אויס צווישן די מיני גנות פון אַ סוחר ״מהאָנזעצן כבר דיברנו לעיל״ (״בוחן צדיק״, 1838, ז. 76), משמע: וועגן דעם אָנזעצן האָבן מיר שוין גערעדט אויבן; שלמה עטינגער: ״עס איז שוין געווען אַ שם אומעטום, אַז ער מוז אָנזעצן״ (״דער פעטער פון אַמעריקע״, כתבים, כנ״ל, באַנד 2, ז. 466), ליאָן־דאָר: ״נאָר אונזערע קויף לייט — — קיין געדאַנקען צו באַנקראָטירען (אָנצוזעצן) אונ זיינען דאָך מאַנגל אין געלד״ (בריוונשטעלער, כנ״ל, ז. 116), ענלעך: ״פון די זאָכען ווערען חלילה באַנקרוטן (אָנזעצער)״ (דאָרט, ז. 126). דער מחבר נעמט אָן אַז באַנקראָטירן און באַנקראָט זענען דעם לייענער זיינעם נישט פאַרשטענדלעך, דערקלערט ער אין קלאַמערן: אָנזעצן, וואָס איז אַ גאָר באַקאַנט וואָרט, און קומט טאַקע גאָרנישט זעלטן פיר אין די מעשה־ביכלעך פון בעל הבריוונשטעלערס בן־עיר. א. מ. דיק: ״על פי דרך הטבע איז אַזו אַמענטש געווען אַגוטער בטלן, דיא ווייב האָט אים מפרנס גיוועזן אונ גיגעבין אים אויך אויף באָד געלד אונ פלעגט דער בייא זיך צוויי מאָהל אין יאָר אָנזעצין״ (״וויטצען אונ שפּיטצען״, ווילנע, תרל״ד, ז. 19); ״זיינע שלעכטע אומשטאַנדען וואָס האָבין זיך פאַר שלימערט — — דאָס ער האָט גימוזט אָנזעטצען איין מאָל נאָך דעם אַנדערין מאָל״ (״דער בן יחיד״, דאָרט, תרל״ה, ז׳ 25); ״אירע עלטערן זיינען גיוואָרין יורדים, פאַרשריענע [=פאַרשריענדע] אָנזעטצער״ (דאָרט, דאָרט, ז. 30); ״איין קלוגער קויפמאַן — —(אים פאַל ווען ער מיינט נור ערליך צו בלייבן — דאָס הייסט ניט אָנזעצען) האַנדלט אין סחורה נור

געמעסיג (ווערליג) זיין קאַפּיטאַל" ("אַלטע ליבע ראָסטעט ניכט", דאָרט, תרל"ו, ז. 15); "וואָס האָבען זיך אַריין געריהעט — — אין דער בירגער קלאַסע אונ מען איז דער בייא געמיין [=אָרעם] און דער צוא נאָך צו ערליך צום פערהאַפּען אַפּרעמדען גראָסען, דאָס הייסט אָנזעצען" ("דער אידישער פּריי־דיגער", דאָרט, תרל"ה, ז. 37). די צאָל ציטאַטעס שפּיגלט מסתמא אָפּ דעם ענין אין לעבן, און וואָס עס איז אפשר נישט קיין צופאַל, אַז ער באַנוצט זיך בעיקר מיטן וואָרט אָנזעצן און נישט באַנקראָטירן, אַ וואָרט וואָס ער דערמאָנט אָבער ווי אַ דרך משל: "אַ נייע ערצעהלונג וואָס וואַר אַזוי לאַנג ווייליג אונ אַזוי אָפּ געשמאַקט, דאָס מיין געדולד האָט געמוזט באַנקראָטירן" ("וויטצען אונ' שפּיטצען", הנ"ל, ז. 19).

אויך זיינע נאָכגייער פירן זיך אַזוי — שמ"ר: "צוויטענס האָט ער שוין אויך אַקאַפּיקע ניט געהאָט, ער האָט טאַקע אַנגעזעצט אונ איז געבליבען אַן אַפּעניג" ("פון גהנום און גן עדן", ווילנע, ז. 15); ענלעך עוזר בלאָשטיין: "דיזע זיינען אויך שולדיג דען דער ווירקליך ערליכער מאַן זעצט קיין מאָל ניט אָן" ("דיא שטאָדט רייבער", ווילנע, תרע"א, חלק ג', ז. 15); "זיי טראָגין מיר געלט וויא מצה וואַסער, אונ נאָך דעם זעץ איך זייא אָן, ה ה ה ה" (דאָרט, ז' 17).

דאָס וואָרט גייט פון דייטשיש, ansetzen, וואָס האָט היינט אַ שלל באַטייטן, אָבער נישט אונדזער באַטייט, און ווערט פאַרצייכנט ווי איבערגעלעבט אין זינען פון אָפּנאַרן. און ווען קאָרן (נאָרק) אין זיין ראָמאַן וועגן לעצטן שבתי־צביניק (פראַנקיסט) אין פראַג, באַנוצט דאָס וואָרט ohgesetzt האָט ער עס אין קלאַמערן דערקלערט abgesetzt, Crida gemacht וואָס מיינט באַנקראָטירט.

ז

אָבער אין מזרח־יידיש זענען לעבן ווערב: אָנזעצן אויך אָנגעגאַנגען די סובסטאַנטיוון: אָנזעץ און אָנזעצער — זע א. מ. דיק: "מיין פּאַטער האָט שטאַרק געליטען דורך מיין אָנזעץ" ("דיא אַלטע מאַד", ווילנע, תרמ"ז, ז. 6); "איינען מאָן — — וואָס וועט איר ניט בעלאַסטען מיט זאָרגין אונ באָרגין, אונ אַם ענדע מיט איינעם אָנזעץ" ("די אַלטע ליבע וכו'", כנ"ל, ז. 49), דער־גלייכן אין דיקס אוטאָפּיע, וואָס שמואל ניגער האָט אַרויסגעגעבן: "וויא עס מאַכט זיך נור איין אָנזעץ, באַלד ווערט אויסגעזוכט דער סרסור און ווערט געבריט מיט זודיקע וואַסער" (יוואָ־בלעטער, 1952, באַנד 36, ז. 15), אָבער מיט זיין גאַנצן אוטאָפּישן גלויבן קען ער מסתמא דאָס ווערטל, ווי עס ברענגען בערנשטיין־זיגל, סי' 201: לא כל אדם זוכה צושטאַרבן ניט קיין אָנזעצער, אָדער דעם עולמשן זאָג: אין אַ זומער־טאָג זעצט מען דריי מאָל אָן וכדומה. שרייבט טאַקע, אין המשך, דער בעל־האוטאָפּיע: "דען וועלכער לווה זעצט עס ניט אָן, ניט איין מאָל; צעהען מאָל אין זיין לעבן", און אין אַ הערה דערצו דערציילט ער וועגן אלכסנדר מוקדון וואָס האָט, אין זיין צוואה צו דער מוטער, אָנגעזאָגט, זי זאָל נאָך זיין טויט מאַכן

אַ באַל, און זאָל פאַרבעטן אַ יעדן איינעם, וואָס האָט נאָך נישט באַקלאָגט קיין מת, און זי האָט אַזוי געטאָן, אָבער קיינער איז צום באַל נישט געקומען. דער נמשל גייט אַזוי: "און איך וואָלט הייסען מאַנכען גרויסען מלווה, וואָס האָט געליטען פון אַ גרויסן אָנזעץ, דאָס ער זאָל מאַכען אַ גרויסען באַל און זאָל אויף אים איינלאַדען אַלע די יעניקע וואָס האָבען ניט אָנגעזעצט, איך גלויבע וואָלט קיין איינער געקומען. דען ווער האָט עס ניט אָנגעזעצט און בפרט נאָך אונטער אונדז אידען, וואָס מיר טרויען אָן אונזער געלד און אונזערע טעכטער, און נאָך זייער אָפטביידע בייזאַמען, נו אַבי ווען" (דאָרט, ז. 153). מיר וועלן פאַרענדיקן מיט אַ דוגמה פון דער נסתר: "איצט געגומען אויסנוצן משה מאַשבערס אָנזעץ פאַר אַ שאַנס אַליין אויך אָנזעצן און ניט וועלן צאָלן" ("משפחה מאַשבער", 1948, באַנד 2, ז. 204).

ווידער צום ענין אַנזעצער זע ר' יוסף פערל: "הגביר נעשה אָנזעצער ומחמת שהיה לו כל טוב ממנו, אמר שהוא יסלק בערו החובות" (מעשיות ואגדות, כב"ל, ז. 111). און מעשה פאַרגלייך זע — א. מ. דיק: "דיא נייע פערמעהלטע (דאָס הייסט דיא נייע פערהייראַטהע) אַנטלויפן באַלד נאָך דער חופה זאַגראַניצע וויא אָנזעצער, ווי פאַלש מינצער" ("דער אונצייטיגע בעזוך", 1878, ז. 68). ער רעדט אויך, ווי פריער, וועגן אָן אָנזעצערין: "וואו טוא איך מיך אַהין עס איז מיר שרעקליך צולעבין נאָך שרעקליכער צו שטאַרבען; איך בין איינע אָנזעצערקע (באַנקראָטקע) איןביידע וועלטין" ("מוטער און טאָכטער", ווילנע 1887, ז. 20).

דאָ גייט שוין דער משל אַריבער צו אַ ברייטערן נמשל, ווי מיר האָבן אים אין דער מאָדערנער ליטעראַטור — אַזוי, אַ שטייגער, י. י. סיגאַל: "איז מעגלעך אַזאַ זאַך ווי גייסטיקע אָנזעצערס" ("דער ענין "מאַנירן" אין העכערן זין"), אָדער מרדכי חסיד: "אפשר האָבן מיר דאָס טאַקע / אָנגעזעצט דער וועלט / און שולדיק איר געבליבן / אַ מאַיאַנטיק / ניט דערחלומטע חלומות — / איצט ליגט דער חשבון / אַ פאַרבלוטיקטער / אין דרערד. / ווער מען אים סילוקן? / אין וואָס פאַר אַ מקומות?" ("סביבה", אייר תשל"ג, ז. 8). ענלעך אליעזר גרינבערג, וואָס האָט אַ פאַסיוון ווערב, אייגנטלעך פאַרטיציפ "איצט הוליען ווילד און פרעך, ווי שדים, שוואַרצע פאַקטן, / און פאַנען וויינען שטומע — וועקסלען אָנגעזעצטע" ("געדענקשאַפט", 1974, ז. 98).

ח

איצט קומען מיר צוריק צו שלמה עטינגערס פראַגמענט אין זיינע שפילערייען מיטן וואָרט: זעצן און זיינע פרעפיקסן, כדי צוצוגעבן עטלעכע מינים דוגמות פון אַזאַ צוזאַמענטרעף. אַט שרייבט א. מ. דיק: "און דאָס האָט ר' שמערלין אַראָפּ געזעצט פון טראָפּ, ער איז אַזוי קורץ געקומען, אַז ער האָט געמוזט אָן זעטצען" ("חייציקל אַליין", ווילנע, תר"מ, ז. 45). אויך דאָס פאָלקסווערטל האָט דאָ עפּעס צו זאָגן — ברענגען דאָך בערנשטיין־זעגל סי' 200: אַז

מען זעצט איינעם אָן [געלט] זעצט יענער אויס [די פּענצטער]. אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן מיט אַ דייטשישער דוגמה — ברענטאַנאָ, רעדט וועגן אַ וווינונג אין אַן אַלט שלאָס

woran nichts *auszusetzen,* aber viel *einzusetzen* [war], nämlich Thür, Tor und Fenster

אָבער יידיש האָט נאָך אַ באַזונדער שפּיל, וואָס באַשטייט אין פאַרבייט פון אָן און וואָס גייט פון דייטשישן an און אָן וואָס גייט פון דייטשישן ohn, און אַזוי האָבן מיר ביי שמעון בעקערמאַן: ״רופט איהם די וועלט אָן זעצער, ווייסטו פאַר וואָס? ווייל ער הרגעט אַ מענטשן אָהן אַ זעץ... אָדער אַנדערש גערעדט: ער קויליט יענעם אָהן אַ מעסער, נו הייסט ער דען ניט אייגענטליך ראַזבויניק?״ (״הדסה דיא חלוצה״, באַרדיטשעוו, אָן דרוק־יאָר, ז. 16). ווי ווייט די הלצה האָט זיך דערהאַלטן, לאָזט זיך אָפּלערנען דערפון וואָס ירחמיאל בורשטיין ברענגט זי מיט מער ווי אַ דור שפּעטער: ״פאַרוואָס רופט מען איינעם, וואָס נעמט אַוועק ווערטפולע זאַכען און אַביסל מזומן, מיט דעם נאָמען רויבער? און ווען איינער באַנקראָטירט אויף פילע טויזנטער, זאָגט מען בלויז, אַז ער האָט אָנגעזעצט. ווייל דער רויבער דערלאַנגט עטלעכע זעץ, דער באַנקראָטירער נעמט צו אָן אַ זעץ״ (״טאָג״, 18 אָקטאָבער 1960).

און פאַראַן נאָך אַ היפּער־פּאָענטע, וואָס איך האָב געהערט אין מיין געבוירן־שטאָט, ווו מען פלעג חוזק־מאַכן פון וואָלינער פאָדאָליער וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין שטאָט און אַלץ פלעגן זיי באַנוצן אַ הא׳ און רעדן וועגן האַנזעצן, האַנזעצער, האָנזעץ און מען פלעג צו זאָגן: פון אַ האָנזעץ קענען זיך קיין אייער נישט אויספּיקן. שטעלט זיך אַרויס, אַז די דאָזיקע הלצה איז אַנגעגאַנגען אין אוקראַינע — ח. הזז ברענגט אַזאַ שמועס: ״כן כן! אבל מהיכן, תגיד נא, כל הכסף שיש לו? מעמל ידיו? — דחק לו בודניק — אתה הגד לי, מהיכן?״ ״והרי אמרתי לך כבר או אפשר סבור אתה מהקרדיטים של בנק או מ״ישיבת תרנגול״ (״בישוב של יער״, תר״צ, ז. 291). טייטש: ״יאָ יאָ! אָבער פון וואַנען, זאָג מיר נאָר, האָט ער דאָס גאַנצע געלט? פון זיין האָראָוואַניע? — האָט זיך אים בודניק צוגעזעצט — זאָג מיר, פון וואַנען״. ״איך האָב דיר דאָך שוין געזאָגט, אָדער אפשר מיינסטו, פון די באַנק־קרעדיטן אָדער פון ״האָנזעץ״. און דער דערציילער ברענגט טאַקע צו ישיבת תרנגול אַ הערה: פשיטת רגל [=באַנקראָט].

הייסט עס, אַז דער חוזק־זאָג, וואָס איך האָב געהערט אין מיין געבוירן־שטאָט, איז נישט קיין לאָקאַלער, נאָר האָט אַ היפּשן געאָגראַפישן אויסשפּרייט. דאָס זעלבע לאָזט זיך אויך באַווייזן לגבי צוויי אַנדערע זאָגן, וואָס איך האָב געהערט אין מיין געבוירן־שטאָט און זיי נישט געפונען פאַרשריבן — ערשטנס: אז מען וויל באַזעצן אַ טאָכטער מוז מען אָנזעצן דעם איידעם, צווייטנס: אָנזעצן איז בעסער ביי אַ גביר, פאַרזעצן איז בעסער ביי אַן אָרעמאַן, אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

לייב אָליצקי ז״ל

אין עלטער פון 78 יאָר איז דעם 1טן סעפּטעמבער 1975 געשטאָרבן דער פּראָזאַיקער, דיכטער און משלים־שרייבער לייב אָליצקי. ער איז געווען איינער פון די גאָר ווינציקע יידישע שרייבער, וועלכער איז פון זיין ערשטן בוך ״אין אַן אָקופּירט שטעטל״, אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אין 1924, דורך אַלע זיינע עטלעכע און דרייסיק ווערק, ביז זיין לעצט געדרוקט בוך ״וואָלינער יידן״, אַרויסגעגעבן אין תל־אביב אין 1973, געבליבן טריי אין אַלע זשאַנערן דעם גייסט פון ערשטן יידישן קלאַסיקער, דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע מוכר־ספרים.

פּונקט ווי מענדעלע, האָט לייב אָליצקי באַטראַכט ליטעראַטור אויסשליסלעך, ווי אַ מיטל פון עטישער און עסטעטישער דערציונג און דעריבער מיט גרויס אחריות זיך באַצויגן צו יעדן געשריבן וואָרט — סיי פון שטאַנדפּונקט פון זיין אינהאַלט, סיי פון פאָרם און אויף זיין אופן געשליפן יעדן זאַץ.

ווי מענדעלע האָט אויך אָליצקי, געשילדערט זיינע געשטאַלטן מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט אַלע תנועות און פּאָסטעמקעס, באַמיענדיק זיך דורך די קלענסטע פּרטים אַרויסברענגען פאַרגאַנצטע מענטשן, כאַראַקטעריסטישע פאַר זייער צייט אין סביבה.

ל. אָליצקי האָט אויך ווי מענדעלע געהאַט אַ שאַרף אויג בעיקר אויף מענטשלעכע שוואַכקייטן, שילדערנדיק זיי מערער מיט הומאָר, איידער ווי מיט סאַטירע, אָבער פּונקט אַזוי שטאַרק, אַלזייטיק און אָן שום הנחה־טאַריפן. אָליצקי האָט אויך ווי דער טאַלאַנטירטסטער משׂכּיל־ליטעראַט געהאַט אַ נטיה צו אַ ראַציאָנאַליזירטער פאַבולע און צו אַ שוואַרץ־ווייסער געשטאַלטיקונג פון פּערסאָנאַזש.

כ'וואָלט געזאָגט, אַז מיטן טויט פון לייב אָליצקי איז אַוועק דער לעצטער משׂכּיל אין דער יידישער ליטעראַטור.

אויסער די גרויסע אָבסערוואַציע־פעיקייטן, האָט לייב אָליצקי באַזיצט אַ ביז גאָר אייגנאַרטיק־בילדלעכן אופן פון שילדערן די געשטאַלטן און געשעענישן, וועלכער איז געווען דורכגענומען פון אַ ספּעציפישן הומאָר, וואָס זיין גלייכגילטיקע קילקייט האָט געגרענעצט מיט סאַטירע און פאַרגעבונג. די דאָזיקע ביידע אייגנשאַפטן פון אָליצקיס הומאָר קומען באַזונדערס צום אויסדרוק אין זיינע משלים, וועלכע זענען, לויט מיין מיינונג, ביז אין היינטיקן טאָג נישט געוואָרן אָפּגעשאַצט ווי געהעריק.

מיט די אַלע שרייבערישע מעלות איז לייב אָליצקי געשטאַנען אומדערמידלעך צו דינסט פון דער יידישער ליטעראַטור איבער פופציק יאָר און אָפּגעשפּיגלט מיט גרויס וויסן (אָליצקי האָט באַזיצט טיפע בקיאות אויך אין דער תלמודישער און רבינישער ליטעראַטור). אַלע געשעענישן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין יידישן לעבן אין משך פון דער טראַגיש־גרויליקער תקופה.

מיטן טויט פון לייב אָליצקי האָט די יידישע ליטעראַטור פאַרלוירן איינעם פון אירע פאַראַנטוואָרטלעכע פאָרשטייער, ווי אַ שרייבער און מענטש פון אירע מאָראַלישסטע פאָרשטייער, ווי אַ מענטש, וואָס איז אים פרעמד יעדע רכילות און לשון־הרע און פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט זיין שרייבערישער פּראָפעסיע, ווי מיט אַ הייליקער עבודה, וועלכע איז, ווי באַוווּסט, פאַר ס'רוב יידישע שרייבער אַן עבודה רק לשמה.

אַלע די, וואָס האָבן לייב אָליצקין געקענט, האָבן אים געאַכטעט און ליב געהאַט און זיין אָנדענק וועט אויף שטענדיק בלייבן אין זייער האַרץ.

ד. ס.

ד. ספּאַרד

קריטישע פאַרצייכענונגען

די דיכטונג פון הירש אַשעראָוויטש

(צו זיין לעצט-דערשינענעם בוך — "אין דער וועלט פון עקדות")

די פאַרשידענע אופנים פון באַנעמען דיכטונג איז אָן שום ספק אַ רעזולטאַט פון דער סביבה און פון דער דערציונג, ווי אויך פון דעם וועלט-באַנעם, וועלכן דער מענטש אַליין דעראַבערט פאַר זיך אין משך פון זיין לעבן. אָבער די פאַר־שידענע נוסחאות פון דער דיכטונג גופא זענען דער עיקר רעזולטאַטן פון די כאַ־ראַקטערן פון די שעפער און פון די וועזנטלעכע אייגנשאַפטן פון זייער נאַטור און טיילוויז בלויז פון דעם "גייסט פון דער צייט". טיילוויז דערפאַר, ווייל יעדער אָריגינעלער קינסטלער איז קודם-כל אַליין אין אַ געוויסער מאָס אַ מיטבויער פון דעם דאָזיקן "גייסט".

קיין שום קינסטלער לעבט נישט און שאַפט נישט אויסשליסלעך מיטן אינ־טעלעקט, אָדער אויסשליסלעך מיטן געפיל. ביידע ווירקן צוזאַמען און גלייכצייטיק. אָבער זעלטן איז זייער אָנטייל אַ גלייכער. געוויינלעך רוקט זיך אַרויס איינער פון די צוויי דערקענטניש-מיטלען אין אויבנאַן. דאָס איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז דאָס דאָזיקע מיטל איז דאָס הערשנדיקע. ספּעציעל ביי קינסטלער, רעפלעקסיווע בילדער און געדאַנקלעך-רואיקע באַטראַכטונגען זענען אַמאָל דער רייפסטער אויסדרוק פון טיפע איבערלעבונגען און ליידנשאַפטלעכע געפילן. און אויך פאַר־קערט, ריין געדאַנקלעכע שאַפונגס-סטימולן קאָנען אין פּראָצעס פון זייער אַנט־וויקלונג אָננעמען אויסגעשפּראָכן-עמאָציאָנעלע אַקצענטן. און אוודאי איז קיינער נישט באַרופן און נישט באַרעכטיקט צו שטעלן אין דער קונסט איינעם פון די דערקענטניש-מיטלען העכער און ווייטיקער פונעם צווייטן. ביידע געהערן אין דער זעלבער מאָס צו די יסודותדיקע אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור און מיט יעדן איינעם פון זיי קאָן מען אין דער זעלבער מאָס, כאָטש אין אַנדערע פאָרמען, דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון קינסטלערישן אויסדרוק.

די דיכטונג פון הירש אַשעראָוויטש טיילט זיך אויס מיט אירע אינטעלעקטועל־רעפלעקטיווע מאָמענטן, מיט איר איינפּאַלערישקייט און מיט איר בילדלעכער ווערטער־שפּיל. דורך זיי דערפירט אַשעראָוויטש זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונ־גען צו אָביעקטיווע דיכטערישע פאַראַלגעמיינערונגען און צו זעלבשטענדיקע און אָריגינעלע דיכטערישע ווערטן. זייער פיל לידער אין דעם בוך קאָנען דינען אַלס ביישפּיל דערצו. למשל וועגן זיין געבוירנשטאָט שרייבט הירש אַשעראָוויטש:

"— — — מיין וויגלשטאָט, די קהילה קדושה פּאַנעוועזש,
איז אָפּגעשמדט געוואָרן,
און פונעם שאַרפזינזאַג יל"ג׳ישן ׳פּה ביבו׳
געוואָרן איז ׳פּה נשחט׳.
זי איז היינט טאָפּלט גרויס, מיין פּאַנעוועזש,
דאָך זי איז מער ניטאָ.
זי לעבט אַצינד נאָר ווי אַ דיבוק אין בני־ברק. . ."

וועגן ירושלים —

"— — — די געלע שטיינער דיינע שיינען מיטן אור־הגנוז,
אַ שכינה־צערטל איז דיין ווינטעלעס באַריר."
"ס׳איז ליכטבעגטשן. . . דאָס פּאָכען ניט מלאכים־פליגל אינעם חלל.
דאָס ציט זיך יידן־בענקשאָפט קיין ירושלים".
אָדער — — —
"— — — מיינסט געוויס, אַז איך האָב זשעדנע
כבוד קערנערווייז געקליבן, *
און מיט מיין צו שטאַרקן זיך וואַשן
כ׳האָב מיין פּנים אָפּגעריבן. . ."

("על־חטא", ז. 39)

צי — — —
"— — — זעט אַ ייד, עס רויטלען זיך די שויבן,
ווייסט ער, עמעץ ערגעץ וועמען שעכט — — —"

(ז. 74)

"— — — ווי אין אַ ברודיקן טלית
וויקלט זיך די שכינה
אין צעקאָדערטע וואָלקנס
און לערנט זיך ביי ירמיהון וויינען. . ."

("נאָך אוישוויץ", ז. 78)

אָדער גאָר אַזאַ בילד — — —
"— — — בלייב איך שוין אויך שטיין, ווי דער פרילינגדיקער בוים
אַן איינגעטונקענער אין מיין בליונג — די רעיונות.
איך פיל מיין קאָפּ, ווי ס׳פילט דער קאַרשנבוים זיין קרוין,
און איך טראַכט ווי ער, אַז צוויטבלעטלעך זענען חלומות. . ."

("ביידע", ז. 80)

ס׳רוב לידער פון אַשעראָוויטשן זענען פון אַ רעפלעקסיוו־לירישן און פון אַ רעפלעקסיוו־סאַטירישן כאַראַקטער, איינגעפּאַסט אין אַן אַטמאָספער פון אַ מין באַזיניקטן אומעט מחמת דער הילפסלאָזיקייט פון מענטשן לגבי דער נאַטור, לגבי די אכזריותן פון אַנדערע מענטשן און זייער אָפט אפילו לגבי זיך אַליין.

"פאַר וואָס און פאַר וואָס / וואַקסט דער צער אַזוי ווי גראָז ? / ———
"ווען, אָ ווען / וועט דער גרויסער נס געשען, / אַז פאַרשווינדן וועלן ווערן / אַלע
ווייטיקן און טרערן ? / ("פראַגעס און ענטפערס", ז. 28)

פּראָבלעמען פון דעם כאַראַקטער אין פּסיכאָלאָגישן, געזעלשאַפטלעכן און קאָסמישן זין גיבן דעם דיכטער נישט קיין רו און ער געפינט פאַר זיי אין אַ גאַנצער ריי לידער אַ בילדעריש-קינסטלערישע אָנקליידונג פון אָריגינעל-איינפאַלערישע פאַרמען. אַזעלכע זענען די לידער "זיבן פאַרלאָשענע מנורות", "ס'האָט זיך מיר געחלומט אַן אַלעע", "מענטש און אייביקייט", "צוויי ציגעלעך", "דער ברענענדיקער דאָרן", "אַ ליכטיק שטעטעלע" א.א.

דער "אייביקער ווונדער", וועלכער איז איינער פון די הויפּט-סטימולן אין אַלע זשאַנערן פון דער קונסט, איז ביי אייניקע שעפער באַוווּנדערונג און ביי אַנדערע פאַרווונדערונג. די באַוווּנדערער זענען געוויינלעך ספּאָנטאַן אין זייער אויסדרוק, און זיי שילדערן בעיקר די אייגענע איבערלעבונגען פון אַזאַ אָדער אַנדערער דערשיינונג, און זעלטענער די דערשיינונג גופא. די פאַרווונדערער, דאַקעגן, באַציען זיך מערסטנטייל צו די דערשיינונגען גופא, וועלכע רופן אַרויס ביי זיי פראַגן, טענות, קריטישע רעאַקציעס, נאָכטראַכטונגען און פירושים, וואָס צילן נישט בלויז אויפצוקלערן זייער מהות, ווי דאָס טוען פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען, נאָר צו דערנענטערן זיך און באַהעפטן מיט זייער מהות, סוביעקטיוו אים איבערלעבן. פאַרשטייט זיך, אַז די פאַנאַנדערטיילונג איז בלויז אַן אַבסטראַקט-טעאָרעטישע. אין דער פּראַקטיק גייען צוזאַמען דער באַוווּנדער און פאַרווונדער און בלויז די אויבערהאַנט פון איינעם פון זיי דעצידירט וועגן דעם כאַראַקטער פון דער שאַפונג און אָפט פון די שעפער בכלל.

אין דער דיכטונג פון הירש אָשעראָוויטש דעצידירט מערסטנטייל דער פאַרווונדער, וועלכער קומט צום אויסדרוק דורכן מיטלבאַרן, אומדירעקטן און געדאַנקלעכן, טיילמאָל אפילו אין לירישע ליבע-לידער, למשל:

"אָ, ווי ס'בריט דאָס וואָרט פאַראַן, / ווען איך טראַכט, צי ביסט פאַראַנען! / זינט אַרויף ביסט אויף דער באַן, / זענען מיר פאַרשאָלטן באַנען, / אין דער בין-השמשות-שעה / — טריבסטער שעה פון אַלע שעה'ן / שלעפּ אַרויס איך דיין ניטאָ / פון די טויזנטער ניטאָען." / ("בענקשאַפט", ז. 104)

אָדער:

"אויב איך דיך געדענק! / הייסט עס דען איך בענק? / הייסט עס דען, אַז איך אַנטלויף צום עבר? / ווער זאָגט, אַז די צייט / אויסוועפונג באַטייט? / קען דען צונעמען פון מיר די שענסטע שעה ווער? "/ א.ד.ג.

אָבער נישט זעלטן טרעפט, אַז אין מיט פון דעם פאַרזיכטיקן גאַנג, אויף וועלכן דער דיכטער זוכט די סיבות פון זאַכן, אָדער דעם ענטפער, צי "תיקו" אויף זיי, פּלאַצט אויף דאָס געפיל פון די ערשטיקע עמאָציאָנעלע סטימולן און רייסט אויף די פאַרטראַכטע און באַטראַכטע געדאַנקלעכע ראַמען. דעמלט קומען אויף אין אָשעראָוויטשעס דיכטונג שאַפונגען אויסערלעך טאַקע איינגעהאַלטענע, קינסטלע-

ריש־געצוימטע, אָבער אינערלעך אויפגעברויזטע מיט פּראָטעסט און פאַרביטערונג קעגן אַלע באַדריקער און קעגן זיך אַליין. אַזאַ איז דאָס אויפרודערנדיקע על־חטא־ליד ״אנוסים״, די הייס־אָטעמדיקע און פול מיט חשבון־הנפשדיקע אַלוזיעס פאַעמעס — ״אין כף־הקלע״, ״ראַבעספּיער״ און פיל אַנדערע.

צום דעם שכר פון דאָוועגען בציבור קומט נאָך צו דער שכר־הליכה. צום שכר פון ממשותדיקע דיכטערישע דערגרייכונגען דאַרף מען נאָך צורעכענען דעם לכתחילהדיקן פּאַרמעסט פון הארץ, אָדער פון מחשבה. אין זיין באַזונדערן דיכטע־רישן גאַנג דערגרייכט אַשעראָוויטש צו געדאַנקלעכע הייכן, וואָס זייער קילע אויס־געפורעמטקייט איז געמילדערט דורך דער וואַרעמקייט, וועלכע עס פאַרשפּרייט דער נר־תמיד פון יעדער עכטער קונסט.

״אַן אויסרוף־צייכנס״

פון י. יאַנאַסאָוויטש

טאַלאַנט איז אין זיך כולל אָן שום ספק אַ באַשטימטן אייגנאַרטיקן מין פון חכמה און אינטעליגענץ. אָבער טאַלאַנט גייט ווייט נישט שטענדיק געפּאָרט מיט יענער אַלגעמיינער חכמה און אינטעליגענץ, וועלכע זענען בייהילפיק דעם מענטשן אין יעדער סביבה, יעדער צייט און אין יעדן געביט. דאָס הייסט נישט, אַז זיי זענען דעם טאַלאַנט איבעריק. גראָד פאַרקערט, כדי אַ טאַלאַנט זאָל נישט ווערן פאַר־גליווערט אין אַן ענגן, אָפּגעצוימטן קרייז און זאָל זיך אַנטוויקלען אַלזייטיק און פילפאַרביק, מוז ער טייל מאָל מיט זייער הילף זיך דערהויבן איבער זיך אַליין.

אין לעבן באַמיען זיך אָפט נידעריקע איינרעדן די העכערע, אַז זיי זענען איבערגעוואַקסן. אין דער ליטעראַטור באַמיען זיך אָפט אַזעלכע פּען־מענטשן, וועלכע געפינען זיך אַליין קוים אין איין זשאַנער, איינרעדן די פּילזשאַנערדיקע, אַז פּילזייטיקייט איז אַ סימן־דלות, אַ פּועל־יוצא פון אויבערפלעכלעכקייט. אָבער אומעטום און אין אַלע צייטן זענען געווען טעטיק מיט דערפאָלג אין פאַרשידענע קונסט־זשאַנערן זייער פיל עכטע און אפילו גרויסע טאַלאַנטן. דאָס זענען געווען ס׳רוב יענע קינסטלער, וועלכע האָבן אויסער טאַלאַנט נאָך באַזיצט אַלגעמיינע חכמה און אינטעליגענץ.

איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם לעצט־דערשינענעם בוך פון יצחק יאַנאַסאָוויטש ״אַן אויסרוף־צייכנס״ — אַ באַשיידענער נאָמען, ווי דער אויטאָר אַליין זאָל דאָס בוך טראַקטירן דרך־אגבדיק. אָבער גראָד דאָס בוך האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומדערוואַרטן רושם, האָט אויפגעדעקט פאַר מיר אין אַ געוויסער מאָס די וואַרצלען פון יאַנאַסאָוויטשעס שאַפן.

די קריטישע אַרבעטן פון יאַנאַסאָוויטשן לייענען זיך בכבוד־ראש. זייער קאָנ־סעקווענטער אַנאַליז גייט האַנט־ביי־האַנט מיטן סינטעטישן געדאַנק, שאַפנדיק אַ לאָגיש בילד וועגן באַהאַנדלטן שרייבער אָדער ווערק. די דיכטונג פון יאַנאַסאָ־וויטשן מיט אירע לירישע נשמה־זוכונגען און נשמה־בענקשאַפטן, איבערגעפלאָכטן

מיט בילדלעכע שטימונגס־שילדערונגען און עפּישע געמעלן, לאָזן איבער אַן אומרו אין האַרץ פון לייענער, ברענגען אַרויף דעם ציטער פון פאַרהוילענע יחידישע געדאַנקלעכע און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. אָבער סיי דיכטונג, סיי קריטיק, ווי אייגנאַרטיק זיי זאָלן נישט זיין, געפינען זיך טיילווייז אונטער דעם דרוק פון באַשטימטע טראַדיציאָנעלע טעמעס און פאַרמען, וועלכע יעדער אייגנטימלעכער טאַלאַנט ברעכט אַדורך, מיידט אויס, גייט אַרום, אָבער אין גאַנצן נישט נעמען אין באַטראַכט איז ער נישט אין שטאַנד. אין די פינף און דרייסיק עסייען, וועלכע גייען אַריין אין דעם בוך „אַן אויסרוף־צייכנס", האָט יאַנאַסאָוויטש ווי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע דרויסנדיקע עולן און פאַרבליבן בלויז מיט זיך און בלויז מיט זיך באַטראַכט אַלע מעגלעכע מענטשלעכע פּראָבלעמען און צושטאַנדן, אַנטפּלעקנדיק ביז גאָר די אייגנשאַפטן און מעגלעכקייטן פון זיין שעפערישן טאַלאַנט. קלאָר, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט אין דער נייקייט פון די טעמעס, וואָס פיל פון זיי געהערן צו די אַזוי גערופענע „אייביקע", נאָר אין דעם ווי אַזוי זיי ווערן אויסגעדריקט, אַנטוויקלט און געלעזט, וואָס איז דער סימן מובהק פון יעדער קונסט, וועלכע דורך נייע פאָרמען פאַרוואַנדלט אויך יעדע אַלטע טעמע אין אַ נייער. די עקספּאָזיציע פון יעדער טעמע אין דעם בוך אַנטוויקלט זיך קאָנסעקווענט אין אַן אַטמאָספער פון קלוגן סקעפּטיציזם און פון אַ דיסקרעטן קוהלתדיקן אומעט. באַהאַוונטקייט, אינטעליגענץ און אַ מין אינטואיטיווע קלוגשאַפט מאַכן נישט בלויז אַנציענדיק יעדן באַהאַנדלטן פּראָבלעם, נאָר אויך אָפּפרישנדיק און באַלערנדיק, ווי דאָס איז די אָפּהאַנדלונג „דער תנ"ך אין משך פון דורות", „פּראָפעסאָר איינשטיין וועגן מאָצאַרטן" און פיל, פיל אַנדערע, וועלכע באַלייכטן אַ גאַנצע ריי אַבסטראַקטע, געזעלשאַפטלעכע און פּראַקטיש־אַקטועלע ענינים טאַקע אַן שום איבעראַשנדיקע „אויסרוף־צייכנס", אָבער מיט אַ ליבע, וואָס איז דורכויס אייגנאַרטיק.

אויף וועגן און אומוועגן

פון אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן

אין דעם לעצט־דערשינענעם בוך פון אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן „אויף וועגן און אומוועגן" זענען געשילדערט די רוישיקע צוואַנציקער יאָרן אין פּוילן אויף דער יידישער גאַס, וועלכע איז פון איין זייט געווען אויפגעברויזט פון צענדליקער פיינטלעכע אָנגריפן — עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע — ווי ספּעציעלע יידן־שטייערן, אַנטיסעמיטישע העץ־קאַמפּאַניעס, בלבולים, פּאָגראָמען, דיסקרימינאַציעס און דערנידעריקונגען און, פון דער צווייטער זייט — פון נייע חלומות און האָפענונגען, פון גרויסע צוזאָגנדיקע רעוואָלוציאָנערע אידעען און פון אַ קומענדיק יושרדיק לעבן ווי גלייכע מיט גלייכע. דער דאָזיקער אויפברויז האָט אין יענע יאָרן באַהערשט נישט בלויז איינצלנע סביבות אין דער יידישער געזעלשאַפט לויט אַ וועלכער ס'איז קלאַסן־צעטיילונג, נאָר כמעט די גאַנצע יידישע יוגנט און יידישע אינטעליגענץ. די אויטאָרין, ווי איינע פון די מיטגעריסענע,

בלינד־פאַרליבטע אין די לינק־רעוואָלוציאָנערע אידעען פון יענער צייט, דערציילט וועגן דעם אַלעמען אין דעם בוך נאָך זייער פיל טראַגישע אַנטוישונגען און נאָך מער טראַגישע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען. אין אַזאַ פאַל טרעפט געוויינלעך זייער אָפט, אַז די געשטאַלטן, סיטואַציעס און געשעענישן פון יענער צייט ווערן געוויזן נישט אין גאַנצן אין דעם ליכט, ווי זיי האָבן אויסגעזען אין דער ווירק־לעכקייט, נאָר אין דעם, ווי דער מחבר זעט זיי איצט — טענדענציעז געענדערט אין אַ היסטאָרישער, סאַטירישער, אָדער פאַרביטערטער מאַניער. דער שרייבערי־שער טאַלאַנט פון אסתר ראַזענטאַל־שניידערמאַן האָט זי אויסגעהיט פון דער דאָזי־קער סוביעקטיווער שוואַכקייט פון די דורכשניטלעכע בעלי־זכרונות. דאָס לעבן פון יענע יאָרן גייט אויף אין איר בוך אין זיין גאַנצער ערשטיקייט און פרישקייט. די אַרויסגעפירטע געשטאַלטן זענען אַזעלכע, ווי זיי זענען דעמלט געווען, און נישט ווי מיר זעען זיי איצט און ווי מיר שאַצן זיי אָפּ איצט דורך דער קלוגשאַפט פון אונדזערע טרויעריקע דערפאַרונגען. זייער תמימותדיקער גלויבן און מסירת־נפש פאַר אַ וועלט פון כולו יושר רופט נישט אַרויס ביי אונדז קיין ביטערן שמייכל, נאָר טיפע געריערטקייט און טרויער. דאָסגלייכן די מאַסן־אויפרודערונג און דער מאַסן־ענטוזיאַזם אויף דער יידישער גאַס פון יעדער געשעעניש, וואָס האָט אָנגע־דייט דעם אָנקום פון אַ ניי לעבן. די דאָזיקע העכערע שרייבערישע אָביעקטיוויטעט פירט אַרויס די טעמע פון דעם בוך פון דער ספערע פון בלויזע זכרונות צו דער ספערע פון ליטעראַטור. דאָס ווערט נאָך באַשטעטיקט און געשטאַרקט דורך אַ גאַנ־צער ריי ספעציפישע שטריכן, ווי די געבונדענע, טרעפלעכע און פלאַסטישע שיל־דערונג פון כמעט אַלע געשטאַלטן, איינגעפּאַסטע אויף אַ נאַטירלעכן אופן אין זייער סביבה און צייט, די לעבעדיקע געמעלן פון פאַרשידענע אויסנאַמלעכע גע־שעענישן און סיטואַציעס, ווי "אַרום דער מאַרקישיאַדע" און פיל, פיל ענלעכע. דער אינטערעסאַנטער און אַנציענדיקער אופן פון דערציילן, דער אינערלעכער אומרו, וועלכער פּילט אויס דעם אונטערטעקסט פון די שילדערונגען, דער אָפּקלייב פון כאַראַקטעריסטישע פּרטים און דאָסגלייכן.

די אָביעקטיוויטעט לגבי דער גלויביקער פאַרגאַנגענהייט שילדערט נישט דעם פּסק־דין קעגן די, וועלכע האָבן די פאַרגאַנגענהייט פאַרקריפּלט און פאַרראַטן. פאַרקערט, זי הייבט נאָך אַרויס בולטער און שאַרפער די גבורה, דרייסטקייט און מסירת־נפש פון יענע יאָרן אַנטקעגן דער פאַרליגנערישקייט, געפאַלנקייט און ציניזם פון הייַנט.

עס איז אַ בוך, וואָס נישט נאָר עס לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס, נאָר עס איז אויך באַלערנדיק און פאַרמאָגט אַ טיפן דערקענטניש־ווערט.

ד״ר גרשון ווײַנער

יודל מאַרק ז״ל און דער ווערטערבוך

פֿון די קנאַפּע 78 יאָר וואָס יודל מאַרק האָט געלעבט אויף דער וועלט, האָט ער פֿולע 55 זיך אָפּגעגעבן מיט ייִדיש, ווי אַ לערער, דערציִער, מחבר פֿון טעקסט־ביכער און קינדער־דערציִילונגען, רעדאַקטאָר, איבערזעצער, ליטעראַטור־קריטיקער און שפּראַך־פֿאָרשער. ווי וויכטיק זײַנע אויפֿטוען זאָלן ניט זײַן אין די אַלע געביטן, וועט זײַן נאָמען פֿאַרבלײַבן אין דער ייִדישער אייביקייט, דער עיקר ווי דער רעדאַק־טאָר פֿון גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך. אין גאַנג פֿון אַ האַלבן יאָר־הונדערט פֿון אַרבעטזאַמער פּראָדוקטיווקייט האָט ער אַרויסגעגעבן צענדליקער ביכער, פֿאַרפֿאַסט, צוזאַמענגעשטעלט אָדער איבערגעזעצט פֿון אים און אויך הונ־דערטער עסייען און פֿאָרשונגען צעשפּרייט אין זשורנאַלן בכל תּפֿוצות ישׂראל. זײַן קרוין־ווערק אָבער, זענען די דרײַ דערשינענע בענד און דער פֿערטער וואָס ווערט איצט געזעצט, פֿון גרויסן ווערטערבוך.

ביים דערשײַנען פֿון ערשטן באַנד אין 1962 איז מאַרק געווען 65 יאָר אַלט. אין אַן עלטער ווען אַנדערע שעפֿערישע פּערזענלעכקייטן שטייען אויפֿן שוועל פֿון נעילה אין זייערע ווערק, האָט מאַרק ערשט געהאַלטן ביי דער פּתיחה פֿון זײַן לעבנס־פּראָיעקט, צו וועלכן ער איז געווען אַזוי גוט צוגעגרייט און אויסגעשולט אַ דאַנק דעם גייסטיקן באַגאַזש אָנגעזאַמלט במשך פֿון די אַלע יאָרן. און וואָס עלטער, אַלץ רײַפֿער, טיפֿער, און שטאַרקער זײַן כּוח היצירה ביזן לעצטן אָטעם. אויף אים פּאַסט אַזוי דער פּסוק אין תּהילים ״עוד ינובון בשיבה, דשנים ורעננים יהיו״ — זיי וועלן נאָך בליִען אין גרויען עלטער, קרעפֿטיק און זאַפֿטיק וועלן זיי זײַן.

איך האָב געהאַט די זכיה מיטצואַרבעטן מיט אים במשך פֿון דער ווערטערבוך־תּקופֿה — איבער 15 יאָר, — אים אַרויסצוהעלפֿן עטוואָס אין טראָגן דעם עול פֿון דער היסטאָרישער שליחות וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען. גלייך ביים ערשטן צוזאַמענטרעף מיט אים, און מיט ישׂראל שטיינבוים צו לענגערע יאָר, דעם סעקרע־טאַר און דורכפֿירער פֿון ווערטערבוך־אונטערנעמונג, בין איך, ווי אַנדערע, גלייך מיטגעריסן געוואָרן מיט דער אידייע און גלייכצייטיק פֿאַרכאַפּט פֿון דער פּערזענ־לעכקייט וואָס איז געשטאַנען בראש. מאַרק האָט עס פֿאַרגעשטעלט אין תּוך עפּעס אַנדערש ווי אַ פּעדאַנטישע אַרבעט אין לינגוויסטיק פֿון אַ ברייטן דאַך פּראַזאַישן וויסנשאַפֿטלעכן פֿאַרנעם. פֿאַר אים איז עס געווען אַ פֿאַרמעסט פֿון מאָנומענטאַלער חשיבֿות אין צווייפֿאַכיקן זין פֿון וואָרט: אין כּמות פֿון זאַמלונג און משמעות פֿון פֿאַרצייכענען און אָפּהיטן די אוצרות פֿון דער ייִדישער שפּראַך לדורות. ס׳איז בבחינת ״כּנוס״ (זיך באַנוצנדיק מיט ביאַליקס אויסדרוק לגבי דער פֿליכט פֿון אונדזער דור) אין צונויפֿזאַמלען די גייסטיקע רייכטימער פֿון ייִדישן לעבן, טויזנט יאָר פֿון גרעסטן שעפֿערישן שבט פֿון ייִדישן פֿאָלק און דאָס פֿאַרכאַפּן כּל־זמן די

לעצטע פון דור פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום זענען נאָך ניט פאַרשוווּנדן. דאָס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין ווערטער, ניט איינזאַמע, אָפּגעריסענע, נאָר ווערטער ווי ווערטן, אייגנגעטונקט אין געשיכטע, געבונדן מיט פרייד און ליידן, אידעאַלן און שטרעבונגען, קאַמפן און דערגרייכונגען, געדאַנקען און געפילן, שבת און וואָך, כלי־קודש און יידן פון אַ גאַנץ יאָר, ליבע און שנאה, דערהייבונג און דערנידערונג. ס'איז כולל ווערטלעך, מקורות, אַסאָציאַציעס, אויסדרוקן, ציטאַטן. ס'איז אַן ענין פון גרעסטער דרינגענדיקייט, אויפצוכאַפּן די גליענדע פונקען, דער אָפּגלאַנץ, לכל הפחות, זאָל לייכטן פאַר שפּעטערדיקע דורות. 231 וואָלונטירן־זאַמלערס, צעזייט און צעשפּרייט בכל תפוצות ישראל, ווי פאַרצייכנט אין דער רשימה אין ערשטן באַנד, האָבן זיך מתעסק געווען אין נישטערן זייער זכרון, פאַרשרייבן און אָפּשיקן אין צענטראַלן ביוראָ אין ניו־יאָרק, די ווערטער און ווערטלעך און טייטשן פאַר־בליבענע ערגעץ ווו אין די דערינערונגען פון די יוגנט־יאָרן אין דער אַלטער היים. ס'דערמאָנט זיך דערביי משה קולבאַקס אַ ליד:

„געזען האָב איך יידישע ווערטער ווי פייערלעך קליינע, ווי פייערלעך קליינע
ווי פונקען געצויגן פון פינצטערן אַרץ
געפילט האָב איך יידישע ווערטער ווי טייבעלעך ריינע, ווי טייבעלעך ריינע
די טייבעלעך וואָרקען און וואָרקען אין האַרץ".

דער פאַרמעסט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אין לשער גרעסער ווי פאַרגע־שטעלט. אומגעריכטע עשירות פון צוויי הונדערט טויזנט ווערטער צונויפגעזאַמלט אין קאַרטאָטעק, אַנשטאָט די צענדליקער טויזנטער אויף וועלכע מ'האָט זיך געריכט.

און דאָ איז די פּערזענלעכקייט פון יודל מאַרק גופא! ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט בלב ונפש און מיטגעצויגן אַנדערע מיט זיך. אין די ערשטע יאָרן האָט ער זיך נאָך געקאָנט סומך זיין אויף יודאַ יאָפע, וועמענס נאָמען פיגורירט אין די ערשטע צוויי בענד ווי רעדאַקטאָר צוזאַמען מיט מאַרקן. אָבער ס'איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען, אַז וואָס שייך וויזיע, פּערספּעקטיוו, אימפּעט, געזעלשאַפט־לעכע פאַרבינדונגען, וויסנשאַפטלעכער דורכפיר און דאָס זאָרגן און באַזאָרגן טאָג־איין טאָג־אויס, איז עס אויף מאַרקס איניציאַטיוו און אחריות. דערצו, ווי גרויס ס'זענען ניט געווען מאַרקס פאַרדינסטן פ אַ ר דעם ווערטער־בוך האָט ער במשך די אַלע יאָרן ניט געהאַט קיין פאַרדינסטן פ ו ן ווערטערבוך. די פאַרוואַלטונג האָט מער ווי איין מאָל באַשלאָסן אים צו באַשטימען שכירות, — ער האָט זיך אַ צאָל יאָרן אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ פּרוטה. אדרבה — אָפּגעשפּאָרט פון זיין געהאַלט אַלס קאָנסולטאַנט פאַר יידיש אין ועד החינוך פון ניו־יאָרק, האָט ער נאָך צוגעטראָגן מוסטערהאַפטע סומען ביי די יערלעכע געלט־זאַמלונגען. מיט אַזאַ מסירות־נפש־דיקער באַציונג איז אים געלונגען צו ווירקן אויף אַנדערע און אויסברייטערן די פּעריפעריע פון אינטערעס און שטיצע פאַרן ווערטערבוך. מ'דאַרף אָבער מוסיף זיין, אַז אָפט מאָל איז דער זעלביקער אידעאַליזם אויך געווען אַ מניעה אין אָנער־קענען ווי געהעריק די גערעכטע עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון די אָנגעשטעלטע.

דאָס דערשיינען פון ערשטן באַנד אין 1962 האָט באַרעכטיקט די האָפענונגען

און דערהויבן די דערוואַרטונגען. דער וואַרעמער אָפּרוף אין אַקאַדעמישע קרייזן און אין דער יידישער וועלט האָט אים טיף באַפרידיקט. די פיר בענד (דער צווייטער איז אַרויס אין 1966, דער דריטער אין 1971 און דער פערטער איז איצט אין דרוק) נעמט טאַקע אַריין בלויז דעם אות א׳, אָבער עס שטעלט מיט זיך פאָר לויט מאַרקס באַהויפּטונגען איבער 25 פּראָצענט פון יידישן ווערטער־אוצר. למעשה הייסט עס, אַז עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן ניט בלויז די ערשטע פיר שטאָק פון 10—12 גאַרנדיקן בנין פון דער יידישער שפּראַך, נאָר עס זענען אויך פאַרפולקאָמט די פּלענער און צוגעגרייט אַ סקלאַד בוי־מאַטעריאַלן אויף צו פאַרענדיקן בשלימות אַ גרויסאַרטיקע געביידע.

דאָס איז ניט אַן ענין פון כמות אַליין. אַ בליק פון קאַלאָסאַלן פאַרנעם קען מען כאַפּן פון אַזאַ וואָרט ווי ״אויג״ אין ערשטן באַנד. דאָס איינציקע וואָרט פאַר־מאָגט 34 באַזונדערע אויסטייטשונגען מיט בערך 175 שייכותדיקע אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, צוזאַמען מיט אַ העלפט פון דער צאָל אין ציטאַטן פון מקורות אין יידיש און העברעיש.

אייגנטלעך איז עס אַ שפּרודלדיקער קוואַל פון אינפאָרמאַציע איבער די גרעי־נעצן פון שפּראַך, אַ מין דערהערן דאָס אָטעמען און דערשפּירן דעם דופק פון יידישן לעבנסשטייגער, פון כלל און פרט, די פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע פון יידישן לעבן.

בכדי צו באַגרייפן וואָס מאַרק האָט דערגרייכט איז וויכטיק אונטערצושטרייכן אַז דער ווערטערבוך פון אָנהייב ביז היינט האָט ניט געהאַט קיין טאַטע־מאַמע, קיין שום אָפיציעלע אינסטאַנצן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. יחידים אַליין, באַווירקט פון דער מאַרק־פּערזענלעכקייט האָבן געשאָפן אַן אַפּאַראַט אויף אַ פּראָיעקט וואָס האָט שוין אָפּגעקאָסט איבער אַ מיליאָן דאָלאַר.

ניט מעגלעך תופס צו זיין די מאַרק־פענאָמענען אָן צו דערפילן די גרויסע ליבע פאַר יידיש, ווי דער מהות פון זיין גאַנצן וועזן. אהבת יידיש איז געווען דער כוללדיקער, כאַראַקטעריסטישער, דורכדרינגענדיקער שטריך אין אַלע תחומים פון זיין לעבן און שאַפן. אהבת יידיש האָט אים געפירט צו אהבת יידן, אהבת יידיש־קייט און אהבת יידן־לאַנד. אהבת יידיש איז דער שליסל צו די קאַמפן וואָס אים איז אויסגעקומען אָנצופירן. דער אָפּנייג פון ייוו״אַ־אויסלייג, — אַ באַשלוס וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט פאַרן ווערטערבוך צו דערשיינען ווי אַן אויסגאַבע פון ייוו״אַ — איז מאָטיווירט פון באַגער צו ״אויפהיטן די דורכאויסיקע טראַדיציע פון יידיש וואָס איז געבליבן ניט איבערגעריסן אין פאַרלויף פון אַלע דורות״ (הקדמה צום ערשטן באַנד). אויב יידן האָבן אַזוי געשריבן, פאַר וואָס זיך אָפּזאָגן דערפון ? אהבת יידיש קלערט אויף מאַרקס עקשנותדיק איינשטעלן זיך, אַריינצו־נעמען אין ווערטערבוך אַלע ווערטער וואָס יידן האָבן אַרויסגערעדט אין אַלע צייטן אין אַלע עקן וועלט. צוליב דעם, דאָס פאַנאַנדערגיין זיך מיט מרדכי קאָסאָווער, יצחק ריבקינד און יעקב גלאַטשטיין אין זייער אַנטקעגנשטעלן זיך די פרעמד־שפּראַכיקע ווערטער פון לאָקאַלן כאַראַקטער אין גערעדטן יידיש, ווי אויך אַזוי־

גערופענע "קינסטלעכע" ווערטער, וואָס יחידים האָבן אַרויסגערעדט. אהבת יידן האָט געפּירט מאַרקן ניט צו פּסלען ווערטער וואָס יידן האָבן ווען ס'איז גענוצט און זיי אַריינבעמען לכל הפחות עם כל הנערים.

אהבת יידן האָט אים אויך געפּירט אויפן דרך פון פּערזענלעכער התקרבות צום יידישן שטייגער און אויפפירונג לויטן טראַדיציאָנעלן נוסח. אויב יידן האָבן אַזוי געלעבט, טאָר מען עס ניט פאַרלייקענען. און פון יידישקייט צו יידיש לאַנד. זיין עולה זיין קיין ישראל אין עלטער פון 72 יאָר איז געווען דער לאָגישער אויס־פיר. ס'איז אַנגענומען אַז מאַרק איז געקומען קיין ישראל צוליבן ווערטערבוך. דער אמת איז פאַרקערט — מען האָט דעם ווערטערבוך אַריבערגעפירט קיין ישראל צוליב מאַרקן. אין שייכות מיט דעם, אַן אומפאַרגעסלעכער עפּיזאָד — מאַרקס דראַ־מאַטישע דערקלערונג ביי אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון ווערטערבוך אין ניו־יאָרק, בזה הלשון: ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מען אָנגעבאָטן שמעון דובנאָוון אַ סערטיפיקאַט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. דובנאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט מיט דער דערקלערונג, אַז זיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל וועט הייסן עפנטלעך אָפּלייקענען זיין לעבנס־פילאָזאָפיע פון יידישן קיום אין גלות — ער אָבער, שרעקט זיך ניט... האָט מאַרק צוגעגעבן, אויב זיין עולה־זיין וועט פאַרעכנט ווערן ווי פולשטענדיקע אָפּלייקענונג פון זיין לעבנס־דרך. און ער האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער אַז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויב יידיש האָט אַ צוקונפט, איז עס דוקא אין ארץ־ישראל.

גרויס איז געווען זיין פרייד ווען ער האָט געקאָנט פאַרצייכענען אין שער־בלאַט פון דריטן באַנד, אַז ס'איז געדרוקט אין ישראל. אין די פינף יאָר אין ירושלים האָט ער זוכה געווען צו טיפער באַפרידיקונג. פון איין זייט זענען די שוועריקייטן פון ווערטערבוך נישט פאַרמינערט געוואָרן, אפשר טיילווייז אויך פאַרשאַרפט געוואָרן אין דער שותפות מיטן העברעישן אוניווערסיטעט. דאַקעגן האָט זיך מאַרק איינגע־לעבט און אויסגעלעבט אין דער ישראל־סביבה. ס'איז אים צוגעטיילט געוואָרן פאַסיקע אָנערקענונג און כבוד אין אַלע קרייזן ווי דער ראש המדברים פון מחנה יידיש. ער האָט דערשפּירט און געלעבט מיט דער געהויבנקייט פון דער ישראל־וויזיע. כאָטש אָפּגעשוואַכט פיזיש, איז ער גייסטיק פאַרבליבן ברויזנדיק־שעפעריש און דינאַמיש אויף דער פלאַטפאָרמע אוןביים שרייבטיש.

אַ בוך ליטעראַרישע אָפּשאַצונגען פון סוקצעסוערס שאַפונגען האָט ער אָנגע־שריבן און אַרויסגעגעבן שוין זייענדיק אין ישראל. פון דער גרעסטער חשיבות אין יידישער לינגוויסטיק איז זיין גראַמאַטיק פון יידיש, וואָס ער האָט צוגעשטעלט צום קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק ווי זיין נעילה־געזאַנג פון ירושלים.

ס'איז פאַראַן די שיינקייט פון זון־אויפגאַנג און די שיינקייט פון דער שקיעה. פון די ביידע איז די פון דער שקיעה פּרעכטיקער, מער שטימונגס־ און איינדרוקס־פול. פּרעכטיק און איינדרוקספול זענען אויך געווען די שקיעה־יאָרן פון יודל מאַרקס פרוכטבאַרן לעבן אין שליחות פון יידיש. זיינע אויפטוען וועלן פאַרבלייבן לדורי דורות.

אברהם ביק

ירושלים פון די אָפּגרונטן

35 יאָר נאָכן דערשיינען פון שמואל־יוסף עגנונס ראָמאַן ״תמול שלשום״

אַ פערטל יאָרהונדערט נאָך דעם ווי דער קלוגער און טיפער זיידע פון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים פון אָדעס, איז אַוועק אין דער אייבי־קייט, האָט זיך זיין קינסטלערישע ענערגיע אויפסניי אַנטפּלעקט אין אַ ראָמאַן פון זיין אייניקל שמואל יוסף עגנון פון בוטשאַטש און ירושלים. דאָס, וואָס מענדעלע האָט מיט יאָרן צוריק אַרויסאַנטפּלעקט אין זיין ״עמק הבכא״ — טרערן־טאָל — פון יידישן לעבנס־שטייגער אין גלופּסק און קאַבצאַנסק — האָט עגנון געשטאַלטיקט אין זיין עפּישן ראָמאַן ״תמול שלשום״ (נעכטן־אייערנעכטן), די עפּאָפּייע פון דער פּאַרמאַנדאַטישער ירושלים.

דער זיידע און דאָס אייניקל

מענדעלעס באַרימט ווערק ״די קליאַטשע״ ווערט פאַררעכנט ווי אַ מיילן־זייל אין דער געשיכטע פון דער דערוואַכונג פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום. די ״קליאַטשע״ איז זיינער צייט אויפגענומען געוואָרן ווי אַ מין נאַציאָנאַלער מאַניפעסט. אין זיין מאָנאָגראַפיע ״מענדעלע מוכר ספרים״, שרייבט דער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער ש. ניגער, אַז ״די קליאַטשע״ איז ״דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון דער אויפוואַכונג פון נאַציאָנאַלן געפיל, אַזוי ווי די ״טאַקסע״ איז געווען דער הילכיקסטער אויסגעשריי בעת די געבורט־ווייען פון אונדזער סאָציאַלער באַוועגונג״. עגנון האָט זיין ראָמאַן געשריבן על־פּי נוסח מענדעלע, נאָר דער מענדעלע־רעאַליזם האָט זיך גאָר־אַנדערש געשטאַלטיקט ביי עגנונען. מענדעלע, דער גרויסער רעאַליסט, האָט אויף זיין קאַנווע אַנגעלייגט אַ סך פאַרבן, אַז דאָס בילד זאָל זיין בולט און שניידנדיק. ער איז אין פּרט פון רעאַליסטישער שילדערונג דערגאַנגען כמעט ביז אכזריות. ביי עגנונען איז דער רעאַליזם מער אַלעגאָריש־סימבאָליש. הצד השוה שבהם, ענלעך זענען ביידע — מענדעלע און עגנון — אין דער שילדערונג פון תמימותדיקן מענטשן אין אַ היימלאָזער, עלנטער סביבה, נאָר אונטער די רואיקע עפּישע וואַסערן פון עגנונס פּראָזע ברויזט אַ טיפער מענטשלעכער אָפּגרונט.

די געזעלשאַפט, וואָס עגנון האָט געזען אין איר פאָרמאַציע און דעפאָרמאַציע, אין איר אויפקום און צעפאַלונג איז דאָס ארץ־ישראל פון דער צווייטער עליה, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס איז אַ מין דראַמע וואָס אין איר האָבן זיך צונויפגעשטויסן די דעקאַ־דענץ פון אַלטן יישוב און דער חלוצישער אידעאַליזם פונעם נייעם. דער צענטראַלער העלד פונעם ראָמאַן יצחק קומער, איז אַן אידעאַליסטישער, אַביסל נאַאיווער טיפּ, אַ זון פון אַ קליינשטעטלדיקן קרעמער אין מזרח־גאַליציע, אַ פּיאָנער פון ציוניסטישן אידעאַל, וואָס האָט גלייך ביי זיין ערשטן באַריר מיט דער נאַקעטערווירקלעכקייט זיך באַגעגנט מיט אַ צערונענער אילוזיע.

שוין אויפן וועג פון זיין שטעטל קיין ארץ־ישראל, אין דער שטאָט לעמבערג, טרעפט ער ציוניסטישע פירער, וואָס האַלטן שיינע דרשות וועגן דער נויטווענדיקייט פון ״עולה זיין אין הייליקן לאַנד און זיי אַליין פאַרברענגען אין די קאַפע־הייזער און שפּילן ביליאַרד״. נאָך אַ גרעסערע אַנטוישונג לעבט ער דורך בעת זיין באַגעגעניש אויף שריט און טריט מיט די אַרבעטס־געבער און אַרבעטער אין יפו־תל־אביב. שווער געווען פאַר דעם אידע־

אַליסט די אַקלימאַטיזאַציע אין די יידישע קאָלאָניעס פון יהודה און גליל. ער איז אַריינגע־פאַלן אין אַ ניהיליסטישער אַטמאָספער פון די בירגער און קליינבירגער פון יפו, האָט דורכ־געלעבט אַ ליבע־אַנטוישונג אין דער ניי־געגרינדעטער תל־אביב, און נאָך דעם ווי זיין געליבטע סאָניע ראַבינאָוויטש פאַרלאָזט אים, האָט אים אַ צי געטאָן קיין ירושלים. אין דער אייביק־פעלדזיקער שטאָט לערנט ער זיך אויס אַ פאַך. ער ווערט אַ פאַרבער פון לאַדנס אויף הייזער. אינעם פרומען קוואַרטאַל "מאה שערים" באַגעגנט ער זיין ניי־באַשערטע כלה שפרה, וואָס איז אַ מוסטער פון תמימות און טרייקייט צו טאַטע־מאַמע, היים און יידישער טראַדיציע. אָבער דווקא דאָ, אין ירושלים, אין שויס פון ליבע און קדושה, טרעפט אים דער זינלאָזער, אַבסורדאַלער טויט. שטאַרבט פון אַ גיפטיקן ביס פון אַ הונט, אַ כלב וועמען ער אַליין האָט געטריבן צו משוגעת.

די השפּעה פון יוסף חיים ברענער

"תמול־שלשום" גיט אַ ברייט־עפּישע פּאָרטרעטן־שילדערונג פון די גרונט־לייגער פונעם נייעם ישוב אין ארץ־ישראל פון פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וועגן דעם דור פון יוסף חיים ברענער און א. ד. גאָרדאָן און די ערשטע חלוצים. עס איז אָבער אַן עפּיק, וואָס איז ליריש און אַלעגאָריש צוגלייך. די געשיכטע פון יצחק קומערס ראַנגלענישן, אַנטוישונגען און דורכפאַלן איז דורכגעפעדעמט מיט אַן עקזיסטענציאַליסטישן מאָטיוו. יצחק קומער איז אַ טיפּ, וואָס האָט זיך נישט געקענט אַריינלעבן אין נ י י ע ם און זיך נישט געקאָנט צוריקגעפינען אין אַ ל ט ן.

אין דער אידעע, אין הויפּט־מאָטיוו, איז "תמול שלשום" אין גאַנצן אין דער טראַדיציע פון יוסף חיים ברענערס שאַרפער סאָציאַלער קריטיק אויף דעם אַלטן יישוב, אינעם ראָמאַן "שכול וכשלון" (פאַרצווייפלונג און שטרויכלונג), וואָס איז באַצייכנט געוואָרן ווי די "שטויב־פּאָעמע" פון ירושלים.

"איך בין אין ירושלים — זאָגט ברענערס העלד — הערט און זעט : שנאָרערס, חלוקה־ניקעס, מעקלערס, געפּאַלענע ברואים, וואָס לעבן פון לופט און חוץ־לאָרצדיקער (אויס־לענדישער) צדקה". ווי ברענער ברענגט אויך עגנון אַרויס טיפּישע געשטאַלטן פון אַלטן און נייעם ישוב, צייכנט זיי ווי מענדעלע מיט שאַרפע סאַטירישע שטריכן, ווו עס איז קאָנטיק די עגנונישע סובטילע פּאַראַדישע פּראָזע, וואָס מען באַצייכנט ווי נוסח־עגנון ; די גוט־באַקאַנטע געמאַכטע נאַיווקייט פון סטיליזירן אַלטע מדרשים און חסידישע מעשיות, אויסגעוועבט אויף אַ ברייטער קאַנווע פון איראָניזירנדיקער דערציילערישקייט. דאָס איז אָבער דער אַזוי גערופענער אויבערשטער שיכט פון ראָמאַן. עגנון באַנוגנט זיך אָבער נישט מיט גראָטעסק. ווי ברענער הויבט ער אַרויס די טיפע עקזיסטענציאַלע טראַגיק פון דער שטאָט, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ מין קאָמפּענסאַציע פאַר אַלע טראַגישקייטן פון יידישן קיום אין גלות, און אין דער ווירקלעכקייט איז ירושלים אַ שטאָט, ווו עס געפינען זיך מענטשן, די "נטורי קרתא", וואָס "טוען אָפּ אַלע פּסלנות'ן כלומרשט אין אייפער פאַר גאָט . . . זיי יאָגן זיך נאָך כבוד און זענען פול מיט שנאת חנם . . . זיי דינען זייער באַ־שעפער פון אַ פולן בויך, און יעדער מענטש, וואָס טראַכט אַנדערש רודפן זיי און לייגן אַריין אין חרם".

ווי אַלע זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען האָט אויך עגנון, אַנדערש ווי ברענער, דעם עקזיסטענציאַליסטישן ראָמאַן, באַהויכט מיט אַ טיפּן ליריזם. "זיצט זיך ירושלים אויף בערג און זעט אויס ווי אַן אָדלער, וואָס טראָגט זיינע יונגע אָדלערס אויף די פליגל . . . ס'האָט קיין מאָל ניט געטראָפן אַז אַ מענטש זאָל זאָגן : מיר איז ענג דאָס אָרט אין ירושלים" — אַזוי הייבט ער אָן דעם פּראָלאָג צום צווייטן טייל פון ראָמאַן אין זיין אייגנאַרטיקן משנה און מדרש־סטיל. "יצחק געפינט זיך אין ירושלים. זיינע פיס שטייען אויפן אָרט ווו עס זענען געשטאַנען ישעיה און ירמיה און אַלע נביאים. זייערע רייד שפּאַרן אַרויס פון די

פעלזן... אַ בונד איז פאַרשניטן געוואָרן, אַז יעדער שטאָט זאָל אָפּזיגלען איר חותם אויף אירע תושבים... אַ פּשיטא, ירושלים, גאָטס כלה, די שטאָט, וואָס די שכינה האָט זי קיין מאָל נישט פאַרלאָזט, און אפילו אין די צייטן ווען די שכינה איז פאַרבאָרגן און באַהאַלטן, זענען פאַראַן טעג, וואָס דער פּשוטסטער ייד דערפילט זי לויט זיין זכות און חסד און אין זכות פון די יסורים וואָס מיט זיי איז ער געשטראָפט געוואָרן אין ירושלים"...

דאָס איז דער אַריינפיר צו די געשעעניש מיטן העלד אין ירושלים. צו דער ירושלים, דאַכט זיך, וועט דער שרייבער צופאַלן מיט זיין גאַנצן פּאַטאָס און וועט מאָלן דעם געליי־טערטן לעבן פון אירע תושבים און זייערע אידעאַלן: די ירושלים של מעלה און ירושלים של מטה, איר ווירקלעכקייט און איבער־ווירקלעכקייט. ווען די מעשה הייבט זיך אָן, דאַכט זיך אונדז, אַז זי וועט זיך צעכוואַליען מיט אַזאַ צעצונדענער התפּעלות, וואָס וועט זיבנפאַך אַריבערשטייגן די שמחה פון העלד מיט דער שטאָט. מען שפּירט דעם טעמפּ און דעם טאָן פון אַ גרויס געשען, פון אַ יום טובדיקייט, וואָס וועבט זיך ווי אַ לעגענדע. נאָר פּלוצלונג — אַ מעשה! וואָס איז געשען? משיח איז אַריינגעריטן אין גאָלדענעם טויער פון ירושלים? ס'הייבט זיך גאַרנישט אָן! אומגעריכט אַ נייע באַגעגעניש — אויג אויף אויג — מיט... אַ כלב, אַ הונט! אויף קרוב צו 300 זייטן ווערט ירושלים אַרויסגעבראַכט דורך דער געשטאַלט פון דעם נייעם העלד, דער הונט בלק. שוין איין מאָל אַ באַליידיקונג! אָבער דער כלב דערפילט פאַר עגנונען אַ שליחות. ער איז דער שופט און ער איז דער עדות פון ירושלים און אירע איינוווינער.

"אַ הונט אויף די גאַסן"

דער פאַרבער יצחק קומער איז אַראָפּגעגאַנגען פונעם לייטער נאָכן אָפּפאַרבן די לאָדנס פון אַ דירה. ער האָט באַגעגנט אַ "הונט פון גאַס" (כלב חוצות). אַ כלב מיט "גוטע אויגן, אַ קורצע נאָז. זיין מראה ספק ברוין, ספק — געל. דער הונט האָט געפּאַכעט מיט זיין קורצן ווידל. דאָס איז געווען פון יענע הינט, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט אין ירושלים, איידער ענגלאַנד האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד".

דער הונט האָט אַרומגעשנאָפּט דעם עמער מיט פאַרב, נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעלייגט צופוסנס דעם לייטער. אַ רואיקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין הינטישן פּרצוף. "האָט יצחק געגלעט דעם רוקן פון הונט, געגלעט זיין פעל, ווי אַ סופר, וואָס גלעט דעם פּאַרמעט, איידער ער נעמט זיך שרייבן די הייליקע אותיות פון אַ ספר תורה... האָט דער הונט אַרויסגעשטרעקט זיין צונג און אָנגעשטעלט אויף יצחקן זיינע אויגן. האָט יצחק איינגעטונקען זיין בערשטל אין דער פאַרב און אָנגעשריבן אויף דער הויט פונעם הונט די אותיות כ ל ב! און האָט געזאָגט: פון היינט אָן וועט קיינער אין דיר קיין טעות נישט האָבן. מען וועט וויסן ווער דו ביסט, און דו אַליין וועסט אויך וויסן. ער האָט געטראַכט אַ רגע און צוגעשריבן די אותיות: כלב משוגע! (אַ משוגענער הונט)."

דער הונט איז שוין ניט אָפּגעטראָטן פון יצחקן. ער האָט זיך געטוליעט צו זיינע פיס, ווי ער וואָלט געפונען אַ נייעם באַלעבאָס, אַ מין משיח, וואָס וועט אים דערלייזן פון זיין הינטישן עלנט. "גוט איז געווען דעם כלב צו קומען אין באַריר מיט אַ מענטשן, וואָס פאַר־מאָגט אַ כלי מיט פליסיקייט, באַזונדערס אין די טרוקענע זומער־טעג, ווען די לופט אין ירושלים גליט ווי אין אַ קאַלעכאויון, און ירושלים ווייסט נישט פון קיין טראָפּן פייכט־קייט". האָט דער הונט אַרויסגעלאָזט אַ געבריל פון תחנונים, ווי ער וואָלט געבעטן יצחק זאָל אויף אים טריפן פון דער פייכטקייט פון עמער. האָט יצחק געמאַכט געדיכטער די אותיות פון "כלב משוגע" און מיט אַ בריקע אַוועקגעיאָגט דעם כלב. "האָט דער הונט, אַ צעבלוטיקטער פון דעם בריקע זיך אַ לאָז געטאָן איבער די גאַסן פון ירושלים אין אַ יאָמער־האַוו און איז דערלאָפן קיין מאה שערים..."

און ווי נאָר דער כלב האָט זיך באַוויזן אין פרומען קוואַרטאַל איז באַלד באַפאַלן אַ

פחד די דאָרטיקע תושבים. קינד און קייט איז געלאָפן אין בהלה, קרעמער האָבן פאַרריגלט טיר און טויער, קצבים האָבן פאַרשלאָסן די יאַטקעס און אַלע זענען געלאָפן, געיאָגט פון געשרעק־געשריי: „אַ משוגענער הונט! כלב משוגע!".

מיט איין שמיר פון בערשטל האָט יצחק קומער געביטן די הינטישע טבע אויף אַ מענטשלעכער. פון איצט אָן ווערט דער כלב אַ חקרן, אַ טראַכטער און אַן איבערטראַכטער, אַ גאַנצער פילאָזאָף. זינט יצחק האָט מיט דער פרישער קילער פאַרב אויפגעצייכנט אויף זיין פעל די ווערטער „משוגע", איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן כלב — דורך דעם שרייבער — דער עול פון סימבאָל. ער איז שוין נישט געווען סתם אַזוי זיך אַ הונט, נאָר הונט, וואָס זיין מעשה וועט זיך ציען אויף צוויי הונדערט זייטן פונעם ראָמאַן מיט אַ דראַמאַטישער געשפּאַנטקייט.

ווער עס האָט געהאַט גאַט אין האַרצן האָט געיאָגט דעם הונט, וואָס האָט זיך געוווּנדערט פאַר וואָס מען פאַרפאָלגט אים. דער הונט האָט „געזוכט דעם אמת, וואָס אַלע וויסן פון אים, נאָר ער אַליין ווייסט גאָרניט וועגן זיך". פון איצט אָן האָט דער כלב, מעשה חקרן, זיך אָנגעהויבן „גרונטעווען ווו עס ענדיקן זיך די מעשים פון בני אדם, די טאָטן פון מענטשן־קינדער, און עס הייבן זיך אָן די מעשים פון די כלבים"...

אַלעגאָריע און סימבאָל

ווי אין יעדער מעשה וואָס פאַרמאָגט אַ סימבאָל, ליגט דאָ, דאַכט זיך, דער נמשל פון אויבנאויף. דער הונט איז אַ משל אויף די הינטישע מעשים. ווי אין מענדעלעס „קליאַטשע", וואָס איז דער משל אויף כנסת ישראל. די פראַגע איז צי דער משל שטייט אויף זיינע אייגענע פיס, צי ער דרינגט אַרויס פון דער עצם שילדערונג. מיר געפינען רעדעוודיקע חיות אין דער יידישער ליטעראַטור, ביי מענדעלען און ביי שלום עליכמען, ביי ביאַליקן און ביי יהודה שטיינבערג, און זייער עצם קיום איז אַ דורכזיכטיקע אַלעגאָריע. שטענדיק איז דאָ וויכטיק דער אָנהייב, דער אָנוווּנק, דער מאי קא משמע לן. אין דער וועלט־ליטעראַטור קענען מיר דזשעק לאָנדאָנס הונט, וואָס פאַרמאָגט קלאַסישע שלימות. דער העלד־הונט ביי לאָנדאָנען איז „הינטיש מיטן הונט", לויט דער טרעפלעכער באַצייכענונג פון ח. ד. נאָמבערג. ער איז אַ כלב ממש, וואָס מען קען אים נישט פאַרגלייכן מיט קיינעם, כדי בולטער צו מאַכן זיין נאַטור. ער איז אַ משל און אַ נמשל צוזאַמען.

עגנונס כלב איז מער נמשל ווי משל. אין זיין האָוקעריי, אין זיין געביל, האָט ער געפונען אַ תיקון. איצט ווערט ער אַ סימבאָל פון זיין עלנטן באַלעבאָס, דעם פאַרבער, וואָס וואַנדערט אום ווי ער אויפן עולם התוהו. פריער איז יצחק געווען אָפן און פשוט, איצט איז ער בלינד און פול מיט זוכן אַ באַשייד.

די קאַפּיטלען וועגן הונט אין די ירושלימער גאַסן זענען נאַוועליסטישע מיניאַטורן פאַר זיך, געצייכנט פון אַ מייסטערישער האַנט, און ווערן באַוויזן אין זייער שייכות מיט דעם איינזאַמען העלד יצחק קומער.

באַזירט אויף די ווירקלעכע געשעענישן, וואָס פאַרלויפן זיך מיט יצחקן, געפינט מען דעם טרעפלעכן באַשייד פון יצחקס גורל. דאָס איז די אינעווייניקסטע סימבאָלישקייט פון דעם ראָמאַן. דורך זיין משונהדיקער מעשה פון אָנשרייבן אויף דער הויט פונעם כלב דאָס וואָרט „משוגע", האָט ער געגעבן דעם פירוש פון זיין אייגן לעבן. דער עולה, דער חלוץ האָט זיך דאָ נישט געפונען. דערמיט וואָס ער איז אַוועק פון יפו, פון נייעם פרייעם לעבן צוריק צום אַלטן, האָט ער זיך אַליין פאַרמשפּט. פון היינט אָן וואַנדערט ער איבער די ירושלימער גאַסן, אין איין שרעק ווי דאָס היימלאָזע באַשעפעניש, וואָס שפּירט אויף זיין רוקן די שמיץ פון זיינע פאַרפאָלגער. אויך דער גורלדיקער טויט פון יצחקן, וואָס שטאַרבט פון ביס פונעם כלב, וועלכער איז טאַקע סוף כל סוף משוגע געוואָרן, איז אַ טיפער סימבאָל.

דאָס איז נישט קיין שטראָף פאַר דער נאַרישקייט וואָס ער האָט צופעליק אָפּגעטאָן אַן אומשולדיקער באַשעפעניש. עס איז דער פּירוש אויפן גורל פון יצחקס לעבן. דער צוריקקער צום געטאָ, צום אַלטן שטייגער דערפירט אים צו זיין גורלדיקן סוף. קיין צוריקקער איז נישטאָ!

מוסטערן פון ליטעראַטור־השפּעות

די דערציילעריש־עפּישע ווערט פון עגנונס "תמול שלשום" איז נישט ווייניקער וואָגיק ווי זיין פילאָסאָפיע. די חקירות פונעם "פילאָזאָפישן" הונט זענען אַ טעכניש־גייסטיקער צוגאָב, כדי אונטערשטרייכן זיין מאַסיוון קינסטלעריש־עפּישן בנין. אָט די טראַכטערישע סימבאָלישקייט פאַרדינט אַ געגויערן אַנאַליז. די מחשבות פון דעם כלב בלק שטיצן זיך אויף געשיכטלעכע ליטעראַרישע טראַדיציעס און השפּעות. בלא יודעים, אומבאַוווסט, איז עגנון באַאיינפלוסט פון געטעס "פאוסט", פון אַלעקסאַנדער בלאָקס פּאָעמע "צוועלף" און פון פראַנץ קאַפקאַס אַ דערציילונג.

אין די מאָמענטן פון זיין דערמאָנען זיך אין זיין זינד, האָט זיך דער טייוול באַהאַפטן מיט פאוסטן אין געשטאַלט פון אַ הונט. מעפיסטאָ ביי געטען ווערט געשילדערט אין געשטאַלט פון אַ הונט, אַ שוואַרצער פּודל הייבט זיך אָן אַרומדרייען אין פאוסט'ס קאַבינעט. שפּעטער פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ מענטשן. אין אַלעקסאַנדער בלאָקס באַרימטער פּאָעמע "צוועלף", ווו דער רוסישער פּאָעט זעט דעם גראַנגל פון אַלטן מיטן נייעם, באַשולדיקט ער דעם "פּאַסקודנעם כלב", — דער סימבאָל פון דער אַלטער וועלט, וואָס לויערט אויף דער נייער. אויפן פאַרשנייטן פּעטערבורגער ברוק אין דער אָקטאָבער־נאַכט הינקט דער הונט נאָך די רויטגוואַרדייער ווי אַ פאַרעטערישער שאָטן, וואָס זיי איז שווער אים צו פאַרטרייבן. "שטשירעט ווי אַ וואָלף די ציינער / הונגעריק — און טרעט נישט אָפּ".

אין עגנונס ראָמאַן איז אויך קאַנטיק דער איינפלוס פון פראַנץ קאַפקאַס אַ קורצער דערציילונג "די חיה אין דער הייליקייט". דאָס איז אַן אַלעגאָריש מעשהלע וועגן "אונדזער סינאַגאָגע אין פּראָג. אַ געל חיהלע האָט זיך באַוויזן אין דער סינאַגאָגע און פאַרפאַלגט די דאַווענער, באַזונדערס די דאַווענערינס, די פרויען, בעת מען עפנט דעם ארון קודש... דער הויפּט־מאָטיוו פון קאַפקאַס אַלעגאָריע איז די באַרימטע פראַזע פון ניטשע: "גאָט איז טויט." מיטן צוגאָב פון עראָטישן אָנווונק. די חיה, די גיריקייט, אַנטפּלעקט זיך דווקא אין דער סינאַגאָגע. ביי עגנונען ווי ביי קאַפקאַן איז די קדושה, די הייליקייט, אָפּט בלויז פאַרמאַסקירטע וואַכעדיקייט, יאָגעניש נאָך תאוה און געלט...

נישט ווייניק זאַצן וואָס זענען דורכזיכטיקע פּירושים פון שרייבערס מאָטיוון זענען פאַראַן אין די קאַפּיטלען וואָס שילדערן די וואַנדערונגען פונעם כלב איבער די ירושלימער גאַסן, און זיי זענען פאַרבונדן מיט דעם כאַראַקטער און געמיט פון זיין צענטראַלן העלד, יצחק קומער.

דער כלב באַהאַלט זיך אין "מאַנטעפיאָרעס ווינט־מיל" און טראַכט: "דער תכלית פון יעדער באַשעפעניש איז פליש און ביינער, דאָס הייסט פּרנסה. אַלע ווילן פּ־רנסה. סיי די וואָס מאַכן אַ ברכה איבער דער שחיטה ווי די יידן, אָדער ווי די ישמעאלים (אַראַבער), וואָס שעכטן אין נאָמען פון דערבאַרעמדיקן אַללאַ, אָדער ווי די נוצרים (קריסטן) וואָס שניידן איבער דעם האַלדז... אַלע האָבן אין זינען פּרנסה... זינט ער, בלק, איז געפאַלן אויף דער מחשבה האָט ער שוין נישט געזען קיין אונטערשייד צווישן אָרעם אין רייך, קיין חילוק פון אַ תלמיד חכם ביז אַן עם־הארץ. ער האָט אויך נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן די וואָס טראָגן שוואַרצע קאַפּאָטעס און שטריימלעך, און די וואָס פּ־רן מיסט און שטרוי. אַלע האָבן אין זינען איין זאַך: הב־הב!" (גיב, גיב!), סיי די, וואָס קריגן אַרויס זייער ברויט פון מי און האַרעוואַניע, און סיי די, וואָס טראָגן קאַפּטאַנעס און לעבן פון חלוקה. אַלע — הב־הב — האַוו־האַוו — —".

און ווידער שווימט דאָ אַרויף די אַנאַלאָגיע מיט מענדעלען און זיין תלמיד, דעם נאַציאָ־נאַלן דיכטער חיים נחמן ביאליק. געגנוג צו ברענגען לשם אילוסטראַציע די שורות פון דער "קליאַטשע": "דאָס מענטשל, ווי איר קוקט אים אָן, האָט אין זיך אַלע מינים ברואים און באַשעפענישן. איר געפינט אין אים אַלע ווילדע חיות, אויך פאַרשידענע בהמות; איר געפינט אין אים אַ יאַשטשערקע, אַ פּיאַווקע, אַ שפּאַנישע פליג וכדומה... איר זעט אין אים אויך וואונדערלעכע סצענעס, ווי אַ הונט סלוזשעט, דרייט דעם ווידל פאַר איטלעכן..."

אין ביאליקס פּאָעמע "מתי מדבר" (די טויטע פון מדבר): "אַנטבלויזט אין זונגלוט דאָ טריקענען זיי, דורות נאָך דורות... און ווערן געטראָפן פון קאַליקעס מענטשעלעך. און הינט לעקן שטיל די צעפוילטקייט פון ריזיקע אייביקע קרעפטן".

ווי מענדעלעס "קליאַטשע" אַזוי איז עגנונס "נעכטן־אייערנעכטן" אַ סאַטירע אויפן ישוב פון דער הייליקער שטאָט, אַרויסגעבראַכט דורך אַלעגאָרישע מיטלען. ווי פאַר דעם זיידן, דעם מייסטער פון וואָרט און בילד, איז אויך פאַר עגנונען דער אמת נישט נאָר אין דירעקטן רעאַליזם, נאָר אויך אין משל, אין דער אַלעגאָריע, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט באַוועגן די אידעע צו געשטאַלטלעכקייט, אַזוי אַז די אידעע זאָל אויספילן דעם גאַנצן סוזשעט, דעם סיפור־המעשה.

ש"י עגנון ווערט פאַררעכנט אין דער ליטעראַטור ווי דער גרויסער ירא שמים, וואָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אין זינען פון טראַגיזם. זיין סאַטירע אויף ירושלים, אויף די פאַנאַטישע און פּאַראַזיטישע טיפּן, די יידישע ווי די ניט־יידישע, ווי צום ביישפּיל דער מגיד גרונם יקום פורקן, אונטער וועמענס פּאַלעס דער כלב באַהאַלט זיך, אָדער להבדיל די מאַנאַכן־ברידער אין קאַטוילישן מאַנאַסטיר, וועמענס רייד און געהיימע סודות דער הונט איז מגלה, — דאָס אַלץ ווערט דערהויבן צו אַ סימבאָל. ער רייסט אַראָפּ דעם שלייער פון די טיפן און שיכטן פון דער הייליקייט, כדי דער געלייטערטער מענטש זאָל קאָנען מאַכן דעם ענדגילטיקן חשבון מיט דער חיה, וואָס געפינט זיך אין אים. און די חיה, ווייזט אונדז דער פּראָזע־מייסטער פון ירושלים, געפינט זיך אפילו אין דער רעזידענץ פון הייליקייט, אין קדשי קדשים.

דער ראָמאַן מיט זיין מענטשלעכן העלד יצחק קומער, און נעבן־העלד דער כלב, וואָס איז די צווייטע זייט פון זיין העלדס כאַראַקטער, איז דורכגעדרונגען מיט דעם עקזיסטענ־ציאַליסטישן מאָטיוו פון זוכן דעם אמת דורך שווערע נסיונות און קאָנפליקטן. סוף כל סוף זוכט דער מענטש דעם אמת וואָס "אַנדערע ווייסן וועגן אים און ער אַליין ווייסט נישט". ווי בלק, וואָס זוכט דעם באַשייד וועגן זיך און ווייסט ניט, אַז ער געפינט זיך אין די אותיות וואָס דער פאַרבער האָט אויסגעפאַרבט אויף זיין פעל־הויט, אַזוי ווייסט נישט דער מענטש ווי עלנט ער איז אין דער גרויסער עלנטקייט פון דער וועלט. דער דאָזיקער אמת איז נישט בלויז אין קלעם פון דער גיריקער און חיהשער סביבה, וואָס אַרום אים, נאָר אויך אין זיין אינעווייניקסטן "איך", אין דער חיה, וועלכער איז אין אים און אַרום אים.

אַזוי ווי אַ סקולפּטאָר וואָס איז מאָנומענטאַל נישט בלויז אין שטיין און מאָנומענטאַלן פאָרנעם, נאָר ער קאָן פון יעדן שטיק שטיין אויספורעמען מאָנומענטאַלישקייט, אַזוי האָט דער מאָנומענטאַלער וואָרט־קינסטלער שמואל יוסף עגנון, דערגרייכט זיין מאָנומענטאַ־לישקייט נישט בלויז אין דער פּעריפערישער באַשרייבונג פון ירושלים פון מיט זעכציק־זיבעציק יאָר צוריק, נאָר האָט אויך אַרויסגעבראַכט די אידעע דורך זיין אַלעגאָריע און סימבאָל. די אידעע פון מענטשן וואָס זוכט די אימאַגינירטע הייליקייט אין דער גרויער ווירקלעכקייט פון דער ירושלים של מטה, פון דער עלנטער ווירקלעכקייט. "תמול שלשום" איז דער ראָמאַן פון ירושלים של מטה, וואָס זוכט נאָך אַלץ איר תיקון אין דער ירושלים של מעלה. עס איז אַ ראָמאַן וועגן שטרויכלונג און צערונענע אילוזיעס, אַ ווערק וועגן חלום, וואָס זוכט זיין באַשייד.

שלמה רויטמאַן

דער טרובאַדור פון פאַרשניטענעם שטעטל

דאָס בעסאַראַבישע שטעטל מאַרקולעשט איז געווען פאַר מאיר חרצן ניט נאָר די גרעסטע יידישע אימפּעריע, נאָר זיין מאַמע, אַן וועלכער ער וואָלט אויף דער וועלט ניט געקומען. איז אָבער פאַרלאָפן אַ שרעקלעכע זאַך, אַז ניט נאָר, ער קאָן שוין אין יענעם שטעטל ניט וווינען, פאַרקערט, זיין שטעטל קאָן שוין וווינען נאָר אין אים, לעבן נאָר אין זכרון, און פון דעם איז זיין ווײ אַזוי אומענדלעך.

״אַמאָל איז געווען״, אַזוי הייסט איינע זיינע אַ ליד — אַ נאָמען וואָס גיט אונדז ניט ווייניק אָנצוהערן. פיל פון זיינע לידער הייבן זיך אָן מיט אַזאַ עפּישער פאָרמולע, אין דעם טראַדיציאָנעלן גאַנג פון אַ מעשה, אַ געשיכטע, וואָס האָט זיך געטראָפן־פאַרלאָפן, געווען־געשען און וועגן וואָס מ. חרץ — אָט דער מילדער ליריקער par excellence, אין וועלכן עס שלאָגט אָבער אַ שטאַרקער אָדער פון אַן עפּיקער — וויל אייך, זינגענדיק, אויסדערציילן. הייבט ער אָן ״אַ מאָל איז געווען״ און ווען ער דאַרף זאָגן ״אַ שטעטל״ שטעלט זיך אים אַ קנויל אין האַלדז און ער קאָן ניט און וויל ניט אַרויסברענגען אָט דאָס וואָרט, כדי ניט דאַרפן דער־זאָגן: ״געווען אַ שטעטל און ניטאָ!״

״שטיל און שיין״ וועט אייך חרץ דערציילן וועגן פאַרגאַנגענעם לעבן אין שטעטל אָבער ניט ווי וועגן אַ פאַרגאַנגענהייט, ווייל זיין האַרץ קאָן זיך מיט דעם ניט מירען, און אָט אַזוי וועט זיך צווישן לירישן און עפּישן עלעמענט אין זיין דיכטונג צונויפפלייגן אַזאַ פּאַראַדאָקסאַל־דראַמאַטישע צווישנבאַציונג, אַזאַ קידער־ווידער, וואָס פאָדערט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט צו זיך ביי יענעם, וואָס וויל דורכן פּאָעטישן סטיל פון דיכטער אַריינגיין אין דער טיפעניש פון זיין וועלט. און אין דעם וועט איך גראָדע מיטהעלפן אַליין דער קינסטלער. אָט מאָלט ער אין זיין באַליבטער אַנאַפאָרישער מאַניר פאַרשיידענע שילדן, וואָס עס שטעלן אַרויס שטעטלדיקע בעלי מלאכות:

ביים באָדנער שטייט אַרויסגעשטעלט אַ פאַס,
ביים שניידער שטייט אַרויסגעשטעלט אַ ראָק,
ביים שוסטער הענגט אַ שטיוול אָן אַ זאָק,

ביים סטאַליער שטייט אַרויסגעשטעלט אַ טיר
און אַלע קינדער לויפן מיר דורך איר." [1]

אַ שילד איז אַ בילד, וואָס רעדט ווי אַ סימבאָל. אַלע טירן פירן אין אַ הויז, אָבער אָט האָט איר אַ טיר, וואָס קאָן דינען אָדער פאַר אַ קינדערשפּיל אָדער גאָר פאַר ערנסטע זאַכן — דער דיכטער פירט אייך אַריין דורך אָט דער טיר און דעם יידישן דרויסן, ווייזט אייך זיין קעניגרייך, זאָגט אייך, אַז אין אַ סכנה קאָן ער אייך אין איינעם מיטן שטעטל דורך אַזאַ טיר אַוועקפירן אין הימל אַריין און דורך איר צוריק ווי עס וואָלט גאָר קיין מאָל קיין בייז ניט געשען, ווי עס וואָלט, דאָס שטעטל, פון פאַשיסטישע מערדער פאַרניכטעט ניט געוואָרן.

יאָ, ניט געאיילט, פאַרליבט, ערנסט מיט אַן עפּישער מילדקייט וועט ער אייך "זינגען און זאָגן" וועגן דעם פאַרגאַנגענעם לעבן פון שטעטל ווי עס וואָלט געלעבט היינט און אָט דעם עפּישן אָטעם וועט ער דערשפּירן אין דער זינגעוודיקער דערציילערישקייט, דעטאַליזירטער מאָלערישקייט, באַלאַדעאַרטיקייט, אין זיין ציען זיך צו געשיכטלעכקייט און אין דער מעמואַריסטיק, וואָס אינטימיזירט געשיכטע, אינעם טאָג־בוך־זשאַנער פון זיין ליד, אין ביאָגראַפיעס און כאַראַקטעריסטיקעס פון שטעטלדיקע געשטאַלטן, אין זיין גאַנג "צו דער גרענעץ פון נעכטיקע יאָרן" אין דער שטרעבונג צו לעגענדאַריזירן , צו מאָנומענטאַלישקייט און אין פירן דעם פּנקס פון "אָרעמען און פריילעכן לעבן". זיין עפּישער גאַנג וועט זיך הערן אין דער נטיה צום פאַנטאַסטישן, אין דער אָפּטער ביבלישער רעמיניסצענץ. אין דער מעשה בראשית, אין דעם זיידישן און עלטער־עלטער־זיידישן, אין דעם שטייגעריש־איינגעשטעלטן, דעם דורותדיק־געמאָסטענעם אָפּגעזעצטן און טאָקע, דער עיקר, אין דער מעשה, וואָס איז בראשיתדיק, נאָר ווערט קיין מאָל ניט דער־פירט ביזן סוף; דער דיכטער היט זיך זיין שטעטל־געשיכטע דערציילן ביז דער ענדע — און דאָ ליגט די גרענעץ פון עפּישן און עפּיקער, וואָס וואָלט באַדאַרפט זיך שטעלן ביי דער זייט, קוקן פון דער זייט אויף אַ וועלט, וואָס גייט זיך איר אייביקן גאַנג, ווי זי איז פון גאָט באַשאַפן, נאָר אויף אַזויפיל מיטאָלאָגיזירן, אויף אַזוי פיל זיין אַ רויק־זייטיקער — קאָן ער ניט, חרץ, ער, וואָס מעלדעט "כ'לערן זיך פאַרשטיין און בענקען". שילדערן נאָר אָביעקטיוו, ווי אַן עפּיקער, קאָן ער ניט און וויל ניט. ער קאָן זיך לערנען פאַרשטיין נאָר בענקענדיק און דאָ קומט שוין אין זיין הערשערישן גאַנג, דער ליריקער און זיך פאַרכליבענדיק זינגט ער אויף קולי־קולות אין אייך אַריין, אַז אַלץ איז נאָר "הימל און ערד" [2] און שטעטל, לייב און לעבן און שטעטל; טאַטע און מאַמע און שטעטל, האַרץ און נשמה און שטעטל. ער האָט אויפן שטעטל אָנגעטאָן זיין האַרץ־וואַרעמקייט, אַריינגעטערט האָט ער דאָס שטעטל אין רעגן, אַריינגעגרינט עס אין גראָז, אַריינגעלויכטן עס אין שניי,

---

1 מאיר חרץ, "אין פרעמדן גן־עדן", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב 1974.
2 מאיר חרץ, "הימל און ערד", פאַרלאַג אייגנס, ירושלים 1974.

אַריינגעגליט עס אין זון, אַריינגעטרוימט עס אין לבנה, אַריינגעשטראַלט און אַריינ־געדימענט אין שטערן, אַריינגעטריפט עס אין טייכן, אַריינגעאָדלערט עס אין בערג, אין האַרבסטן עס אַריינגעוויינט, אין פרילינגס עס אַריינגעזונגען, אין זומערס עס אַריינגעציטיקט, דערזען אין דלד אמות פון קליינעם געסעלע די הימלדיקע רחבות פאַר דער פאָלקס־נשמה און שטעטל איז ביי אים געוואָרן דער סינאָנים פון ייד, ער האָט דאָס שטעטל געמאַכט פאַר דער נאַטור פון יידישן לעבן, פאַראינטימיזירט עס מיט דער נאַטור, דערפירט עס צו קאָסמישע הייכן און גרייסן, געשאַפן "אַ גאָט פון שטעטל", — אַ מין שטעטל־קאָסמאָגאָניע און טעאָגאָניע.

דער עפּיקער אין חרצן פאַרשטייט, אַז:

"וואָס עס איז געשטאָרבן, איז אויף אייביק טויט".

דער לירִיקער אָבער, ווען ער דערמאָנט זיך וועגן שטעטל פון די קינדעריאָרן ("בעסאַראַביע מיין היים" [3]) קרעכצט אַרויס:

"ווי זשע שטעלט מען עס אַנידער
פאַר די אויגן ווי געשיכטע?"

און נאָך ווייטיקדיקער פרעגט ער, ווענדנדיק זיך סיי צו זיין שטעטל סיי צו זיין מאַמען:

ווי זשע קאָן מען דיך פון טויט אַרויסבאַפרייען?"

די שטאַרקע ראַנגלעניש צווישן לירישן און עפּישן דערלאָזט קיין מאָל ניט צו זייער האַרמאָניזירונג, צום אַזוי גערופענעם טראַדיציאָנעל עפּיש־לירישן סטיל, פאַרקערט, אין אָט דעם דראַמאַטישן געראַנגל צווישן עפּישן און לירישן הערן זיך טיפע טראַגישע טענער, וואָס כליפּען ממש אַרויס פון חרצס סטראָפע. און איצט לאָמיר אָנשטעלן מויל און אויערן און אויף דער צונג אַ פּרוּוו טאָן דעם טעם פון זיין פּלאַסטישער פאַרב, כדי צו שפּירן מיט וואָס אָטעמען זיינע קלאַנגען. דורך לידער פון פאַרליבטע פאַרלעך הויבט דאָס שטעטל

"אָן צו קלינגען פונעם אָוונטשיין, —
קלינגט עס, קלינגט עס, קלינגט עס ביזן טאָג אַריין".
חרץ זעט זיין שטעטל אַרומגערינגלט מיט אַ טייכל, וואָס
"אַלע יאָרן רינט עס, רינט עס
און סע רינט ניט אויס".

און דאָס שפּיל אויף דעם פאַרלאָזט ניט די אייגענע ברעגן און אפילו דער צוג פירט פון דעם וואַקזאַלעכל ניט אַוועק דאָס שטעטל אין אַ פרעמדער וועלט. ער איז נאָר, דער צוג, אַ קינדערשפּיל, ווייל

"בין איך מיר אַ קינד מיט קינדער,
כ'פאָר פון שטעטל ניט אַרויס".

חרץ, ווי געזאָגט, האָט ליב זיך צו ווענדן צו דער אַנאַפאָרע, צו דער איבער־

[3] מאיר חרץ, "לידער צו אייגענע", פאַרלאַג ישראל־בוך, תל־אביב 1975.

חזרונג פון וואָרט און שורה, צו דער געראַמלטער ליד, ווייל אין אַזאַ רעמל איז טאַקע אַ חיות אַריינצופּאַסן דאָס באַשטענדיק־אייגענע, איינגעפּונדעוועטע, דאָס נשמהדיק־אייביקע, וואָס רופט זיך שטעטל און צו די שענסטע לידער געהערן טאַקע די אַנאַפאָריסטישע, ווי יעדער שורה פּערלט זיך אויס מיט עכטער אַפאָריסטישקייט מיט דעם אָפּגעזעצטן, אויסגעלייטערטן אַרט שטעטלדיק־יידישן דענקען, פילן, וועלט־אויפנעמונג און אויפפירונג ("אויף פּראָסטע וועגן", "אַ האַלב־דור", "מיר האָבן דערגרייכט", "וואָס האָבן צו זאָגן", "ווי לאַנג", "דער בעסטער דאַך" און פיל אַנדערע).

דערווייל איז זיין אַרט שילדערן נאָך אַן אידילישע, אמת, אויך דאָס אידילישע וועט ביזן סוף ניט דערפירט ווערן, אָבער דערווייל זעט איר דאָך, אַז סיי דאָס טייכל אַרום שטעטל רינט ניט אויס, סיי די קינדער פאָרן פון דעם ניט אַרויס; אַ ליבע האַרמאָניע הערשט נאָך צווישן דער נאַטור, דעם קינד אין דעם שטעטל, אַ רויקע אַנסופיקע אייביקייט איז נאָך פאַר אים אָט די הימלעכע וועלט. איז האָט ער געגנוג צייט צו מאָלן פאַר אייך די בעסאַראַבישע היים, אָנהייבנדיק פון אַ שטיבעלע, פון זיין פאַרביקן פּאַס אויף דער פּריזבע, ווו עס טרייבן גוטמוטיק די ווייבער רכילותן, ביז דער שטרויענער סטריבע מיטן גאָלדענעם אָפּשיין, ווי עס וואָרקען טויבן, ער וועט מאָלן די פאַרב און די פאָרמע פון יעדן אויסגעקרומטן דאַך, וועט אייך פירן דורך יעדער געסל, פלעצל, ראָג, ליקל, וועט אייך זינגען ווי אַזוי מע וואָרעמט מחשבות ביים אויוון פון דערווייל נאָך ניט פאַרברענטן שטעטל, וועט אייך אָוועקשטעלן ביי די שטעטלדיקע פלויטן "וואָס ווערן קיין מאָל ניט צעבראָכן", ווייל זיי זענען שומרים פון פּאַטריאַרכאַלן שטייגער. ער וועט אפילו באַזינגען די שטעטלדיקע בלאָטע, פון וואַנען עס זענען אַרויסגעוואַקסן און זיך אויפגעצויגן קינדער מיט ריינע נשמות, ער הערט ווי די וועגט און דעכער אָטעמען, ער זעט ווי דאָס שטעטל גיסט זיך אַריין אין פעלד און ווי דורך די מאַרקן נעמט אין זיך אַריין דאָס שטעטל די אַרומיקע דערפער, ער שפּיגלט זיך אין די גוטע שטעטלדיקע מידות. און אָט אַזוי בילדעט זיך פאַר אים אויס "אַ יידישע מלוכה מאַרקולעשט" און רייך איז אָט די מלוכה מיט אָרעמע יידן, וועלכע ער מאָלט מיט געשמאַקע פלעמישע פאַרבן אָט די געזונטע האַרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן ליב דעם פּרעס און דעם טרונק, וואָס זענען תאוהדיק־מעכטיק אין אַרבעט און אין ליבע, זענען קליינע צדיקים" אָבער אויך "מיט קליינע חטאים". אויף זייערע געזונטע פּלייצעס ווערט אויסגעטראָגן דאָס טויזנט־יאָריקע יידיש־פאָלקישע אין גלות; דאָס איז אַ פאָלק פון איינגעשפּאַרטע, וואָס האָבן אַן אייגענע "יידישע קאַרטע" — די קאַרטע פון אַ לאַנד, וואָס איז "אין אַלע לענדער " אַזוי אַרום ווערט פאַר אים דאָס שטעטל "דער מאָלדאַווישער ארץ ישראל" ווערט אַ גאַנצע וועלט און נאָך מער, חרץ פאַרשטעטלט דעם קאָסמאָס און מאַכט קאָסמיש דאָס שטעטל אויף דעם סאַמע אינטימסטן אופן: "דער הימל איז דעם שטעטלס בלויער דאַך", "הענגען אויף זיין בוידעם" "וואָלקנדלעך ווי העמ־דלעך" פון שטעטלדיקע קינדערלעך. אין זיין ציקל לבנה־לידער זאָגט ער אפילו, אַז איידער מע לאָזט זיך אין הימל דאַרף מען פריער "זיך אין שטעטל אויסלערנען

לבנה־לשון" אַט מיט וועלכע מאַסשטאַבן ער מעסט זיין מאַרקולעשט — און אין דער זעלבער צייט איז זיין שטעטל־בילד געבויט אויף דינסטער דעטאַליזירטקייט, ער האָט ווי מורא עפּעס דורכצולאָזן און דערפאַר שרייבט ער אַן אַ שיער וואַריאַ־ציעס אויף איינעם און דעם זעלבן מאָטיוו, אפילו דעמאָנסטראַטיוו אונטערשטרייכנ־דיק עס — אַט גיט ער אייך, למשל, צוויי לידער אונטערן נאָמען "בעסאַראַביש" אַפּמערקנדיק אין קלאַמערן "ערשטער וואַריאַנט", "צווייטער וואַריאַנט". סע קען זיך דאַכטן, אַז ער אידעאַליזירט זיין מאַרקולעשט, אָבער דאָס איז לחלוטין ניט אַזוי. ער זעט די סאָציאַלע קאָנטראַסטן אין שטאָט און אין שטעטל, ער רעדט וועגן דלות, עלנט, באָרוועסע קינדער, הונגער־טויט, מאָלט דעם קאַלטן אָסיענדיקן רעגן און דעם אומאויפהערלעכן גאַנגג פון וואָלקנס איבערן שטעטל ווי עפּעס אַ בייזן שוואַרצן גאָט. מע דאַרף אין זינען האָבן, אַז וועגן אַלץ, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די גרענעצן פון שטעטל אין פּעריאָד פון זיין אַזויגערופענער נאָרמאַלער עקזיסטענץ, קאָן זיך דער דיכטער פאַרגינען דערציילן ברייט־עפּיש און ביזן סוף, אַ מאָל אין ביבליש־פּאַטריאַרכאַל־אידילישן שניט, אַ מאָל אין אַ פאַלקסטימלעך הומאָריסטישן, אַ מאָל אין אַ היסטאָריש־ערנסטן און אַ מאָל אין אַ לעגענדאַריש־איראָנישן און אפילו סאַרקאַסטישן פּלאַן. אין עפּישן סטיל איז געגעבן, למשל, דאָס ציקל "אָרעמע גאַס", ווו ער לאָזט רעדן די קלעזמער וועגן בעל־מלאכהשע גליקן אַזוי:

אונדזער גליק אין מעשות און געשיכטעס
אונדזער גליק צערינען ווי דער רויך".

די גאַלעריי פּאָרטרעטן פון בעלי־מלאכות איז געשילדערט קאָנקרעט־אינדיווי־דואַליזירט און מעגלעך, אַז זייערע נעמען זענען אפילו ניט געביטן — דאָס זענען פיגורן אַריינגעפּאַסטע אין רומל פון גאַנצן שטעטלדיקן לעבן. דאָס עפּישע און לירישע אין די בילדער פון אינערלעכן שטעטלדיק לעבן גיסן זיך צונויף. אויף אַ נאָך מער עפּיש־לירישן אופן איז געבויט זיין ציקל "הערשעלע אָסטראָפּאָליער". דאָס שטעטלדיקע לעבן איז דאָ פאַרגעשטעלט אין אַ מער אויסגעקריסטאַליזירטער קינסטלערישער פאָרם. מיר פילן ווי הרץ גייט דאָ איבער פון ציקליסטישן לידער־געבוי דורך דער באַלאַדע צו דער פּאָעמע. אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן, אַז דאָס טראַדיציאָנעל־קאָמישע אין דער הערשל־געשטאַלט ווערט ניט נאָר אָפּגערוקט אויפן הינטערשטן פּלאַן, נאָר ווערט ווי אויסגערויכלט, לאָזנדיק נאָך זיך אַ לירישן אָטעם. נאָך מער — די גאַנצע געשטאַלט פון הערשלען ווערט דאָ ערנסט און טראַגיש און די לידער וועגן אים איז הרץ פול מיט שווערע פאַרגעפילן בנוגע דעם גורל פון יידישן שטעטל. ביי אַלע פעלקער גייט די געשיכטע נאָרמאַל. ס'איז באַוווסט, אַז אין דער וועלט־ליטעראַטור ווערט אַן אָפּגייענדיקע עפּאָכע דאָס ערשטע מאָל גע־שילדערט טראַגיש, דאָס צווייטע מאָל — קאָמיש. ביי אונדז — פאַרקערט, ווייל אונדזער געשיכטע פאַר די לעצטע פאַר יאָרטויזנטער האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן נאָר אויף גוטע האָפענונגען, אויף יידישן בטחון און זיך געענדיקט מיטן שוידערלעכן בראָך פון אונדזער יידיש לעבן אין אייראָפּע.

די ערשטע כאַראַקטעריסטיק, וואָס עס גיט זיך אין די לידער "הערשל אַסטראָ־פּאָליער" קומט דווקא ניט פונעם מחבר נאָר פון "נעכע די הערשעלעכע", הערשלס פרוי, און איר וואָרט איז געזאָגט מיטן פולן מויל "ביי אייך איז ער אַ לץ, / ביי מיר איז ער אַ מלך". הערשל שטייט פאַר אונדז אויף ניט ווי קיין קאָמעדיאַנט. דאָס איז אַן אָרעמאַן מיט אַ שטאָלצער נשמה און אַ טרעגער פון גערעכטיקייט. אין צוויי באַלאַדעס "אַ שריפה אין שטעטל" און "הערשלס שוואָגער" קומען זיך צונויף די פאַרשפּרייטסטע טראַדיציאָנעל־קאָמישע טעמעס פון אונדזער פאָלקלאָר — הערשל אָסטראָפּאָליער און כעלעם און גיסן זיך צונויף אין איין טראַגישן שטעטל־מאָטיוו. ווען די הערשעלעכע שרייט אויס: "געוואַלד! סע ברענט! פּינצטער איז מיר" צעבייזערט זיך אויף איר הערשל — "צי איז דיר, יידענע, ווייניק שיין?" און דערביי ווערט צעריסן זיין אייגן האַרץ, קוקנדיק אויף דעם ברענענדיקן כעלעם־מאַרקולעשט. אויף הערשלען פאַלט די שיין פון ברענענדיקן שטעטל און פון הערש־לען פאַלט אַפּ אַ שוואַרצער שאָטן, וואָס פאַרכאַפּט מיט זיך אויף דעם סאַמע טראַ־גישסטן אופן אַ גאַנצע יידישע וועלט. הערשלס שוואָגער איז דאָך דער טויט אַליין.

פון הערשלען גייט חרץ איבער צו אַ צווייטער געשטאַלט אין זיין פּאָעמע "מאָטל וועליקי". קאָמפּאָזיציאָנעל איז די לעבנסגעשיכטע פון מאָטל וועליקי געבויט אין אַ ביבלישן סדר פון "בראשית" ביז "דברים", אָבער אויב, למשל, אין זיין ליד "חדר־יאָרן" קלינגט דאָס ביבלישע ליריש, איז הערט זיך אין דער פּאָעמע אַ ביב־ליש־הומאָריסטישער גוטמוטיקער טאָן:

"צום אַלעמערשטן האָט גאָט באַשאַפן
אַ יידיש שטעטל אין מיטן פעלד."

פאַר אונדז גייען דורך בילדער פון מאָטלס לעבן אין שטעטל, מיר זעען אים אויף דער יאַפּאַנישער מלחמה, סע דערציילט זיך וועגן זיין אָנטייל אין דער רעוואָ־לוציע פון 1905טן יאָר. אין דעם עפּילאָג זעען מיר מאָטלען שוין אַ פּאַטריאַרך אַרומגערינגלט מיט אייניקלעך, אָבער קיין גליק אין לעבן האָט ער ניט געפונען און ווען ער קוקט אויף זיין ייִנגסטן אייניקל, פרעגט ער זיך אַליין פאַרביטערט — צי וועט ער בלייבן כאָטש אַ ייד? ווער ווייסט? און וואָס סע מאַטערט דעם העלד מאַטערט אויך דעם דיכטער, וואָס פילט ווייטיקלעך דעם ריס צווישן דורות. פון אַלע זייטן לויערן אויפן שטעטל סכנות אפילו אין פרידלעכע צייטן און פריער פון אַלץ די היינטצייטיקע שטאָטישע מאַשין־ציוויליזאַציע, וואָס קומט איבערמאָלן די נשמה אין די ביינער פון שטעטל מיט שטאָל און אייזן. מיטן וווקס פון דער היינט־צייטיקער ציוויליזאַציע מינערט זיך פאַר חרצן דאָס עכט־זיטלעכע מענטשלעך־ווערטפולע, אומיטלבאַר־נאַטירלעכע, ווייל:

וואָס מערער מאַשינען אַלץ ווייניקער טרוימען,
וואָס גרעסער די שטעט, די וועלט ווערט אַלץ קלענער.

אַליין שוין די עמאָציאָנעל־אינהאַלטלעכע אַנאַפאָרע־פאָרם פון ליד שטעלט

קעגן דער אַטאָמיזירונג, צעריסנקייט, אָפּגעפרעמדקייט פון מענטשן אין דער שטאָט די געקנופּטקייט, קרובישקייט, שכנותדיקייט און פּאַטריאַרכאַלע האַרמאָניע פון פון שטעטל. און דאָ:

„ביי די ראַנדן פון די פעלדער שפּאַרט זיך אָן דער מידער וועג,
צו די ראַנדן פון די הימלען זענען פעלדער צוגענייט.״

נאָר אויב די געפאַר פאַרן שטעטל איז שוין דאָ אַזוי גרויס, איז ער גרייט

„גאָר עס... איבערפלאַנצן
ערגעץ אויף די ווייטע שטערן.״

ער איז גרייט צו שטעלן אַ דענקמאָל אין מיטן אָט דער פּאַטריאַרכאַל־שטאַרבנדיקער וועלט דעם לעצטן פערד. ער האָט ניט געוווסט נאָך, אַז גאָר אין גיכן וועט אַזוינס געשען מיטן יידישן פאָלק, אַז ער וועט אַליין ביים לעבן פאַר־שטיינערט ווערן און אַז זיין ווייטיק פאַרן געקוילעטן מאַרקולעשט וועט אים טרייבן מיט אַזעלכע פּייערדיקע בייטשן, אַז ער וועט זיך אַ פאַרשטאַרטער וועלן אויפזעצן אויף דעם פון שטיין־געהאַקטן פערד. כדי דאָך איין מאָל אויף אַזאַ אופן אַריינפאַרן אין זיין אַמאָליקן שטעטל. און ס'איז געשען אין זיינע ציקלען „פּאַרוואַלקנטע ערד״, „וואַנדערונג״, „נאָכן חורבן״ מאָלט ער די מלחמה, אונדזער בראָך

„אַ ברענענדיק פאָלק אין אַ שטאָט אַ פאַרברענטער.״

דאָס בילד פון שטעטל דערהויבן, געלייטערט ווערט שוין דאָ אַ מעשה וועגן שטעטל. אין זיין ליד „אַ מעשה״ הערט זיך דער „אַמאָל איז געווען, איז געווען אַמאָל״, אָבער ער וויל אונדז ניט זאָגן, אַז דאָס שטעטל איז שוין ניטאָ. ער וויל ניט ריידן וועגן דעם סוף פון דער טרויעריקער געשיכטע, ער פּראָטעסטירט וואָס „מען האָט געמאַכט פון מיר אַ טרויעריקע מעשה״ און פאַרעקשנט וועט ער מעלדן:

„מאָלדאַווישער ארץ־ישראל
מיט אָרעמע יידן רייך.
איך וויל ניט דערמאָנען אַצינדער
דעם סוף וואָס געוואָרן פון דעם
און צייכענען אַלטע בילדער
אַזוי ווי זיי זענען געווען.״

דאָ באַקומט דאָס לירישע ענדגילטיק די אויבערהאַנט. מיר זעען עס אין צוויי געשטאַלטן געגעבענע אין לירישן פּלאַן. דאָס זענען די געשטאַלטן פון זיין פרוי און מאַמע — די נשמה און קרוין פון שטעטל. אינטערעסאַנט, וואָס אין זיין האַרציקן געזאַנג וועגן דער מאַמע וועט חרץ פּרווון געבן די געשיכטע פון אַ יידישער משפּחה און דווקא ניט אין אידיליש נאָר טיף דראַמאַטישן שניט. ער וועט ווייזן ווי דער טאַטע אונטער דער ווירקונג פון זיין ברודער פאַרט קיין בראַזיל, לאָזט

איבער די מאַמע אַן עגונה און אים — אַ לעבעדיקן יתום צוליב דער אילוזיע פון רייך ווערן. ניט די שלאַנג איז די סיבה וואָס טאַטע־מאַמע האָבן פאַרלוירן דעם גן־עדן, וועלכן דער זון האָט געוואָלט פאַר זיי פאַרהיטן, נאָר די גאָלדענע קאַלב — די געלט־ציוויליזאַציע. פאַר חרצן איז אַ העלד זיין מאַמע, די מאַרק־יידענע. ווי שווער איז איר אויסגעקומען אויפצוציען אים און אַז זי האָט שוין יאָ דערלעבט צו זען אין אים נחת, ווען ער איז געקומען פאַרריכטן דעם ריס אין דער יידישער משפחה מיט זיין ליבע צו ווייב און קינד, האָט זיך געיאָוועט דער נאַצי און אומגע־בראַכט די מאַמע מיט אירע שכנות. בלייבט פאַר אים די מאַמע פונקט ווי דאָס שטעטל, ניט קיין געשטאָרבענע און פונקט ווי מע רופט אָפּ אַ מענטשן פונעם טויט שרייט ער:

מאַמע, מאַמע, מאַמעניו געטרייע,
ווי זשע קאָן מען דיך פון טויט אַרויסבאַפרייען."

און נאָך אַ ליכטיקע געשטאַלט שטראַלט אַרויס פון זיין ליריק — בעלאַ, זיין פרוי. "אויף פראָסטע וועגן" האָט ער זי באַגעגנט. זי האָט דורך ווערסטן געטראָגן אַ בינטל עסנוואַרג פאַר איר קראַנקער שוועסטער. אין גרינעם פעלד האָבן זיי זיך געטראָפן, אַז זייער ליבע זאָל קיין מאָל ניט אָפּגעוועלקט ווערן. זי האָט אים גע־בראַכט די היימלעכקייט אין דעם עלנט פון וועלטן.

"האָסט זיך געשטעלט מיט די ווענט צו דעם ווינט"[4], און ער טוליעט זיך צו איר ווי צו אַ מאַמען, אַ שוועסטער. אין זיין וווּנדערלעך ליד "מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מיט דיר" קומט ווידער אויף דאָס בילד פון דער טיר, נאָר פון דער טיר, וואָס פירט שוין אַוועק אויף אייביק פון דער שטוב און פון די אייגענע. זיי קריגן זיך, ווייל זי וויל ניט, ער זאָל זיצן ביי דער טיר, ווי עס "איז בענטער אַהין". און ער פון זיין זייט וויל זי דערווייטערן פון טויט, מיט איין וואָרט:

"און כדי מיך אַוועקנעמען פון דער טיר,
איז בעטסטו, באַדיי זיך איבער מיט מיר."

אין דער פאָרם פון אַ רירנדיק־קאָמישער מאַן־און־ווייב־קריגעריי ווערט ציטערדיק־ליריש איבערגעגעבן דער שלום בית, געטריישאַפט, שעמעוודיקע ליבע וואָס זיי האָבן אַזוי יונג דורכגעטראָגן דורך זייער לעבן. אָבער בייזע אייפערדיקע געטער האָבן אַזוי געטון, אַז זי האָט מען די ערשטע אַרויסגעטראָגן דורך דער טיר. איז געקומען דער רעקוויעם דער ביטערער, און אויב ער לעבט איז נאָר מיט דער דערמאָנונג אין יענעם "האָניק־חודש", וואָס איז דורך "אויפן הוילן האַרטן קישן" און וועגן טרוקענעם ברויט, מיט וועלכן עס איז געווען אַזוי זיס צו טיילן.

---

[4] "לידער צו אייגענע".

ביטער איז געווען נאָר דאָס דריי מאָל זיך שיידן:

„דאָס ערשטע מאָל אין די מלחמה־יאָרן
דאָס צווייטע מאָל אין תפיסה — ווידער יאָרן
דאָס דריטע מאָל אויף אייביק — ווי צו מיינע יאָרן."

דער ערשטער בראָך די מלחמה. דער צווייטער בראָך — דאָס נאָך־מלחמהדיקע רוסלאַנד האָבן עס צעבראָכן זייער לעבן און זיין שטעטל און אַלץ איז שוין ביי אים נאָר אין געדעכעניש, פון היינט אָן וועט דאָס געדענקען די שטעטלדיקע וועלט ווערן חרצ'ס לעבנס־פּראָגראַם. אין זכרון אפילו פונעם ווינט לעבט ביי חרצן דאָס שטעטל. עס לעבט שוין "אויסגעלייטערט און געענדערט". זיין געזונטער פאָלקס־חוש זאָגט אים אונטער אַז אַלץ האָט ניט געקאָנט אומגעבראַכט ווערן, באַזונדערס די גייסטיקע ווערטן, וואָס דאָס פאָלק האָט אין משך פון יאָרהונדערטער אויסגע־אַרבעט. פאַראַן ביי חרצן אַ ליד "ישעיה שרייער", וועלכער שרייט אויס אויפן מאַרק "די פרייזן פונעם שטעטלס קלייטן" און נאָך אָט דער פּראַזאַישער אַרבעט לעבט אויף אין אים אונדזער אַלטער ניגון פון די צען געבאָט "די אַלטע צען גע־באָטן". אונדזער פאָלק האָט דורך ליידן ניט נאָר פאַרהיט נאָר אויך פאַרמערט די גרויסע מאָראַלישע און עסטעטישע ווערטן, אויסגעוואַרעמט אין דער פרעמד זיין ארץ ישראל, איז האָט עס, אונדזער פאָלק אַצינד, וואָס מיטצופירן, ווען סע קערט זיך אום אויף זיין היסטאָרישער ערד. און חרץ פילט עס גוט, ווען ער זאָגט

„אַלע הייזער, ווו מיר האָבן אָפּגעוווינט צוויי טויזנט יאָרן
זענען אונדז אין שווערע צייטן נאָך די פורלעך נאָכגעפאָרן."

ביי די אויוונס פון אָט די פאַרברענטע הייזער דאַרפן זיך וואַרעמען אונדזערע מחשבות, ביי די אויסגעהרגעטע משפחות פון אָט די הייזער דאַרף זיך שאַרפן אונדזער היסטאָרישער זכרון און ביי די פאַרברענטע אויף בוידעמער פון אָט די הייזער ספרים קאָנען און דאַרפן מיר זיך לערנען ווי צו שעצן אייגנס. חרץ האָט קיין מאָל ניט געוואָלט האָבן קיין פאַרגאַנגענהייט אָן אַ צוקונפט. ער האָט שטענדיק געבענקט צו באַהעפטן דעם ריס פון דורות. עלעגיש באַגלייט ער אַ וועלט, וואָס גייט אַזוי טראַגיש אַוועק און מיט מאַזשאָרע וויגלידער באַגעגנט ער אַ יונגע וועלט. ער באַגעגנט זיינע אייניקלעך דעם יונגן דור ווי:

„דער עלטער־עלטער־זיידע,
ווען ער איז אַ יונגערמאַן געווען."

וויל ער, חרץ, אונדז העלפן דערטראָגן די אָנגעזאַמלטע גרויסע נאַציאָנאַלע ווערטן ווי רייכטימער פאַר ישראל, און אויב זיין "מערב־וועלט" האָט אָפּגעברענט, זאָל דאָס "מזרח־לאַנד" מיט זיינע קוואַלן אָנפּויען זיין אויסגעבענקטע נשמה, אַזוי, אַז ווידער זאָל אין אים גרינען דער טרוים וועגן פאָלקס גליק, און אַז מער זאָלן מיר ניט דאַרפן קלאָגן ווי ער "על חורבן העם ועל חורבן השיר".

מיט א שמייכל...

רחל בוימוואַל

אַנעקדאָטן פון דער מאַגאַזין

די גרויע הון

— קאָ־קאָ־ — כל־ערליי געשעפטן ביי מיר, אומעטום דאַרף איך באַוויזן... — האָט געפּילדערט די גרויע הון. — געוויס וועל איך אין ערגעץ פאַרשפּעטיקן!

— וואָס פאַר אַ געשעפטן האָסטו דען? — האָט ביי איר געפרעגט דער גאַנער.

— אַ מאָדנע פראַגע! איך בין דאָך אַ מיטגליד פון אַן אַ שיר געזעלשאַפטן...

— גאָר אַזוי?! — האָט זיך פאַרוואונדערט דער גאַנער. — און איך האָב געמיינט, אַז אַ הון קאָן נאָר זיין אין איר היגער־געזעלשאַפט, און אַלץ;

— קאָ־קאָ־קאָמיש אַזוי צו קלערן! — האָט זיך באַליידיקט די הון. — אַלס אַ הון געהער איך טאַקע צו דער היגער־געזעלשאַפט. דאָס איז חוץ אַ מעשה. נאָר איך בין דערצו אַ גרויע הון. דעריבער געהער איך אויך צו דער געזעלשאַפט פון די גרויע. די דאָזיקע געזעלשאַפט, מעגסטו וויסן, פאַרייניקט אַלע גרויע — אַנהייבנדיק פון די גרויע מייז און ענדיקנדיק מיט די גרויע העלפאַנדן... איך געהער אויך צו דער געזעלשאַפט פון די באַפעדערטע. — האָט פאַרגעזעצט די הון. — אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט, מאָל זיך, באַטייליקן זיך פון אַ שפּערל ביז אַן אָדלער. און דאָס איז נאָך אויך ניט אַלץ! איך געהער נאָך צו דער געזעלשאַפט פון די באַפליגלטע. דאָס איז זייער און זייער אַן ערנסטע געזעלשאַפט. זי נעמט אַריין פון אַ מילב ביז אַן עראָפּלאַן...

— ניט שוין זשע איז דאָס נאָך ניט אַלץ?! — האָט אַזש אונטערגעשפּרונגען דער גאַנער.

— אַוודאי ניט אַלץ, אַוודאי ניט אַלץ! — האָט זיך נאָך שטאַרקער צעקוואָקעט די הון. — דאָ ניט לאַנג בין איך אַריינגעטראָטן אין דער געזעלשאַפט פון די אייער לייגנדיקע, דאָס איז זייער אַ סאָלידע געזעלשאַפט. דאָרט קאָן מען באַגעגענען פון אַ פליג ביז אַ קראָקאָדיל...

— זיי מיר מוחל, — האָט איבערגעשלאָגן דער גאַנער — אָבער, ווי מיר איז באַוווּסט, לייגסטו זיך ניט...

— אָך, ניט אין דעם גייט עס! — האָט אַ מאַך געטאָן מיטן פליגל די הון.

דאָס פערד

דאָס פערד האָט געלויבט די קראָ פאַר איר "איינגענעמער שטים". קיינער האָט נאָך דער קראָ אַזוינס ניט געזאָגט. זי האָט זיך גענומען פאַר אַנדערע באַרימען מיט דעם דאָזיקן גינסטיקן אָפּרוף.

דעמאָלט איז איינגעפאַלן דער גאַנדז פרעגן ביי דעם פערד, צי געפעלט אים ווי אַזוי זי פליט. און, באמת, פון זיין אָפּשאַצונג איז זי געבליבן זייער צופרידן. — עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס פערד איז גאָר אַ גרויסער מבין, — האָט זי ביי דער ערשטער געלעגנהייט געזאָגט צו דעם חזיר.

אין גיכן האָט זיך דער חזיר אַליין אין דעם איבערצייגט, ווען דאָס פערד האָט אים גענומען זאָגן שבחים פאַר זיין ריינקייט.

ביסלעכוויז איז דאָס פערד געוואָרן אָנערקענט אַלס אַן אָנגעזעענער קריטיקער.

דער לייב, ווען ער האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט אויסגערופן:

— עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס פערד איז גאָר ניט אַזאַ פערד...

דער כוח פון איינבילדעניש

אין איינעם אַ ווילדן וואַלד האָבן די חיות געוואָלט אומבאַדינגט האָבן איבער זיך אַ לייב. אָבער קיין לייב איז דאָרט גראָד ניט געווען. האָט מען גענומען דעם בער און געשטעלט אים פאַר אַ לייב.

אָבער איצט איז דער וואַלד געבליבן אָן אַ בער. האָט מען געמוזט דעם וואָלף מאַכן פאַר אַ בער.

איז מען דאָך געבליבן אָן אַ וואָלף — האָט מען דעם פוקס באַשטימט אַלס וואָלף.

אָבער אויך אָן אַ פוקס איז דער וואַלד קיין וואַלד ניט, האָט מען באַשלאָסן דער באָק זאָל פאַרטרעטן דעם פוקס, און אויך זיין גלייכצייטיק אַ באָק, אַזוי ווי אויף דעם אָרט פון באָק האָט מען שוין קיינעם ניט געקאָנט געפינען.

מיט דער צייט האָט מען זיך צוגעוווינט און מע האָט אָן שום מניעה גערופן דעם בער „לייב", דעם וואָלף — "בער", דעם פוקס — "וואָלף", דעם באָק — "פוקס" און אויך באָק".

ס'איז דערגאַנגען צו דעם, אַז דערזעענדיק מיט דער צייט אַן אמתן לייב, האָט מען שוין ניט געקאָנט זיך דערמאָנען, וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה.

געגנדזענע פרייד

צוויי געגנדז האָבן הויך אויפן קול געגראָגערט. איינע האָט געשריגן, אַז דאָס

האָט זי אַנטדעקט, אַז ווינטער ווערט פאַרפראָרן די סאַזשלקע, און די אַנדערע איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז די דאָזיקע וויכטיקע אַנטדעקונג געהערט גאָר איר.

— וואָס גראַגערט איר סתם אין דער וועלט אַריין, — האָט זיי אָפּגעשטעלט דער אַלטער שוואַן. — וועגן דעם, אַז ווינטער ווערן פאַרפראָרן די טייכן און סאַזשלקעס איז שוין פון לאַנג יעדן איינעם באַוווּסט.

דערהערנדיק אַזאַ זאַך, האָבן זיך די גענדז שטאַרק דערפרייט. "אָבי ניט זי האָט געמאַכט די אַנטדעקונג!" האָט יעדערע פון זיי געטראַכט וועגן דער אַנ־דערער.

אַ משוגעת פון אַ לייב

דער לייב האָט ניט געקענט איינלעבן זיך צווישן די אַנדערע לייבן. ער וואָלט אַוועק צו די לעמפּערטן, נאָר יענע זענען שאַלקהאַפטיק, די בערן? — זיי זענען צו געמיין. און מיט דעם וואָלף האָט דער לייב אַוודאי און אַוודאי ניט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא.

אָבער מיט דעם קליינעם גרויען סטעפּ־העזעלע האָט דער לייב זיך גראָד יאָ באַפריינדעט. — דאָס סטעפּ־העזעלע — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש! — פלעגט ער זאָגן. — ביי אים איז, פּונקט ווי ביי מיר, אַ פרענזעלע אויפן ברעג פון ווידל...

אַ רעצענזיע אויף דעם פרילינג

די ערשטע רעצענזיע אויף דעם ערשטן פרילינג האָט דער ערשטער רעצענ־זענט אַנגעשריבן אַ נעגאַטיווע. ער האָט געפּסקנט, אַז עס איז "רוי, כאַאָטיש און ניט שטאַנדהאַפטיק".

פון דעסטוועגן הערט ניט אויף דער פרילינג דערשיינען ביז צום היינטיקן טאָג אין אַן אַ שיעור אויפלאַגעס.

הינערשע מוחות

די קלוגע הינער האָבן פאַרטריבן דעם געפעדערלעכן שטעכלער און אַריינגע־לאָזן דעם ליבן, ווייכינקן טכויר, וועלכער האָט זיי אַלעמען ביי נאַכט דערשטיקט.

הינערשע מוחות!

אַן אמתער טאַלאַנט

— פון וואַנען ציסטו אַזאַ מין איידעלן, וווּנדערלעכן פאָדעם?

— פון בויך. — האָט געענטפערט דער זיידוואָרעם.

אַ געדולדיקער לערער

— ביי אייך איז דאָך אַזאַ געדולדיקער לערער! פאַר וואָס פאָלגט איר אים ניט? — האָט געמוסרט דער בער זיינע בערעלעך, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אַ שטודיום ביי דעם אייזל.

ל. פּאָדאָליער

עפּיגראַמאַטיש

1. אַן איינפאַל פון די כעלעמער

כדי סע זאָל נישט איינפאַלן דער שוואַכער דאַך,
האָבן די חכמים זיך דערטראַכט:
צוזאַמענפירן דאַרף מען וואַנט מיט וואַנט
און אָט דעם בנין אָנרופן דעטאַנט.

2. ביי די נייע פראַגמענטן פון אַן אַלטן ראָמאַן

מיט אומעטיקן בליק
כ'באַגלייט
די טייכן בלוט וואָס טרינקען זיך
אין גרויסן ים
פון וואַסערדיקע רייד.

3. וועגן אַ שרייבער

שרייבן שרייבט ער טאַקע
זייער שיין,
נאָר איינס מיך עקלט:
פון צייט־צו־צייט
דערלאַנגט ער זיך אַליין
אַ קניפּ אין בעקל...

4. דאָך...

און
ווען ער נעמט זיך גראַמען
וועגן זוהר,
ווערט פון דער נודאָטע
זייער זויער,
דאָך —
וועדליק זיין אַריינפּאָר
אין קבלה —
שפּירט זיך נישט קיין שלעכטער
בעל־עגלה!

5. וועגן איינעם אַ גראַמער פון "סאָוועטיש היימלאַנד"

נישט נוץ קיין בערג מיט בראָם
כדי אַנטשלאָפן ווערן —
גענוג איז ב ר אָ מ ב ע ר ג ס
אַ פּאָר שורות הערן.

6. וועגן מחבר פון "ליד וועגן גאָרנישט"

דער דיכטער פון גאָרנישט
איז גאָר נישט קיין נאַר:
ער ווייסט אַז זיין גאָרנישט
איז גאָר נישט קיין גאָרנישט —
ס'איז דאָ נאָך אַ גאָרנישט
וואָס לויבט אים דערפאַר.

7. אַבסטראַקט

מען זאָגט: ער איז אַבסטראַקט,
נאָר כ'האָב דערפון קיין תענוג —
ס'איז נישט אַבסטראַקט —
ס'איז גלאַט גע־
האַקט
אַ טשייניק!

8. לופטשלעסער

לופטשלעסער בויט ער
און פּרוווט דאָרטן טאַפּן
אַ וואַנט, צוליב וויין
פון דער וואַנט אויסצוזאַפּן.
לופטשלעסער בויט ער,
כדי זיי באַוווינען —
באַטשוועקען מיט הענגערס
פאַר זיינע תחתונים.

פעליקס קריווין

קאַליידאָסקאָפּ

צום ברעג

— צי האָסטו נישט קיין מורא פאַר דערטרינקען זיך? — האָט אַ שפּענדל געפרעגט ביי דער כוואַליע.

— דערטרינקען זיך? — האָט אויפגעציטערט די כוואַליע — דערטרינקען זיך האָסטו געזאָגט?

און דער כוואַליע האָט זיך צום ערשטן מאָל אין איר לעבן פאַרגלוסט צו דער יבשה.

גראָד איז זי צו דער צייט צוגעלאָפן צום ברעג. פאַרכאַפּנדיק אַן ערטעלע אַ באַקוועמס און זעצנדיק זיך אויפן ווייכן זאַמד האָט זי זיך געקליבן אָנהייבן אַ ניי לעבן — אַן געפאַר, אָן אומרו און אָן ליאַרעם.

און דאָ האָט די כוואַליע פּלוצעם דערשפּירט ווי דער באָדן פאַרשווינדט אונטער די פיס.

— איך טרינק זיך! — האָט זי באַוויזן אַ כליפּע צו טאָן און איינגעזונקען אונטער דער ערד.

אומרעכט

—האַרעוועסט פון טאָג ביז נאַכט, — באַקלאָגט זיך אַ געזונטער צאָן — און קיינער זאָגט אפילו קיין דאַנק נישט! אָבער די פוילע ציין — ביטע שיין: אַלע ווי איינער אַנגעטאָן אין גאָלד!...

פאַרוואָס, פרעגט זיך? פאַר וועלכע מעשים טובים?...

ווי אַזוי דער מענטש האָט באַשטימט אַרויסצוקומען פון דער מאַלפּע

אַלע בעלי־חי האָבן זיך באַצויגן איינס צום אַנדערן מיט רעספּעקט אַזוי צו זאָגן, צייטנווייז אפילו מיט נשמה־פלאַטערניש, און בלויז די מאַלפּע האָט קיינער נישט אַנגענומען פאַר ערנסט. דערפאַר ווייל זי האָט שטענדיק געלעצעוועט און גע־קרימט זיך ווי אַ נאַריש קינד. און דאַן האָט די מאַלפּע געזאָגט:

— קום אַרויס פון מיר, מענטש!

דער מענטש האָט זיך נישט תיכף אָנטשלאָסן:

— ס'וואָלט זיך בעסער ווען, פאַרשטייסטו מיך, אַרויסקומען פונעם לייב, אָדער כאָטיא בי, פונעם נאָזהאָרן.

— פון לייב? אָט איז ער, דער לייב דיינער! — האָט געזאָגט די מאַלפּע און גלייך אויפן אָרט, קונציק אויסגעשפּילט די ראָל פון אַ לייב.

ס'איז געווען גענוג ענלעך, כאָטש נישט אַזוי שרעקלעך ווי אַן אמתער לייב.

— און דער נאָזהאָרן איז וואָס? — האָט געפרעגט די מאַלפּע — אַרויסשטעלנ־דיק די פאָדערשטע לאַפּע פאַר דער נאָז.

און פּלוצים האָט זי זיך פאַרנאַנדערגערעדט גאַנץ ערנסט: — פאַרשטייט זיך, — האָט זי געזאָגט, — פון אַ לייב וואָלט יעדער איינער געוואָלט אַרויסקומען. און פון נאָזהאָרן — וועלן זיך אויך געפינען בעלנים. אָבער חוץ די דאָזיקע זענען דאָך אַנדערע אויך פאַראַן! די האָזן, למשל, אָדער אונדזערס אַ ברודער! — די מאַלפּע האָט אַ זיפץ געטאָן. — איך, ווי דו זעסט מיך, קרים איבער דאָ פאַרשי־דענע... פאַרוואָס, מיינסטו? דערפאַר טאַקע, ווייל כ'האָב נישט קיין חשק אַ מאַלפּע צו זיין.

— יאָ, — האָט געזאָגט דער מענטש, — ס'מאַכן זיך אויך אַזעלכע סיטואַציעס.

— ס'מאַכן זיך, — האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ די מאַלפּע, — אָבער זאָלסט גאָר נישט קלערן, אַז איך באַקלאָג מיך. ס'איז נישט אין מיין טבע, פשוט... ס'ווילט זיך ווערן אַזאַ, מע זאָל זיך צו דיר באַציען מענטשלעך. קום אַרויס פון מיר, מענטש, אַ? אַזוי רעדנדיק, האָט זי ווידער אַ קנייטש געטאָן די צורה, באַוויזן אַ פּרצוף, אין וועלכן דער מענטש וואָלט זיכער זיך אַליין דערקאָנט ווען ער וואָלט גאָר אויפ־מערקזאַם זיין. נאָר ער האָט נישט אויפמערקזאַם געקוקט, ווייל ער האָט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש געקלערט: "ווירקלעך, — האָט ער געקלערט, — סאַראַ וועלטעלע דאָס איז! ווער ס'האָט דעם קאָרק — דער איז שטאַרק, ווער ס'איז שטאַרק — דער איז שלעכט און אַז ווייַ איז דעם וואָס איז גערעכט! יעדער איינער וויל אַרויסקומען פון אַ העלפאַנט אָדער אפילו פון אַ מאַמאַנט, און פון אַזעלכע ווי די מאַלפּע, וויל קיינער נישט אַרויסקומען, נישט יושרדיק איז דאָס!"

— מילא, — האָט ער געזאָגט, — כ'וועל אַרויסקומען — און פעסט אַ דריק געטאָן די האַנט פון דער מאַלפּע.

און די חיות, וועלכע האָבן אַלע צוזאַמען געהאַט דרך ארץ איינס פאַרן צווייטן און אַלע צוזאַמען האָבן נישט געאַכטעט די אַנדערע, זענען געווען טיף באַליידיקט איבער דעם, וועמען דער מענטש האָט אויסגעוויילט צווישן זיי.

און דער מענטש איז אַרויסגעקומען פון דער מאַלפּע. אויס געפיל פון יושר און גערעכטיקייט, אויס געפיל פון אינערלעכן פּראָטעסט, אויס געפיל פון פּראָסטער מענטשלעכקייט.

דאַנקבאַרקייט

און דערזעענדיק טרערן ביים קוכער אין די אויגן, האָט די ציבעלע פון גרויס אויפרעגונג, פאַרגעסן אַז ער, דער קוכער, בראָקט זי.

ויכוח

יעדער איינער קריכט אויף זיין גלייכער וואַנט און דער אמת, אייגנטלעך, ליגט פון אונטן, ביי די סאַמע פיס.

פּראָבלעמען

...דאָ איז וויכטיק ווער סע פאַרט, וווהין מע פאַרט, צוליב וואָס מע פאַרט...
— און אויף וועמען מען פאַרט, — האָט צוגעגעבן דאָס קעמל.

ביים קיילעכדיקן טיש

...צום סוף איז געגעבן געוואָרן אַ פייערלעכער מאָלצייט. די פּראָש האָט אויפגעגעסן די פליג, די שלאַנג האָט איינגעשלונגען די פּראָש. דער שטעכלער האָט פאַרביסן מיט דער שלאַנג. דער מאָלצייט איז דורך אין קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש.

נעקראָלאָג

ער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט אין דער עפּאָכער פון דורכויסיקער עלעקטריפיקאַציע.

פון רוסיש: י. ק.

✶

פעליקס קריווין

יידיש־רוסישער שרייבער, שטאַרק פּאָפּולער אין ס״פ, אַדאַנק זיינע גלענצנדע מיניאַטורן ״האַלבע מעשהלעך״, אַפּאָריזמען א.ד.ג., געבוירן אין יאָר 1928 אין מאַריופּאָל (אוקראַינע). פאַרענדיקט דעם ליטעראַרישן פאַקולטעט פון קיעווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט (1951), אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1946.

אַרויסגעגעבן זאַמלונגען פון לידער, פאַמפּלעטן, משלים און מעשהלעך, פון וועלכע ס'ווילט זיך אויסטיילן: ״אַרום דעם קרויט״ (1960), ״זעלטענע זאַכן״ (1961), ״האַלבע מעשהלעך״ (1964), ״קאַליידאָסקאָפּ״ (1965), ״געלערנטע מעשהלעך״ (1967).

וווינט אין אוזשגאָראָד (טראַנסקאַרפּאַטיע). נישט געקוקט אויף זיין וואַקסנדיקער פּאָפּולערקייט צווישן די בעסטע מאָסן־לייענער, ווערט ער גאַנץ אָפט פאַרפאָלגט דורך דער אָפיציעלער פאַרטייקריטיק. דאָס לעצטע בוך, אַרויסגעגעבן אין אוזשגאָראָד, אין יאָר 1971, איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער מאַכט־אַדמיניסטראַציע.

אליהו שוואַרץ

אויף די גאַסן פון ירושלים

אַהין און צוריק...

כמעט ווי ביי קיפּלינג... מערב איז מערב און מזרח איז מזרח.

אליהו שוואַרץ

אליהו שוואַרץ איז אַ קינסטלער פון בלייפעדער און צייכענונג. אין זיינע שאַפונגען טיילט ער זיך מיט זיינע געפילן און מיינונגען, אין אַ פאָרם וואָס איז לייכט צום פאַרשטיין. זיין טעמאַטיק — די פאַרשידענע אַספעקטן פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע. ער איז עולה געווען פון דייטשלאַנד אין יאָר 1933. אָנגעהויבן צייכענען האָט ער אין עלטער פון 15 יאָר און צו 16 יאָר האָט ער זיך שוין בולט געמאַכט אויף אַ קאָלעקטיווער אויסשטעלונג. באַזוכט די בצלאל־שולע און אַ געוויסע צייט געאַרבעט ווי אַ גראַפיקער. געפאָרן קיין אַמעריקע, דאָרט פאַרנומען זיך מיט פאַרשידענע אַרבעטן, בעת אין די אָוונטן האָט ער ווייטער שטודירט מאָלעריי. צוריקגעקומען ערב דעם באַפרייונגס־קריג, געדינט אין דער מאַרינע, גראַפיש אויסגעפורעמט די מיליטערישע אָפּצייכנס און פענער. שפּעטער אָנגענומען געוואָרן אין דער אַקאַדעמיע אין פאַריז און נאָכן צוריקקומען זיך באַזעצט אין ירושלים. געהאַט אַליין־אויסשטעלונגען אין ישראל, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין דייטשלאַנד. זיינע צייכענונגען דערשיינען אין היגע און אין אויסלענדישע צייטונגען. בעת דער



קוק נישט, וועסטו נישט געשטרויכלט ווערן...

יום־כּיפּורדיקער מלחמה געצייכנט קאַריקאַטורן פון פראָנט. זיין קונסט־אַלבאָם ״לירושלים באהבה״ איז כולו געווידמעט דעם שטייגער פון ישראלס הויפּטשטאָט.



עקסקורסיע־מדריכים... און דאָ זעט איר פאַר זיך...

ידיעות פון העברעישן אוניווערסיטעט

יעקב קעלמאַן

אין צענטער פאַר פאָרשונג און דאָקומענטאַציע פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום

אונדזער צענטער פאַרנעמט זיך מיט פאָרשן און זאַמלען דאָקומענטן וועגן מזרח־אייראָפּעישן יידנטום. ער איז געשאַפן געוואָרן מיט 20 יאָר צוריק בערך, און באַשטייט פון אַ היפשער ביבליאָטעק און אַרכיוון, וואָס אַנטהאַלטן מאַטעריאַלן וועגן סאָוויעטישן יידנטום און דעם יידנטום אין מזרח־אייראָפּעישן בלאָק נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָבן געדינט און דינען אויך היינט ווי אַ באַזע פאַר אַ גאַנץ חשובער רשימה פון פאָרש־אַרבעטן און אינפאָרמאַטיווע פובליקאַציעס אויף דער אויבן־אָנגעוויזענער טעמאַטיק.

במשך פון זיין עקזיסטענץ האָט דער צענטער אינספּירירט פאָרשונגען, געזאַמלט פאַרשידנאַרטיקן מאַטעריאַל און פערזענלעכע עדות־דערקלערונגען פון יידן, וועלכע זענען, מיט אַזאַ אָדער אַנדערן וועג, אָנגעקומען קיין ישראל. לויט דער איניציאַטיוו פון צענטער זענען געשריבן געוואָרן (און ווערן אויך היינט געשריבן) זכרונות, וואָס אַ היפשער טייל פון זיי איז פובליקירט געוואָרן און איז שוין באַקאַנט דער עפנטלעכקייט. דאָס אַלץ איז היינט אַ וויכטיקער מקור, וואָס באַרייכערט און פאַרגרעסערט די מעגלעכקייטן צו פאַרשטיין די לעבנס־וויכטיקע פראָבלעמען פון סאָוויעטישן יידנטום.

קאָנקורס אויף דער טעמע "מיין וועג קיין ישראל"

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אונדזער צענטער פראָקלאַמירט אַ קאָנקורס אויף דער טעמע "מיין וועג קיין ישראל". דער ציל איז געווען, אַז מיט דער הילף פון קאָנקורס זאָלן די עולים פון ראַטנפאַרבאַנד פון די 70ער יאָרן פאַרברייטערן אונדזער אינפאָרמאַציע וועגן די סאָוויעטישע יידן.

צום קאָנקורס זענען געשיקט געוואָרן איבער 70 אַרבעטן. דער אינהאַלט פון די דאָזיקע אַרבעטן באַלייכט דאָס אַלגעמיינע היסטאָרישע בילד, און די לאַגע פון סאָוויעטישן יידנטום פאַר די לעצטע דורות.

אויסער דעם דאָקומענטאַלן און היסטאָרישן תוך פון די צוגעשיקטע אַרבעטן, זענען צווישן זיי אַנטפּלעקט געוואָרן איינציקע שאַפונגען וואָס פאַרמאָגן אויך אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן ווערט. די מחברים איז געלונגען צו מאַכן אינטערעסאַנטע אויספירן און פאַראַלגעמיינערונגען פון זייערע פערזענלעכע איבערלעבונגען. דער צענטער פלאַנירט צו פאַרעפנטלעכן אַ גרויסן טייל פון די אַרבעטן, כדי צו דערמעגלעכן דעם ברייטן עולם זיך צו באַקענען מיט זיי, סיי אין אָריגינאַל, סיי אין אַ העברעישער איבערזעצונג.

די זשורי, וואָס איז באַשטאַנען פון פראָפ׳ שמואל עטינגער, פראָפ׳ יהודה סלוצקי, פראָפ׳ חנא שמערוק און דעם עליה־אַקטיוויסט וויטאַליע סוויעטשינסקי — האָט אָנגעמערקט צום פרעמירן 5 אַרבעטן.

די געווינער פון קאָנקורס : פראָפ׳ לעיז טומערמאַן און אַנאַטאָלי רובין (ערשטער פרייז) ; וויקטאָר פערלמאַן און צבי ראָם

(צווייטער פרייז) ; חנה מאירשטיין (דריי־
טער פרייז).

די צערעמאָניע פון דערטיילן די פרייזן
איז פאָרגעקומען אין פרעזידענטן־הויז פון
ישראל, ביי דער אָנוועזנהייט פון פרעזי־
דענט פראָפ׳ אפרים קאַציר, און מיט דער
באַטייליקונג פון אַבסאָרבציע־מיניסטער
שלמה ראָזען, פאָרזיצער פון דער דירעק־
ציע פון סוכנות פנחס ספיר ז״ל, און פרע־
זידענט פון העברעישן אוניווערסיטעט אין
ירושלים, פראָפ׳ אברהם האַרמאַן.

פון די באַגרינדונגען פון די שופטים פאַר צוטיילן די פרייזן :

א. לעוו טומערמאַן. דער מחבר גע־
הערט צו דעם קרייז פון דער ליבעראַלער
יידיש־רוסישער אינטעליגענץ, וואָס איז
געווען איינגעוואָרצלט אין דער רוסישער
קולטור און דערווייטערט פון די אייגענע
פאָלקס־מקורות. דער כתב־יד גיט אַ בריי־
טע פאַרשטעלונג וועגן אַרט לעבן און גע־
דאַנקען־גאַנג פון אַ וויכטיקן שיכט אין
דער יידיש־רוסישער געזעלשאַפט. אַ שיכט
וואָס איז נישט מסכים געווען מיט דער
קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, אָבער האָט
געטריי און געוויסנהאַפט געדינט דעם
לאַנד, קלערנדיק, אַז דאָס איז צום וווּיל־
שטאַנד פון די סאָוויעטישע פעלקער בכלל
און פון יידן בפרט.

מיט דער הילף פון אַ טיפן אַנאַליז דער־
קלערט דאָ אויך דער מחבר די סיבות, צו־
ליב וועלכע אַ סך רוסלענדישע יידן האָבן
זיך אומגעקערט צו זייער פאָלק.

ב. אַנאַטאָליע רובין. — דער מחבר איז
געוואַקסן אין אַ יידישער רעליגיעזער
היים, אָבער אַ דערציונג האָט ער באַקו־
מען, געוויינלעך, אַ סאָוויעטישע. אין זיין
אַרבעט שילדערט רובין די ליקווידאַציע
פון מינסקער געטאָ און די יידן־פיינט־
שאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישן די
פאַרטיזאַנער. אויף זיין אייגענער הויט
האָט ער אויך שפּעטער געשפּירט דעם
פאַרשטאַרקטן אָפיציעלן און געזעלשאַפט־
לעכן אַנטיסעמיטיזם. דאָס אַנטשטיין פון
מדינת ישראל האָט אויפגעוועקט און פאַר־
טיפט אין אים דאָס געפיל פון זיין יידי־
שער אָנגעהעריקייט.

די אַרבעט איז אָנגעשריבן אין אַן אינ־
טערעסאַנטער פאָרם און גיט איבער אַ טי־
פיש בילד פון יידישן גורל אין מזרח־
אייראָפּע בעת און נאָך דער שואה.

ג. וויקטאָר פערלמאַן. — דער מחבר, אַ
זשורנאַליסט און שרייבער, שטאַמט פון אַ
יידישער קאָמוניסטישער משפחה. זיין
דערציונג — אַ פולקאָם סאָוויעטישע. פון
דער פריער קינדהייט האָט ער אויך זיך
אָנגעטראָפן אויף אַנטיסעמיטיזם. אינטע־
רעסאַנט איז זיין באַשרייבן ווי אַזוי ס׳האָט
אויסגעזען די אַרבעט פון די זשורנאַליסטן
אין סאָוויעטישע באַדינגונגען, און ספּע־
ציעל אין דער רעדאַקציע פון "ליטעראַ־
טורנאַיאַ גאַזעטאַ".

פערלמאַנס אַרבעט, וואָס איז געשריבן
מיט באַגאַבונג און לייענט זיך מיט גרויס
אינטערעס, שטעלט מיט זיך פאַר אַ מין
ענטפער אויף דער פראַגע, ווי אַזוי קומט
קיין מדינת ישראל אַ ייד, — וואָס איז
אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין
אַ ריין רוסיש־סאָוויעטישער סביבה.

ד. צבי ראָם. — דער מחבר שטאַמט פון
אַ רעליגיעזער, אָנגעזאַפּטער מיט העברע־
ישער קולטור, משפחה. אין דער יוגנט
האָט ער געלעבט אין אָדעס און איז געווען
שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער דאָרטיקער
יידישער קולטור־סביבה. דער עיקר אין
זיין אַרבעט איז די באַשרייבונג פון דער
ציוניסטישער טעטיקייט און רדיפות. דאָס
איז אַ שפּאַנענדיקע דערציילונג פון אַן
איבערצייגטן ציוניסט, וועמען ס׳איז גע־
לונגען צו קומען קיין מדינת ישראל, איי־
נעם לאַנד פון זיינע חלומות.

ה. חנה מאירשטיין. — געבוירן אין אַ
יידישער משפחה אין ריגע אַנהייב פופצי־
קער יאָרן. האָט געקראָגן סאָוויעטישע
בילדונג, געווען אַ קאָמסאָמאָלקע. ווען
אין קרייז פון אירע באַקאַנטע האָבן אָנ־
געהויבן הערשן ציוניסטישע שטימונגען,
האָט זי זיך זייער שטאַרק קעגנגעשטעלט.
אָבער די השפעה פון די חברים און אויך
דער פאַרשטאַרקטער אַנטיסעמיטיזם האָבן
געטאָן דאָס זייעריקע. אַ וויכטיק פלאַץ

מאיר חרץ

וועגן אַ ביבליאָגראַפיש ווערק

דער צענטער פאַר פאָרשונג און דאָקו־מענטאַציע פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום ביים אינסטיטוט פאַר היינטצייטיקן יידנ־טום, וואָס איז טעטיק ביים ירושלימער העברעישן אוניווערסיטעט האָט אַקאָרשט אַרויסגעגעבן אַ זייער גוט צונויפגעשטעל־טע און פאַכמעניש אויסגעסדרטע און פולע זאַמלונג ביבליאָגראַפיע ״דאָס סאָוויעטי־שע יידנטום אין שפּיגל פון דער יידישער פּרעסע אין פוילן״ פאַר די יאָרן 1945—1970.

״דער מאַטעריאַל צו דער ביבליאָגראַפיע פאַר די יאָרן 1945—1947, זאָגט זיך אין פאָרוואָרט, איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן דורך פריינד אברהם בעקער און פאַר די יאָרן 1948—1970 דורך פרוי ווילאַ אָרבאַך. פרוי רבקה גורוויטש האָט צוגעגרייט די זוכצעטלען און האָט באַזאָרגט דאָס דרוקן פון בוך״.

דאָס בוך הויבט זיך אָן מיט אַן אַריינ־פיר (אין העברעיש און אין יידיש) פונעם רעדאַקטאָר מרדכי אַלטשולער. עס קומען אין ביידע שפּראַכן אויך ״זכרונות פון גע־וועזענע רעדאַקטאָרן פון יידישע צייטונ־גען אין פוילן״ — פון הערש סמאָליאַר, געוועזענער לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פון ״פאָלקסשטימע״, וועלכע דערשיינט עד היום אין וואַרשע און פון דוד ספאַרד, גע־וועזענער רעדאַקטאָר פון ״יידישע שריפטן״ אַ ליטעראַרישער חודש־זשורנאַל, וואָס איז דערשינען ביז סעפּטעמבער 1968 און אַרומגענומען 250 נומערן.

אַריינקוקנדיק אין בוך וויל זיך מיר דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל איינטיילן ניט לויט די זאַמלער — בעקער און אָרבאַך — נאָר לויט גאָר אַן אַנדער מאָס מיט אַנדע־רע דאַטעס.

ביז 1955 אָדער נאָך פינקטלעכער ביז 1956 האָבן זייער ווייניקע געוווסט וועגן דער עקזיסטענץ פון די יידישע אויסגאַ־בעס אין פוילן. די שרייבער, וואָס מ׳האָט דאָרט געדרוקט פלעגן ביז די אַרעסטן אין 1948, אָפּגעבן אָדער צושיקן די מאַטער־יאַלן אין יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמי־

אין איר ציוניסטישער דערציונג האָבן פאַרנומען די באַזוכן פון דער יידישער יוגנט אין רומבולי־פאַרניכטונגס־אָרט פון די לעטישע יידן.

אין אַ פשוטער און לייכטער שפּראַך דערציילט די פאַרפאַסערין וועגן איר פלו־צימדיקן איבערגאַנג פון אַסימילאַציע צו נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און ציוניזם.

פון די פובליקאַציעס פון צענטער:

״בחינות — אַנאַליז און פאָרשונג פון די פּראָבלעמען פון יידן אין ראַטנפאַרבאַנד און מזרח אייראָפּע״, האַלביאָר־שריפט אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר מ. אַלט־שולער (אין העבּרעיש). איצט דערשינען נומ׳ 6. פון אינהאַלט: צבי גיטעלמאַן — די יידן אין אוקראַינע; זייער סאָציאַלע און פּאָליטישע לאַגע. יוסף נדבה — צו דער אויפקלערונג וועגן דער אָפּשטאַמונג פון לעבּנס זיידן. אריה יודפת — צו דער געשיכטע פון יידישער רעליגיע אין ראַטנ־פאַרבאַנד (1924—1928). אברהם גרינבוים — יידישע פאָרשונג אין ראַטנפאַרבאַנד (1917—1948). שלמה ברייטמאַן — מ. גאָרקי וועגן יידן און יידנטום. יהודה סלוצקי — צבי פרייגערזאָן. מרדכי אַלטשולער — סאָוויעטישע קולטור־טעטיקייט צווישן גרו־זינישע יידן. י. פאַפּיסמיידאָוו — דער קינסטלער־אויטאָדידאַקט שלום קובושווי־לי און זיין שאַפן.

טעט און האָבן ניט געוווסט ווו די מאַטע־ריאַלן ווערן געשיקט און ווען זיי ווערן געדרוקט.

לייענענדיק אָצינד די ביבליאָגראַפיע, דערוווסט מען זיך טראַגישע קוריאָזן, ווען די "פאָלקסשטימע" האָט דעם 5.11.48 אָפּ־געדרוקט דוד האָפּשטיינס ז"ל ליד "מיין לאַנד, מיין מעכטיקס", האָט שוין דאָס מעכטיקע לאַנד אים געהאַט אַרעסטירט.

פון 1956, ווען אַלע לעבנגעבליבענע רע־פּרעסירטע יידישע שרייבער האָבן זיך שוין געהאַט אומגעקערט צו זייערע היי־מען און משפחות און אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן עקזעמפּלאַרן פון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן, האָבן זיי, די יידיש־סאָוויעטישע שרייבער, גע־נומען די זאַך פון שיקן דרוקן אין די אייגענע הענט און מע קען, אָן צו ציילן, נאָר בלויז מיטן אויג שאַצנדיק, מיט זי־כערקייט זאָגן, אַז 95 פּראָצענט פון די ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן אין בוך נע־מען אַרום די קאַרגע 15 יאָר פון 1956 ביז סוף 1970. דערביי דאַרף מען באַמערקן, אַז צום אונטערשיד פון פריער, ווען דער יידי־שער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט האָט דורכן "סאָווינפאָרמביוראָ", דעמלט אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן, געצאָלט גאַנץ שיינע האָנאָראַרן פאַר די צוגעשיקטע מאַ־טעריאַלן (ווי ס'איז שוין אָפּגעמערקט גע־וואָרן פון ה. סמאָליאַרן אין זיין וואָרט) האָבן די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער אָצינד פון די אַליין־צוגעשיקטע זאַכן קיין פּרוטה פּרנסה ניט געהאַט. די רעדאַק־ציעס אין פּוילן האָבן קיין דעוויזן ניט געהאַט פאַר דעם צוועק. לויט הערש סמאָ־ליאַרן האָט דער רעדאַקטאָר פון "סאָוו. היימלאַנד" אהרן ווערגעליס געוואָלט באַ־נייען דעם אַלטן מעטאָד און איבערנעמען דאָס שיקן מאַטעריאַל קיין אויסלאַנד אין זיינע הענט צוגעבנדיק עפּעס פונעם נייעם, ד.ה. ניט צאָלן. אַ באַווייז דערצו: פונעם פיל־באַקומענעם מאַטעריאַל, וואָס האָט איבערגעשטיגן די מעגלעכקייטן פון אַ חודש־זשורנאַל פלעגט ער מאַכן אַן אָפּ־קלייב און שיקן קיין אויסלאַנד אונטערן אַלגעמיינעם קעפּל "סאָוויעטיש היימלאַנד צוגאַסט" און די שרייבער האָבן געדאַנקט פאַרן . . . כבוד.

דעם 30סטן אָקטאָבער 1971 איז אין וואַרשע דערשינען אַ יובל־נומער "25 יאָר פאָלקסשטימע" כדי צו אילוסטרירן די באַ־דייטונג פון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן פאַר די יידישע שרייבער אין ר"פ זינט 1956, דערלויב איך מיר צו ציטירן עטלעכע שורות פון מיין באַגריסונג, וואָס איך האָב בשעתו צוגעשיקט פון טשערנאָ־וויץ:

"ניט נאָר די יאָרן 1956—1961, ווען די "פאָלקסשטימע" און "יידישע שריפטן" זע־נען געווען די איינציקע יידישע טריבונעס פאַר אונדז, נאָר אויך שפּעטער, ווען ס'האָט ביי אונדז אָנגעהויבן דערשיינען אַ יידישער זשורנאַל און די קאָנטאַקטן מיט יידישע אויסגאַבעס אין דער וועלט האָבן זיך פאַרברייטערט, איז די "פאָלקס־שטימע" פאַרבליבן דער הויפּטאָנשפּאַר פאַר פיל פון אונדזערע פּען־מענטשן.

"ניט נאָר אָצינד, ווען די צאָל מיטאַר־בעטער און שרייבער פון דער פ"ש איז אַ באַשיידענע, נאָר אויך פריער, ווען פּוילן האָט פאַרמאָגט אַ סאָלידע צאָל יידישע שרייבער, האָבן אונדזערע דאָרטיקע קאָ־לעגן זיך געטיילט מיט אונדז כמעט האַלב אויף האַלב מיטן דרוק־שטח".

דער רעדאַקטאָר מרדכי אַלטשולער און זיינע מיטאַרבעטער קומט אַ יישר כוח פאַר אַט דער גרויסער אַרבעט אין דריוונע או־תילעך, מיט וועלכע ס'איז אָנגעפּיקעוועט דאָס ניט־גרויסע ביכל. דאָך קאָן מען ניט פאַרבייגיין אָן אָפּצופרעגן פאָלגנדיקע לויט מיר פאַלשע הנחה פון ה. אַלטשו־לערס אַריינפיר: "— — — ס'איז אָנצו־נעמען, שרייבט ה. אַלטשולער, אַז אויך די סאָוויעטישע מאַכט איז געווען פאַראינ־טערעסירט אין אַט די עדיציעס, וואָרום אַ דאַנק זיי איז באַוווּסט געוואָרן אויף דער וועלט וועגן דער יידישער טעטיקייט אין ראַטנפאַרבאַנד. זיי האָבן אויך פאַר־געשטעלט מיט זיך, אַזוי צו זאָגן, אַ מין זיכערהייטס־ווענטיל, וועלכער האָט אין אַ

געוויסער מאָס געלינדערט דעם דרוק פון די יידיש־סאָוויעטישע שעפער א.א.וו.". עס איז געווען, ווייס איך, פאַרקערט, אַ דרוק פון די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען אויף די יידיש־סאָוויעטישע שרייבער און אויף דער דערשיינונג פון שיקן דירעקט קיין פוילן דרוקן און אויפן אָנקומען פון דער יידישער פרעסע אין פוילן צו שרייבער און צו אַנדערע.

אין דער א. ג. כרושטשאָוו־ערע האָבן אין די קאַטאַלאָגן פון "סאָיוזפּעטשאַט" (אַן אָפּטיילונג פון סאָוויעטישן פּאָסט־אַמט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַבאָנירן און צו־שטעלן ווי אויך מיטן איינצלפאַרקויף פון דער פרעסע) אָנגעהויבן זיך באַווייזן רשי־מות פון אויסלענדישער פרעסע און אין דער ערשטער ריי און בעיקר פּולע רשי־מות פון דער פרעסע פון די א.ג. פאָלקס דעמאָקראַטיעס. אין דער רשימה פון דער פרעסע אין פאָלקספוילן האָט מען גע־טראָפן און געקענט אַבאָנירן אַלץ חוץ די אויסגאַבעס אין יידיש, וועלכע האָבן דאָרט בכלל ניט פיגורירט. אויב עמעצער האָט געהאַט אַ פריינד, אַ קרוב אָדער אַ חבר אין פוילן, וואָס איז געווען אַ בעלן צו באַצאָלן האָט מען די אויסגאַבע אין ר"פ באַקומען. פאַר די יידיש־סאָוויעטישע שרייבער האָבן זיך געמיט די יידישע קאָ־לעגן אין וואַרשע. ווען ס'האָט עמעצער אַ נומער אָדער צוויי ניט באַקומען האָט ער, אַן אַ קוויטונג פון "סאָיוזפּעטשאַט", קיין פרעטענזיעס ניט געקאָנט האָבן. עס פלעגן טרעפן פעריאָדן פון זייער לאַנגע הפסקות, ווען די אויסגאַבעס האָט קיינער ניט באַקומען. בלויז דורך בריוו האָט דער אָדער יענער מחבר באַקומען אַן אויסשניט מיט זיינער אַ געדרוקטער זאַך און אַ מאָל פלעגט אויך דאָס ניט אָנקומען.

דאָס אָנקומען פון דער יידישער פרעסע אין פוילן און נאָך מער וואָס דאָרט האָט מען געטראָפן פּובליקאַציעס פון סאָוו. יידישע שרייבער איז דורך די סאָוו. מאַכט־האָבער באַטראַכט געוואָרן ווי "אַ מעסער אין אַ רוקן". דעם דאָזיקן אויסדרוק האָב איך געהערט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון שרייבער אין טשערנאָוויץ אין פעברואַר 1960 ספּעציעל געווידמעט מיינע פּובליקאַ־ציעס אין פוילן. די "פאָלקסשטימע" און "יידישע שריפטן" האָבן דאָרט אַריינגע־כאַפּט ניט ווייניקער פון מיר. באַזונדערס שאַרף איז אַרויסגעטראָטן הערש בלאָ־שטיין, וועלכער איז אגב געווען פריער דער ערשטער אין טשערנאָוויץ צו שיקן זיינע שאַפונגען קיין וואַרשע אין 1956. אַ דאַנק זיינע אָפּשאַצונגען האָט מען אין די אָפיציעלע קרייזן געקוקט אַ סך בעסער אויף דער פאַריזער "נייע פרעסע" און אויף דער ניו־יאָרקער "מאָרגן־פרייהייט" פון דעמלט. אויף זיך רייבוואַשן פון די "זינד" אין "פאָלקסשטימע" און "יידישע שריפטן" פלעגן אָפּט סאָוו. יידישע שריי־בער שיקן זייערע ווערק אויך אין "נייע פרעסע".

אגב, ווערט אין אַריינפיר פון מרדכי אַלטשולער דערמאָנט דער נאָמען הערש בלאָשטיין (אין איינעם מיט משה בראָ־דערזאָן) ווי איינער פון די סאָוו. יידישע שרייבער, וועלכע זענען "נאָר וואָס באַ־פרייט געוואָרן פון די לאַגערן". איך ווייס ניט ווער ס'האָט אַלטשולערן אונטערגע־רוקט די דאָזיקע אינפאָרמאַציע. איך טרעף אַזאַ ניט צום ערשטן מאָל און שטעל פעסט אָן שום קאָמענטאַרן: בלאָשטיין האָט ניט געדאַרפט באַפרייט ווערן. צי האָט ער זיך געפילט גוט בשעת זיינע קאָלעגן זע־נען געווען רעפּרעסירט און ער אַליין אַלס שרייבער איז געווען אַ שטומער, איז אַן אַנדער זאַך. אַ פאַקט איז, אַז אויך פיל פון די "געזעסענע" האָבן פון די געשע־ענישן און זייערע איבערלעבענישן גאָר־ניט געלערנט.

אַ צווייטער שאַרפער אָפּאָנענט אויף דער אויבנדערמאָנטער פאַרזאַמלונג אין טשערנאָוויץ איז געווען חיים מאַלאַמוד. ער האָט קיין מאָל קיין אויסלאַנד אויף אייגענער האַנט קיין איינציק וואָרט צום דרוקן ניט געשיקט. זיין נאָמען אין ביבלי־אָגראַפישן בוך ווערט דערמאָנט בלויז אין שייכות מיט אַן אַרטיקל וועגן אים אין "יידישע שריפטן".

פּנחס ספּיר ז״ל

דער דינאַמישער בויער און שאַפער

ווי יעדעס מאָל, ווען דער טויט רייסט אַוועק פון אונדז פּלוצלינג איינעם פון די פאָדערשטע רייען, און מיר בלייבן שטיין אין איבעררעשנדיקער פאַרגאַפונג, זענען מיר אויך איצט איבערראַשט און דערשיטערט, צוזאַמען מיטן טיפן טרויער וואָס באַהערשט אונדז דערביי. ווייל דאָס גאַנצע באַוווסטזיניקע לעבן פון אָט דעם מאַן איז געווען איין קייט פון דינאַמישער טעטיקייט און אַקטיוויטעט פאַר ארץ ישראל, מדינת ישראל און יידישן פאָלק אין דער וועלט. ווייל ווער ווייסט עס נישט, אַז פּנחס ספּיר, דער שטעטלשער ייד פון כפר־סבא, האָט זיין אַנפירנדיקן סצעפּטער פון אונדזער מלוכה־לעבן נישט געירשנט פון קיינעם, אַ צוגעגרייטן און אויסגעקעכלטן אין עלעגאַנטע דיפּלאָמאַטישע סאַלאָנען. מיט שווער־געקאָוועטע אַרבעטס־שיך איז פּנחס ספּיר דורכגעגאַנגען זיין לעבן אין לאַנד, פון ערשטן חלוצישן טאָג זיינעם אין די אַרץ־ישראלדיקע וויסטעניש, ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן, ווען ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אויף דער טעריטאָריע פון זיין טרוים, דעם אַמאָל צעלעכצטן נגב, וועמען ער האָט דער ערשטער באַוויזן באַגרינען, אויפלעבן און באַפעלקערן מיט פאָלק ישראל. און ווער עס וויל, קען זען ממש אַ סימבאָל, וואָס דער דינאַמישער בויער און שאַפער, דער אייביקער אומרו פון יידישער וויזיע און רעאַלער פאַרווירקלעכונג פּנחס ספּיר, האָט אויסגעהויכט זיין נשמה דווקא אין נגב־פּונקט נבטים (שפּראָצונגען). עס איז ווי דער גורל אַליין וואָלט מיט זיין געהיימנישפולער האַנט צוגעפירט דעם גרויסן ייד צום מקור פון זיינע פאַרווירקלעכטע חלומות — אויפצושפּראָצן די ערשטע בליונגען פון יידישן לאַנד און ווי דער גורל וואָלט אים געזאָגט: ״אָט פון דעם האָסטו אָנגעהויבן, זע די פרוכט פון דיין מי און דאָ וועסטו שליסן דיינע אויגן אויף אייביק.״ אין יענע טעג פון טריבן אלול, דערמאָנט אונדז דער טויט פון פּנחס ספּיר אין יענעם באַרג נבוֹ, אויף וועלכן דער שר פון דער יידישער באַשטימונג האָט אָנגעוויזן דעם וויזיאָנער און פאַרווירקלעכער פון יידישער תקומה און אים געזאָגט: גיי אויף אויפן דאָזיקן באַרג, זע דיינע אויפטוען און דיינע דערגרייכונגען און ווער איינגעזאַמלט אין דיין פאָלק. און דער באַרג חורב, דער אָנהייב פון יידישער געשטאַלטיקונג און נאַציאָנאַלער פאָרם, האָט מיט טרויער און פאַרכט זיך איבערגעבליקט מיטן באַרג נבוֹ אוןביידע האָבן אָנגענומען דעם גזר דין.

און קיינעם דאַרף מען נישט דערציילן, אַז מיטן טויט פון פּנחס ספּיר איז אַוועק פון אונדז נישט קיין סתם מיניסטער, קיין סתם פאָרזיצער און קיין סתם פּאָליטיקער. עס איז אַוועק איינע פון יענע וווּנדערלעכע געשטאַלטן, וואָס האָבן די וויזיע פון

חלוציזם געטראָגן אין די שווערע זוילן פון זייערע אַרבעטס־שיך מיט וועלכע זיי האָבן דורכגעשפּאַנט דאָס לאַנד, דורך אַלע אירע וויסטעניש, לויערונגען, געפאַרן און אין פיבער פון בוי און אויפבוי. דאָס איז דער אַלטער טיפּ פון יידישן כלל־טוער אין דער היינטיקער מאָדערנער צייט, וואָס באַשטימט דעם ציל און דעם פּאַרוועגנד פון הונדערטער מיליאָנען, וואָס ער אַליין שאַפט זיי מיטן צויבער פון זיין פּערזענ־לעכקייט, כאָטש אַליין בלייבט ער נישט איין מאָל שטיין ביי אַ סאָדע־וואַסער גע־וועלבל זוכנדיק די אָרעמע פּאָר גראָשן פון טעגלעכן טאַשן־געלט. דאָס איז דער אַלטער טיפּ פון ארץ־ישראלדיקע בויער און שאַפער, וועמענס טעטיקייט האָט זיך נישט געמאָסטן מיט דער גרויס און ווערט פון דער לוקסוס־מאַשין, וואָס ער האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע, נאָר אין דער ברייט פון פעלד, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן עס צו באַפרוכפּערן. און ווען דער שטורעם פון יענעם געדענקבאַרן יום־כפור האָט אויפגעטרייסלט די זיילן פון לאַנד און פון יידישן פאָלק, איז פנחס ספּיר געווען דער גליקלעכער פון צווישן די גליקלעכע, וואָס אים איז ווידער געגעבן געוואָרן זיך צו ווידמענען זיין אַלטן חלום, וואָס ער האָט אַ לעבן־לאַנג פאַרווירק־לעכט: עליה. ברענגען יידן אין זייער היים און העלפן זיי אויפבויען דאָ זייער ניי לעבן. איז עס טאַקע מער ווי סימבאָליש, וואָס דער מאַן פנחס ספּיר, אויף וועמען עס איז מקוים געוואָרן דער פּסוק ולפני מלכים יתיצב, האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם דווקא אין אַ פּונקט פון נייע עולים פון קאַטשין, האַלטנדיק אין די הענט די געבאָטן פון עשרת הדברות צווישן וועלכע עס לויכט מיט זיין מענטש־לעכער אוניווערסאַלקייט דער ואהבת לרעך כמוך. ווייל אַזאַ איז ער געווען, פנחס ספּיר, ביי זיין לעבן, און אַזאַ איז ער געווען ביז זיין לעצטער מינוט פון אָט דעם רייכן לעבן זיינעם.

און ווען מיר זאָגן חבל על דאבדין, זאָגן מיר עס טאָפּל און מער ווי טאָפּל אין נאָמען פון די נייע עולים, וועמען דער פאַרשטאָרבענער האָט אָוועקגעגעבן זיין גאַנץ האַרץ.

ער, פנחס ספּיר, איז עס געווען דער מאַן, וואָס האָט געזאָגט דעם אמת זיינעם אַלעמען אין פּנים און גערופן מקיים צו זיין די מצווה פון שיבת ציון לשמה. אויפ־נעמען און אויסהערן די ווייטיקן פון אַ נאָך־נישט אָבסאָרבירטן נייעם עולה, האָט ביי אים געהאַט דעם זעלבן באַטייט, און אפשר נאָך אַ גרעסערן, ווי די זיצונג אין די הויכע פענצטער. און ווען אַ דעלעגאַציע פון נייע עולים־שרייבער פון סאָווי־יעטרוסלאַנד האָט זיך פאַר אים געשטעלט און אים דערציילט, אַז פאַר די דאָזיקע דורשי ציון האָט זיך נאָך אין ירושלים נישט געפונען קיין שטיקל דאַך איבערן קאָפּ פאַר זייער שעפערישער טעטיקייט, איז דער ייד פנחס ספּיר געוואָרן אויסער זיך, און מיטן האַנט אויפן האַרץ געזאָגט: איך פאַרזיכער אייך, אַז ביז ראש השנה וועט אָט די דאָזיקע עוולה פאַרריכט ווערן. ווייל געוווּסט האָט דער מענטש, וואָס עס באַטייט גייסטיקע אָבסאָרבציע, נישט בלויז פאַרן כלל, נאָר אויך פאַרן פּרט, וואָס קען באַווירקן און זיין אַ ביישפּיל פון חלוצישן בוי און שאַפן. ער האָט אויך געוווּסט, אַז דאָרט ווו ער געפינט זיך, און וועלכן אַמט ער זאָל נישט פאַרנעמען, דאַרף קודם

כל די שוועל ביי דער טיר נישט זיין קיין צו הויכע, כדי די טענה און די מאָנונג זאָל קענען צו אים אומגעשטערט אַריבערשפּאַנען.

און ווי זיין באַשיידן און גרויס שעפעריש לעבן, און ווי זיין סימבאָלישער טויט אין באַשיידענעם נגב־פּונקט נבטים, אַזוי אויך דער לעצטער אַקאָרד וואָס באַגלייט אים צו זיין אייביקער רו. עס האָט אין זיך איינגעזאַמלט דאָס געביין פון איר זון די שטילע כפר סבא, וואָס אין קעגנזאַץ צו אַלע שטעטלעך אין לאַנד, וואָס האָבן געקעמפט זיך צו פאַרוואַנדלען פון אַ דאָרף אין אַ שטאָט, האָט כפר־סבא געקעמפט פאַר איר באַשיידנקייט, צו בלייבן ווייטער אַ דאָרף, אַ כפר־סבא, וואָס איז געווען דער מקור פון חלוצישקייט און יידישער אַרבעט אין די פאַרגאַנגענע שווערע פאַר־מדינה־צייטן. זיין באַשיידן הויז אין אָט דעם כפר־סבא, וואָס האָט עקשנותדיק אויפגעהאַלטן ביזן לעצטן מאָמענט פון לעבן פון איר באַלעבאָס איר צניעות און שטילן באַלעבאַטישן חן, וועט בליקן צום פרישן קבר אין באַשיידענעם כפר־סבא און אַלץ צוזאַמען וועט אונדז דערמאָנען: דאָ רוט דער גרויסער מאַן, וועמען די באַדערפענישן פון לאַנד האָבן אויפגעברויזט מיט באַשטענדיקן אומרו.

נ. ר.

★

נייע ווערק

לייזער ווילענקינס דריטער בוך ״גערעַנגל״

לייזער ווילענקין איז באַוווּסט אַלס וויכטיקער לינגוויסט און דיאַלעקטאָלאָג פון דער יידישער שפּראַך, אַדאַנק זיין איינציקאַרטיקן ״יידישער שפּראַך־אַטלאַס פון סאָוועטנפאַרבאַנד״. (דערשינען בלויז די ערשטע טייל. מינסק, 1931, וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון ווייסרוסלאַנד).

אין ירושלים איז דאָס יאָר דערשינען זיין בוך ״גערעַנגל־3״. דאָס זענען ראָמאַנטישע דערציילונגען, ס׳רוב געשריבן אין ריטמיזירטער פּראָזע וועגן לעבן און גערעַנגל פאַר נאַציאָנאַלן קיום פון סאָוויעטישן יידנטום ווי אויך נייע ישראל־דערציילונגען.

דאָס בוך איז פיין אַרויסגעגעבן, אַנטהאַלט 160 זייטן. באַשטעלן ביים מחבר: ת.ד. 10009, ירושלים.

״שמש בענן״ — אַ ניי בוך פון יחיאל גראַנאַטשטיין

אַ ניי בוך דערציילונגען פון יידישן שרייבער יחיאל גראַנאַטשטיין איז אַקערשט דערשינען אין עברית אין פאַרלאַג מוסד הרב קוק, ירושלים, א.ג. **שמש בענן** (235 זייטן).

די דערציילונגען נעמען אַרום תקופות פון פאַרמלחמהדיקן יידישן לעבן, קאַטאַסטראָפע־יאָרן — געטאָ, לאַגער און פאַרטיזאַנער־וואַלד, און אויך דערציילונגען פון איבערגעפלאַנצטן לעבן אויף פרייער ישראל־ערד.

בילדער און קאָמענטאַרן

"יוגנט... יוגנט"

אומאַן, דרום אוקראַינע.

דער 22־יאָריקער **לייב קוויטקאָ** (ערשטער פון רעכטס) האָט שוין דאַן פאַרמאָגט הינטער זיך אַ גאַנץ שווערע לעבנס־דערפאַרונג: פרי פאַרבליבן אַ יתום, האָט ער צו צען יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן. געווען אַ פערד־אַנטרייבער, אַ לעדערוואַרגער, אַ פאַרבער, אַ קאָמאַשן־שטעפּער...

דער 18יאָריקער **משה כּאַשטשעוואַצקי** (ערשטער פון לינקס), אַ זון פון מער פאַרמעגלעכע עלטערן, איז געווען דאַן אַ סטודענט פון דער היגער קאָמערץ־שול, וואָרשיינלעך זיך שוין געגרייט אָנצוקומען אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט...

און גאָר דער ייִנגסטער (16 יאָר!) **עזרא פינינבערג** (אין מיט), ערשט דאָכט זיך אַרויסגעקראָכן פון די חדר־יאָרן...

וואָס האָט זיי צונויפגענומען די אַזוי פאַרשיידענע דריי יונגעלייט?

די אַלגעמיינע ליבשאַפט צו פּאָעזיע, צו יידישער ליטעראַטור? די ערשטע שעפערישע פאַרמעסטן? אפשר דאָס גרויסע פאַרגעפיל פון דער רעוואָלוציע, וועמענס זינגער און באַזינגער זיי וועלן ווערן יעדערער אויף זיין שטייגער?

דאָס בלייבט נאָך אויסצוקלאָרן פאַר דעם קומענדיקן ליטעראַטור־פאָרשער.

מיר ווייסן אָבער דעם ווייטערדיקן גורל פון אַט די דריי ביז גאָר באַגאַבטע דיכטער אין דער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור. נישט איין מאָל האָבן זיך די וועגן זייערע געקרייצט אויף די טראַגישע מאַרשרוטן צווישן באַגייסטערונג און אַנטוישונג, האָפענונג און שרעק.

דער ערשטער איז געפאַלן אין שלאַכט מיט די דייטשישע פאַשיסטן משה כאַשטשעוואַצקי (1943).

עזרא פינינבערג איז געשטאָרבן פון די וווּנדן, וועלכע ער האָט געבראַכט מיט זיך „פון סאַמע פייער", אַ יאָר נאָך דער 2טער וועלט־מלחמה, אין 1946.

לייב קוויטקאָ איז צוזאַמען מיט אַנדערע גרויסע יידישע שרייבער אומגעבראַכט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע נאַציסטן דעם 12טן אויגוסט 1952.

דער לעצטער ערשטער מאַי

1טער מאַי 1948. מאָסקווע.

אין דער דעמאָנסטראַנטן־קאָלאָנע פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער:

משה בראָדערזאָן ז"ל, זיאַמע טעלעסין, לייב קוויטקאָ ז"ל, און בנימין זוסקין ז"ל.

און כאָטש די שרעק האָט שוין געפלאַטערט איבער זיי צוזאַמען מיט די רויטע פאָנען און טראַנספּאַראַנטן איז דאָס פאָרט געווען דער פרילינג־יום טוב פון 1טן מאַי . . .

פאַרן אומפאַרגעסלעכן יידישן פאָלקס־אַרטיסט בנימין זוסקין, פאַר די גרויסע דיכטער לייב קוויטקאָ און משה בראָדערזאָן איז דאָס שוין געווען דער לעצטער ערשטער מאַי.

אנחנו כאן!

ווילנע 1957

נאָך אַ קאָנצערט פון ווילנער יידישן פאָלקס־טעאַטער.

דער טעאַטער־אַנסאַמבל איז אויפגעקומען אַ דאַנק דעם נאַציאָנאַלן ענטוזיאַזם פון אַ יונגער גרופע ליבהאָבער פון יידיש־טעאַטער, נאָך אַ לאַנגדויערנדיקן קאַמף, כדי אַרומגיין און באַזייטיקן אַלע באַריערן, וועלכע ס'האָבן געשטעלט פאַר אים די סאָוועטיש־פּאַרטייאישע אַדמיניסטראַטיווע אַנשטאַלטן.

דער קאָנצערט האָט זיך פאַרענדיקט מיטן הימען פון די יידישע פּאַרטיזאַנער און געטאָ־קעמפער:

— „ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זענען דאָ!" — האָט מיטגעזונגען שטייענדיק דער פול־געפּאַקטער טעאַטער־זאַל...

אויפן בילד די יידישע דיכטער **יאָסל קאָטליאַר** ע"ה (1) און **יוסף קערלער,** (2) פון אויף אַ באַגעגעניש מיט די פירנדיקע אַקטיאָרן, וועלכע זענען **שוין איצטער דאָ** און נעמען אָנטייל אינעם יידישן ישראל־אַנסאַמבל „אנחנו כאן".

פון אַלמאַנאַך צו אַלמאַנאַך

לזכרון

די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד

17 אויגוסט 1975. אַ פאַרשיירנאַרטיקער עולם האָט איבערפולט דעם גרויסן זאַל פון בית אגרון. געקומען זענען, נישט נאָר מיטגלידער פון דער היגער יידישער קולטור־געזעלשאַפט — ס'האָבן זיך אויך געוואָרפן אין די אויגן נישט וויניק סטודענטן און מיטאַרבעטער פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, יידישע און העברעישע שרייבער, קינסטלער און קולטור־טוער, נייע עולים און געוועזענע עליה־אַקטיוויסטן פון סאָוויעטנפאַרבאַנד דאָ איז מען זיך צוזאַמענגעקומען, כדי פייערלעך אָפּצומערקן דעם אָנדענק פון די פאַרשניטענע אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, יידישע שרייבער און קולטור־טוער. אין פרעזידיום זענען געזעסן פייגע האָפּשטיין און אסתר מאַרקיש — די טרייע לעבנס־באַגלייטערינס פון אונדזערע גרויסע דיכטער־קדושים.

דוד ספאַרד האָט אין זיין אינהאַלטסרייכן אַריינפיר־וואָרט באַטאָנט, אַז וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון דער טראַגישער דאַטע 12טער אויגוסט 1952 אַלץ שאַרפער שפירן מיר אונדזער צער, אַלץ טיפער באַנעמען מיר די גרויסע נאַציאָנאַלע אבידה פון דער יידישער ליטעראַטור, ווייל עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אירע גרעסטע און וויכטיקסטע שעפערס. קיין שום אַנדערע ליטעראַטור וואָלט נישט אויסגעהאַלטן אַזאַ שווערע בראָך.

די פיזישע אויסראָטונג פון דער יידישער קולטור האָט זיך אָנגעהויבן פיל פריער ווי אין 1952, און די סאָוויעטישע מאַכטהאָבער זעצן פאָר ביז היינט זייער מערדערישע אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע ביי זיך אין לאַנד און אויף גאָר דער וועלט. דוד ספאַרד לייענט פאָר די טרויעריקע קדושים־ליסטע — דוד בערגעלסאָן, דוד האָפשטיין, דער נסתר, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, יחזקאל דאָברושין, יצחק נוסינאָוו, איזי כאַריק, משה קולבאַק, זעליק אַקסעלראָד, מאַקס עריק, זיסקינד לעוו, ישראל ציַנבערג און נאָך און נאָך . . .

דער עולם שטעלט זיך אויף און באַערט אין שטילשווייגן די באַליבטע שרייבער קרבנות פון סאָוויעטישן רעזשים.

מיט גרויס געריוטקייט האָבן די פאַרזאַמלטע זיך איינגעהערט אין די רייד פון פייגע האָפשטיין און אסתר מאַרקיש. די ערשטע האָט געשילדערט דעם שוואַרצן אָקטאָבער־טעג אין קיעוו ווען די רוצחים זענען געקומען נאָך דוד האָפשטיינען און אַוועקגעפירט צום טויט. אסתר מאַרקיש האָט דערציילט וועגן דעם קוים אויסבאַהאַלטענעם ציניזם, מיט וועלכן איינער אַ גענעראַל פון דעם סאָוויעטישן אויבערגעריכט, האָט געמאָלדן די אומגליקלעכע אלמנות וועגן דער דאַטע פון 12טן אויגוסט 1952, ווען מען האָט דערשאָסן זייערע מענער.

רחל בוימוואָל, מאיר חרץ, דוד ספאַרד און יוסף קערלער לייענען ווערק פון די אומגעבראַכטע דיכטער. אין זיין שלוס־וואָרט האָט יוסף קערלער געזאָגט, אַז ביים דערשיסן די גרויסע יידישע דיכטער

האָבן די סאָוועטישע תלינים געצילט פיל ווייטער. דאָס האָט באַדאַרפט זיין, לויט זייער אויסרעכענונג, דער ערשטער זאַלפּ צו דער "ענדלייזונג" פון דער יידן־פראַגע אינעם גוט־באַקאַנטן נוסח פון היטלערן י"ש. און יענער זאַלפּ האָט זיך טאַקע שפּעטער אָפּגערופן אָבער גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג פון די רוסלענדישע יידן, זייער אָפּענער קאַמף פאַר אַ פרייער עליה קיין ישראל, איז אויך אַן ענטפער אויף יענעם רוצחישן זאַלפּ. דער 12־טער אויגוסט איז נישט נאָר דער טאָג פון אונדזער נישט פאַרגעגנגלעכן צער און טרויער — ס'איז דער טאָג פון אונדזער חשבון הנפש. דער טאָג פון געדענקען און דערמאָנען די גרויסע נאַציאָנאַלע שאַפונגען פון די אומגעבראַכטע, דער טאָג וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן, און מיר וועלן נישט מוחל־זיין די דם־שונאים פון יידישן פאָלק.

אזכרה־אָוונטן אין תל־אביב

די צענטראַלע פון בני־ברית האָט איינגעאָרדנט ביי זיך אין לאָקאַל אַ טרויער־אָוונט געווידמעט די אומגעבראַכטע יידישע שרייבערס אין ראַטנפאַרבאַנד.

אינעם אָוונט האָבן זיך באַטייליקט פייגע האָפּשטיין און איר טאָכטער לויה, אסתר מאַרקיש און אירע זין שמעון און דוד, דער דיכטער בילעצקי און דער ליטעראַטור־פאָרשער לייזער פּאָדריאַטשיק. מיט רעציטאַציעס איז אַרויסגעטראָטן די וואָרט־קינסטלערין דינה רויטקאָפּ ז"ל.

● די פאַראייביקונג פון די סאָוויעטישע עולים האָט אויך אָפּגעמערקט דאָס 23סטע יאָר זינט דעם מאָרד איבער די יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס אין רוסלאַנד.

אינעם אָוונט האָבן זיך באַטייליקט אסתר מאַרקיש און פייגע האָפּשטיין, די דיכטער יוסף קערלער און מאיר חריץ, די זינגערין נחמה ליפשיץ און די אַרטיסטין פון "הבימה" דינה רויטקאָפּ ז"ל.

אויפנאַמעס אין תל־אביב און בת־ים

יידישע און העברעישע שרייבער, קינסטלער, זשורנאַליסטן, מלוכהשע, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער, געסט פון אויסלאַנד, האָבן אין טאָג פון 12־טן אויגוסט באַזוכט פייגע האָפּשטיין און אסתר מאַרקיש אין זייערע וווינונגען.

מיט זכרונות און אָפּשאַצונגען פון האָפּשטיינס און מאַרקישעס ווערק זענען אַרויסגעטראָטן אברהם סוצקעווער, דוד ספּאַרד, שמעון מאַרקיש און לייזער פּאָדריאַדטשיק.

אין חיפה

די יידישע ליטעראַטן־גרופּע אין חיפה האָט לעצטנס איינגעאָרדנט אַן אָוונט געווידמעט די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

דער אָוונט איז פאָרגעקומען דעם 11טן אָקטאָבער 1975, אין זאַל "ביתנו". פאָרזיצער פון אָט דעם אָוונט איז געווען מ. קראַשניץ.

ס'האָט זיך באַטייליקט מיט אַ רעפעראַט מ. צאַנין און די באַקאַנטע וואָרט־קינסטלערין הדסה קעסטין האָט מיט גרויס דערפאָלג רעציטירט אייניקע שאַפונגען פון די אומגעבראַכטע יידיש־סאָוויעטישע דיכטער.

אין בת־ים

אַן אָנדענק־אָוונט לזכר די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד איז פאָרגעקומען אין בית־שפּרינצאַק, בת־ים, דעם 25סטן אויגוסט. ח' א. לייבאָוויטש האָט גערעדט וועגן דער יידישער וועלט פון די פופציקער יאָרן. זלמן הירשפעלד האָט רעציטירט די לידער פון פּרץ מאַרקיש, איציק פעפער, דוד האָפּשטיין און שמואל האַלקין. דער דיכטער נחום קליינשטיין האָט פאָרגעלייענט זיינע לידער. שמואל טאָלער האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

נייע פאַרוואַלטונג פון דער ירושלימער יידישער שרייבער־גרופע

אין סעפּטעמבער ד. י. איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די יידישע שרייבער אין ירושלים.

מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן דער טעטיקייט פון דער פאָריקער פאַרוואַלטונג און וועגן די פּלענער אויף ווייטער זענען אַרויסגעטראָטן די חברים רחל בוימוואָל, ז. ברכות, יחיאל גראַנאַטשטיין, זיאַמע טעלעסין, מאיר חרץ, דוד ספרד, יוסף קערלער, נחמן ראַפּפּ און אפרים שעדלעצקי.

אויף דער פאַרזאַמלונג איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן אַ באַריכט פון דער רעדאַקציע פון "ירושלימער אַלמאַנאַך". צוליב בעסערער קאָאָרדינאַציע אין דער אַרבעט איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג אין מינימאַלסטן באַשטאַנד.

אין דער נייער פאַרוואַלטונג זענען אַריינגעקומען זיאַמע טעלעסין (פאָרזיצער), יחיאל גראַנאַטשטיין, און מאיר חרץ.

נחמה ליפשיץ — צוואַנציק יאָר מיטן יידישן ליד

דאָס איז געווען ערשט נאָכן גרויסן חורבן פון דער יידישער קולטור אין סאָוויעטנפאַרבאַנד. דערשראָקן, קראַנק און צעבראָכן האָבן זיך איינציקווייז אומגעקערט פון די ווייטע צפונדיקע צוואַנגסלאַגערן די לעבנגעבליבענע שרייבער, אַרטיסטן, קולטור־טוער...

דאָס איז געווען אין יאָר 1955. דאַן האָט זיך צום ערשטן מאָל דורכגעבראָכן צו אונדז ווי אַ ליכט־שטראַל דער ווונדערלעכער יידישער ניגון און דאָס לעבעדיקע יידישע וואָרט פון **נחמה ליפשיץ**.

די סאָוויעטיש־אַנטיסעמיטישע אַדמיניסטראַציע און אויך די נעאָ־יעווסעקן האָבן אַלץ געטאָן צו דערשטיקן דאָס יידישע נאַציאָנאַלע ליד. נחמהס קול האָט זיך דאָך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג, געטראָגן טרייסט און האָפענונג פאַר די יידישע מאַסן. נישט צו באַשרייבן איז דעם פריידיקן ענטוזיאַזם מיט וועלכן די צוהערערס פלעגן באַגעגענען די אויפטריטן פון נחמה ליפשיץ אין מאָסקווע, לענינגראַד, אָדעס, ווילנע, נאָוואָסיבירסק און אַנדערע שטעט פון דער גרויס־רוסישער אימפּעריע.

וועגן דעם און וועגן דער גרויסער ראָל פון דער יידישער פאָלקס־זינגערין ביים אָנהייב פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג פון רוסלענדישן יידנטום, האָבן גערעדט ביי אַן איבערגעפּולטן זאַל פון בית־העם — אונדזער געוועזענער אַמבאַסאַדאָר אין ראַטנפאַרבאַנד, יוסף אבידר, דער עליה־אַקטיוויסט פון לענינגראַד — ד"ר **אשר בלאַנק**, פון אָדעס — **ג. הימעלפאַרב**. די אלמנה פון ווילנער יידישן דיכטער יוסף קאָטליאַר ז"ל — רחל **קאָטליאַר**. מיט אַ שלוסוואָרט איז אַרויסגעטראָטן **יוסף קערלער**.

אין דער צווייטער העלפט פון אָט דעם מערקווירדיקן יוביליי־אָוונט איז אַרויסגעטראָטן מיט געזאַנג **נחמה ליפשיץ**. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אויפגענומען מיט באַגייסטערונג אירע לידער סיי פון אַמאָליקן, סיי פון איר נייעם רעפּערטואַר.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך פאַרצויגן דער אומפאַרגעסלעכער אָוונט פאַר וועלכן ס'קומט אַ ישר־כוח דער קולטור־אָפּטיילונג פון דער ירושלימער עיריה, דעם ירושלימער קליטה־צענטער און דער לאָקאַלער קולטור־אָפּטיילונג פון דער הסתדרות.

אַרום דעם אַלמאַנאַך

אין אויגוסט 1975 איז אין בית־אַגרון פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף צווישן די מחברים און לייענערס, בשייכות מיטן דערשיינען פון 4טן נומער „ירושלימער אַלמאַנאַך“.

דער פאָרזיצער פון לעבהאַפטן אָוונט ד״ר גרשון וויינער האָט מיט גרויס געניטשאַפט אָנגעפירט און געגעבן דעם טאָן, ווו מיט אַן ערנסטער באַמערקונג, ווו מיט אַ האַרציקן שמייכל, האָט ער מיטגעווירקט צו שאַפן די פריינטשאַפטלעכע אַטמאָספער פון גרויס פאַראינטערעסירונג מצד דעם עולם מיט אונדזער אויסגאַבע.

ביים פרעזידיום־טיש האָבן די חברים רחל בוימוואָל, מאיר חרץ, זיאַמע טעלעסין, דוד ספאַרד און יוסף קערלער געענטפערט אויף די פילצאָליקע פראַגן און באַרירט פאַרשידענע פראָבלעמען פון קינסטלערישער שעפערישקייט און היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור.

אינעם שמועס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אייניקע לייענער און אַרויסגערוקט אַ גאַנצע ריי קריטישע באַמערקונגען און געמאַכט אינטערעסאַנטע פאָרשלאַגן.

קבלת פנים פאַר בנימין שלעווין

סוף אָקטאָבער האָט די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער שרייבער־גרופע איינגעאָרדנט אַ קבלת פנים פאַרן טייערן גאַסט פון פאַריז, דעם אָנגעזעענעם פראָזעמייסטער בנימין שלעווין.

אין איינעם פון די הסתדרות־זאַלן האָט זיך פאַרזאַמלט אַ היפשער עולם, וועלכער האָט וואַרעם אויפגענומען די אַרויסטרעטונג פון חשובן גאַסט. ווי אויך די אינטערעסאַנטע באַטראַכטונגען פון שרייבער אברהם ביק און דיכטער בינם העלער וועגן בנימין שלעווין און זיינע ווערק.

פאָרזיצער פון יענעם אָוונט איז געווען זיאַמע טעלעסין.

מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט דער עולם אויפגענומען די וואָרט־קינסטלערין הדסה קעסטין, וועלכע האָט פרעכטיק רעציטירט שלעווינס דערציילונג „כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פרעמד“.

אַ בריוו

צו דער רעדאַקציע

„ירושלימער אַלמאַנאַך“

חשובע פריינד,

פאַר אייער באַריכט אין נומער 4, ז. 36 וועגן דער אונטערנעמונג, וועלכע מיר האָבן אָרגאַניזירט פאַר די געוו. פראַנט־קעמפער פון דער סאָוויעטישער אַרמיי א.ד.ט. 30 יאָר נצחון איבער היטלער־דייטשלאַנד — דריקן מיר אויס אונדזער אויפריכטיקן דאַנק. אָבער צום באַדויערן מוזן מיר ציען אייער אויפמערקזאַמקייט אויף אַ פאַרדריסלעכן פאַרזעען: צווישן די אַלע נעמען פון די אָנטיילנעמערס, וועלכע איר רעכנט אויס האָט איר איין נאָמען אין גאַנצן נישט דערמאָנט, דער, וועלכער האָט אַריינגעלייגט זיין ענערגיע, מי, צייט ווי אויך פינאַנסירט די אונטערנעמונג, דהיינו: **ועד התיאום (קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט) פון די אָרגאַניזאַציעס פאַרטיזאַנער און געטאָ אויפשטענדלער, אַנטי־נאַצי־קעמפער, געוו. אסירי הנאַצים א.א.וו. אין ירושלים.**

האַלטנדיק, אַז דאָס טאָר נישט ווערן אונטערגעשאַצט האָבן מיר דעריבער באַשלאָסן אייך צו שיקן דעם דאָזיקן בריוו מיט דער בקשה אים צו פאַרעפנטלעכן אין נאָענסטן נומער פון „ירושלימער אַלמאַנאַך“.

מיט בעסטע ווונטשן

פאַרן ועד התיאום

יאַקוב גוטפריינד

#ביים שליסן דעם נומער

מיר האַלטן פאַר נייטיק צו געבן די איבערזעצונג פון פאָלגנדיקן דאָקומענט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך פאַרשידענע מערב־אייראָפּעישע פּרעסע־אַגענטורן:

גענאָציד

די אונטערגעחתמעטע דריקן אויס פּראָטעסט קעגן דער רעזאָ־לוציע, אָנגענומען דורך דער אַסאַמבליי פון די פאַראייניקטע נאַציעס, אין וועלכער ציוניזם ווערט צוגעגליכן צו נאַציזם.

אָט די פאַלסיפירונג פון היסטאָרישן אמת צילט צו פאַרווישן יעדן זכר פון דעם גענאָציד, איבער וועלכן עס זענען געפאַלן אַ קרבן 6 מיליאָן יידן און זי פאַרקריפּלט די שטרעבונג צו פעסטיקן זייער נאַציאָנאַלע אייניקייט פון די יידן, פאַרפאָלגטע דורכן ראַסיזם; זי שעדיקט דער זאַך פון שלום און איז קעגנזעצלעך צו דער שליחות פון די פאַראייניקטע פעלקער.

פראַנסואַ מיטעראַן, פּיער מענדעס־פראַנס, אַנדרע מאַלראָ, אַנדריי סאַכאַראָוו, זשאַן־פּאָל סאַרטר, סימאָנאַ דע באָוואָר, רענע קאַסען (נאָבעל־פּרייז לאַורעאַט), אַלפרעד קאַסטנער (נאָבעל־פּרייז לאַורעאַט), פראַנסואַ זשאַקאָב (נאָבעל־פּרייז לאַורעאַט), אַנדריי לוואָוו (נאָבעל־פּרייז לאַורעאַט).

★

באַגריסונג פון רעדאַקציע

די יידישע ישראל־שרייבערין גיטל מייזיל איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן חיים זשיטלאָווסקי־פּרייז פאַרן יאָר 1975. דער פּרייז איז איר צוגעטיילט געוואָרן פאַר איר בוך „עסייען" (פּרץ־פאַרלאַג 1974, תל־אביב). מיר באַגריסן האַרציק אונדזער ליבע גיטל מייזיל און ווינטשן איר פיל געזונט און שעפערישע פרוכטבאַרקייט.

רעדאַקציע פון „ירושלימער אַלמאַנאַך"

★

פאַריזער ליטעראַטור־פּרעמיע א. נ. פון „זכריה גאַנאַפּאָלסקי"

מיר האָבן דעם כבוד און דאָס פאַרגעניגן צו אינפאָרמירן, אַז די זשורי אין צוזאַמענשטעל פון די חשובע פריינד: פּראָפ' אַלעקס דערטשאַנסקי, ד"ר יצחק וואַרשאַווסקי און רעדאַקטאָר שלום קלינגער, האָט איינשטימיק באַשלאָסן צוטיילן די יערלעכע (דאָס מאָל — צענטע) ליטעראַטור־פּרעמיע פאַרן יאָר 1975, דעם שרייבער און זשורנאַליסט יצחק בראַט (תל־אביב) פאַר זיין בוך „אין היימישן שפּיגל" (דערשינען אין יאָר 1974).

פאַרן פּרעמיע־קאָמיטעט:

ד"ר יעקב ראָטה
פאַרזיצער

יחזקאל קאַרנהענדלער
סעקרעטאַר